מאז הוא היה נושא סיוטי במצוקות ילדותי.

שנים, אזכור, חי איוואן בליז׳נסק בודד ומנודה, מופרש גם מ„אחיו״ כאילו לא הכירהו מעולם.

ופעם... כשנכנסתי בבקר לבית המדרש, מצאתיו שרוע אפרקדן על הספסל, שמאחורי התנור, מוקף ילדים ובוגרים והוא נפוח כולו, צבה־בטן ופנים ומחוסר הכרה.

כעבור יומים שלושה מת איוואן ויקברוהו מאחורי גדר בית העלמין.

בו ביום נתלהקו כלבים לעשרות בחצר בית הקברות ליד קברו, מתרוצצים ביללות קורעות שחקים וללא הפוגות. יהודי ליז׳נסק אמרו:

— קינה הם נושאים הכלבים על מות איוואן עליו השלום. האח השני, הנודע בשם ר׳ מרדכי בוגאץ׳, השתלב בנוף ליז׳נסק היהודית. הוא גידל לו זקן ופיאות, חבש מגבעת קטיפה שחורה לראשו וקפוטה שחורה, ובשבת — שטריימל וביקישע שחורה לבש, ובא לבית הכנסת להתפלל ככל היהודים.

הוא התחתן כדת משה, הוליד ילדים ואכל כשרות. עסוקו היה בסרסרות קטנה ותיווך בין גויים לבין עצמם במסחר סוסים. אם הרוויח כדי פרנסתו או לא, לא ידוע לי, אך תמיד ראיתיו בימי יריד כשהוא מריץ סוסים, טופח על עכוזיהם ומשבח „סחורתו״ של בן תווכו. בסופי ירידים היה בא לבית המשקה של אבא ושותה עם הגויים כאחד מהם.

לפרנסה לא דאג ביותר, לזה דאגה הפלונית שלו ה„בוגאצ׳קה״. היא היתה קבצנית מקצועית מבטן ומלידה. בימות החול היתה עמודה בכניסה לקבר הרבי ר׳ אלימלך זצ״ל ולא נותנת להכנס ל„אהל״ אם לא נתנו לה את „פדיונה״ הדרוש. אנשים פחדו מתקפנותה ונתנו לה. בבקרי שבתות וחגים היתה מחזרת על פתחי עשירים ואמידים עם תרמיל עמוק על גבה ואוספת עוגות־תופח ו„שטרודל״. חלה לא היתה מקבלת. את הנותנים היתה מברכת ברכות שונות, הכל לפי הנותן והמתן, ואוי לולזה שהציע לה חלת המוצא, שאז היתה ברכתה הופכת שטף של להוגים שהקללה יפה מהם.

מרדכי בוגאץ׳ מת והשאיר אלמנה ויתומים.

וגם הם מותם בא להם מיד אשמדאי, רוצח יהודים מארץ הגרמן.

מתתיהו שפרגל

מוטעלע — טפשה של ליז'נסק

(מן הסדרה „חריגי חברה")



גם לנו היה טפש שלנו.

גורל איננו דבר שבמוחלט, גם הוא נמדד לפי יחס, לפי השוואה אל גורלו של אחר, למעלה או למטה. לכן היה טוב לכל אחד בעיר, כאשר הוא יכול היה להשוות עצמו אל מישהו, שהוא פחות חכם ממנו, פחות מוצלח, פחות מקובל על הבריות וכו'. זה היה תפקידו של „טפש העיר" בכל עיר. אי אפשר לה לעיר בישראל בלי כלי „להתכבד בקלונו" שכזה.

שמו של הטפש שלנו היה מוטילה או מוטיניו.

הוא נולד בבית עני וזנוח. מילדותו נדון ליתמות, לא ידע אבא־אמא, לא ידע ילדות מהי.

אמא מתה עליו בינקותו, אבא חיזר על עיירות מרוחקות לקבץ נדבות. אל „משפחתו" היה חוזר לעתים רחוקות רחוקות.

מוטילה גדל ללא אוכל מזומן וללא בגד לפי צרכיו ולפי מידתו. בקיץ היה חובש מגבעת בלויה, גדולה לפי ראשו, שהיתה יושבת לו על אזניו ומסתירה את עיניו. גופו היה עטוף סמרטוטים, שלא ידעו טעם של כביסה ואוורור ולרגליו הבלויות — נעלים גדולות ומרופטות. בחורף היה כובע גדול מסתיר פניו עד

אחרי האף וראשו נטוי קדימה. גחון היה בשוטטו ללא מטרה בעיר ונהימות חסרות משמעות מתמלטות מפיו ללא הרף.

את ימיו היה מוטילה מבלה בבית המדרש ליד התנור ובלילה — בין התנור והכיור היה משכבו. בית המדרש היה ביתו, ומתפלליו — הוריו. למזלו היה בין „הורים" אלה אחד, שדאג לו באמת והיה לו לאב ממש, ר' יוסיל מלמד. הוא היה יהודי מאמין, ישר וטוב לב והיה מטפל בו תוך חיוך סלחני ומבין, ומספק לו צרכי אוכל ולבוש ככל האפשר.

לנו הילדים היה מוטיניו מקור ענין ושמחה מתמיד. היינו מקדישים לו שעות וימים ונהנים מתעלוליו ותוך כדי כך הורגלנו להעריך את ר' יוסל מלמד ומעשהו.

פעם נפוצה השמועה, שלמוטילה מלאו י"ג שנה והגיע לגיל מצוות. ועוד מעט — נאמר — יבוא ר' יוסל עם זוג תפילין ויערך לו טכס הנחה ותפלה. היה זה כאילו נאמר שעוד מעט תופעל מכונה אטומה, אשר תבצע פעולות מסובכות ביותר והפליאה גדלה. איך יניח תפילין כשאינו יודע צורת אות? איך יתפלל? יברך?

מהבוקר עמדנו בבית המדרש וחכינו למאורע. בינתיים הסתובבנו סביב מוטיניו, התלוצצנו, קינדסנו והיה שמח. הוא ה„מחותן" עצמו, עמד באמצענו רכון ראש כשל פר גדול, שפתיו שילחו מפעם לפעם נהמות זוועה מהולות בבת צחוק של טרוף. הוא לא שעה לתעלולינו. שקוע היה באישיות עצמו.

בינתים הגיע ר' יוסל מלמד זורח משמחת מצוה כ„בעל שמחה" אמתי היודע מה מצוה עומדת לו בהכניסו את מוטיניו בעול של מצוות ו„אידישקייט".

הוא הוציא מנרתיק חגיגי זוג תפילין חדשים, הפשיל שרוול שמאל של החתן דנן, כרך לו רצועות של יד תוך ברכה בקול רם, כשמוטילה מנהם אחריו משהו, שלא מכאן ואנו הילדים עונים אחריהם „אמן" רם ונישא מלווה רעמי צחוק ושמחה. לא ביום אחד נסתימה שמחה זו, עוד הרבה ימים ניסה ר' יוסל לחזור על נסיונו זה ואנו... אתו בכל.

היתה שמחה שניה בחיינו שגם היא כרוכה במוטיניו טפשנו הנחמד.

העיר ליז'נסק זכתה ל„הקדש" משלה. ביזמת טובים וכן שלמים בעירנו הוקם בית להכניס בו אורחים, מקבצי נדבות, דרשנים ופורחים אחרים, המזדמנים לערי ישראל, שלא יצטרכו ללון בבתי כנסת וברחובות. לכל קבצן ואורח נוטה ללון הוקדשה מטה מסודרת עם מצעים טובים, לקבצני העיר מסוגם של „עניי־עירך" הוקצו קיטונים קיטונים עם רהוט־שינה מתאים.

מה עשה ר' יוסל? לקח את מוטלה בן טפוחו, הוליכו אל בית „ההקדש" הראה לו חדרו המוקצה למענו, הציע לו את מטתו, השכיבו בה, כשהוא זורח משמחה למראה „תכשיטו" שזכה אחת ולתמיד למטה משלו כאחד בן אדם, היה זה רגע קדוש־הוד בעיני כולנו, היינו שותפים מלאים לשמחת המצוה הגדולה ורגעו הגדול של ר' יוסל.

*

למחרת בבוקר, כשבאו ראשוני המתפללים לבית המדרש, נדהמו לראות את מוטיניו שלהם שוכב כמימים ימימה על רצפת הקרקע שבין התנור והכיור. משנשאל מדוע הוא ממשיך כאן לישון, ענה: — אני לא יכול לישון במטה.

כך נשאר מוטיניו ה„מיוחס" היחיד שהורשה לו לישון בבית המדרש, עד...

עד שבא החורבן הגדול של ליז'נסק. הנאצים צרפו את מוטיניו אל בני עדתו כאחד משלהם. הוא נספה יחד עם כל בני ליז'נסק ביום שואה ומשואה.

צ י ו נ י נ פ ש



משה גריזמן ז״ל

מינה מילר

אחי משה גריזמן ז״ל

(מראשוני החלוצים של ליז׳נסק)

עליז, מלא מרץ, ברוך העזה, בעל שקט נפשי נדיר, בת צחוק נצחית על פניו וטוב לבב, אלה היו קוי דמותו ואופיו — כל מי שנפגש בדרך חייו נהיה לו לידיד ורע.

בשנת 1930 עלה ארצה עם הקבוצה הראשונה של תנועת „הנוער הציוני עקיבא" ומאז ועד יום מותו הטרגי, חייו הקצרים בארץ, היו מלאי אופטימיות, אושר ואהבה ללא גבול לכל הסובב אותו. לא ידע ליאות ויאוש, כי חרוץ היה ולא דרש הרבה מהחיים; הסתפק במועט שבמועט ומי שידע לקרוא בפניו הקורנים תמיד מאושר — לא יכול היה לא לקנא בו.

זכורתני בקורי הראשון בחדרו למחרת בואי ארצה. הוא היה אז כבר מחוץ לקבוץ. וכמובן מטעמים אידיאולוגיים, פועל בפתח־תקוה — החדר הקטן בצריף, ובו מיטת ברזל, מזודה בגודל של חצי מטר ובה כל „הגרדרובה" שלו. הרצפה מכוסה עתונים מפוזרים. עמדתי נדהמת והוא צחק כרגיל, ובתשובה על שאלתי

שעדיין לא הספקתי לשאול, אמר: כך חיים בארץ, לא נחוץ יותר. לא דרוש הרבה בכדי להיות מאושר. אז הוברר לי הפתגם: „איזהו עשיר השמח בחלקו", ושמח בחלקו הוא היה בכל התנאים; בכל ראה רק את הטוב והיפה ובמצבים שלא היה בהם הרבה מהיופי, הוא יצר אותו בכח דמיונו ורצונו לטוב וליפה.

אין אני יכולה להעלות בזכרוני את משה במצב רוח רע. בכל התנאים ובכל הנסיבות היה צחוק נסוך על פניו היפים להפליא וצחוקו זה היה משרה אופטימיות גם בלב הסובבים אותו. נוח היה בבית לבני המשפחה ונוח לחבריו הרבים במקומות עבודה השונים בארץ. אהב אנשים ואהב את הארץ. עם כל לבנה שנוספה בבניין הארץ שמח וצהל כאילו היה זה השגו הפרטי והאישי.

יפים היו החיים בעיניו והוא אהב אותם, אבל הגורל התאכזר ובלכתו בפעם האחרונה לעבודה לא העלה על דעתו, לא הוא ולא אנו הקרובים לו ביותר, שהחיים היפים כל כך, מלאי השמש והאושר לא בשבילו המה, שבעולם רחב ידים כל כך, אין מקום קטנטן גם בשבילו.

היה זה בחודש אב תשי"א (1951) אז הוא הלך בפעם האחרונה לעבודה שממנה לא שב עוד. תאונת עבודה קטלנית ניתקה את פתיל חייו הצעירים והיפים והוא אז רק בן 41.



הורי משה ז"ל, אחיו ואחיותיו

דבורה ארום

מרדכי ארום ז״ל



מרדכי ארום ז״ל עולה ארצה

את מרדכי הכרתי בחוץ לארץ. אני הייתי בהכשרה בסלבקוב והוא היה בהכשרה בבילסקו. הוא היה מבקר אצלנו בקורי הכרות ואני בקרתי בקבוץ ההכשרה שלו. עלינו יחד, במקרה, ונקלענו יחד להכשרה בכפר פינס.

שנתיים לפני עלותנו על הקרקע בכפר עציון נישאנו והכרתיו מקרוב.

מרדכי היה בן מסור להוריו ומכבדם. אף פעם לא נכנס בויכוח אתם ולא הקניטם, אך לא ויתר על שלו, ואת השקפותיו המתקדמות לא כיסה מהם. הוא נהג לפיהן בין אם נתקל בהתנגדותם או לא.

הוא היה איש הספר ושוקע תמיד בקריאה כשרק עתותיו בידיו. צמאונו לידע לא ידע גבול, קריאתו היתה תאוותנית, חושנית, כמין הזדווגות עם הספר ללא הפרד. השכלתו עוכבה על ידי ההורים והצטמצמה רק ללימודי היהדות, אך ביזמתו עצמו הוא ובהעזתו וצמאונו ללימודים מעשיים נרשם שלא על דעת הוריו לבית ספר למסחר ולמד שם על אף דעתם. בית ספר זה היה לו מעין מדריך למציאות ומקור לידיעות כלליות.

בהכשרה החליט לא לעסוק בפקידות והחליט להיות סנדלר הקבוץ. היה זה מין התרסה כלפי כל המקובל בדור הישן, לא רק מלאכה חייב יהודי לדעת, כי אם המלאכה הבזויה שבה יש מן הגאולה.

הוא הלך לגוי אחד בבי־לסקו, סנדלר בעירו, ולמד את המקצוע. מרדכי לא המשיך הרבה זמן, כי העליה הפסיקה הכשרתו המקצועית.

לפני עלותו ארצה נפלה אמו למשכב, מחלתה היתה אנושה ומרדכי התלבט. הוא הילד האחרון, תומך זקנתה, איך ישאירנה על ערש דוי. כמעט שהחליט לוותר על עלייתו, אך אמו קראה אותו אל מטתה וציותה עליו לנסוע.

ביום הגיעו ארצה בא המברק שבשר על פטירת האם. את יומו הראשון בארץ פתח מרדכי בישיבת „שבעה״.

כשהגיע לכפר פינס קבל על עצמו את נהול חשבונות החבורה, אך בד בבד עם עבודתו היה הולך יום יום לכרכור להשתלם במלאכת הסנדלרות.

הסנדלר בכרכור שהיה בן סנדלרים ונתון למקצועו מילדות, לא ידע עברית ודיבר אידיש, תוך הרגשה לא טובה. מרדכי לימד אותו את השפה תמורת למודו הוא את הסנדלרות. תוך כדי למוד המקצוע עסק בפעולה תרבותית בחברתו.

גם בכפר עציון עבד בסנדלרות ובתרבות גם יחד. כאן גילה תכונות של רצינות והתמסר לענייני בטחון ודיני נפשות. הוא היה אחראי על מחסן הנשק במקום, עסק בסליקים, עבר קורסים לאחסנה, לא היה דבר במקום שנעשה בלי יזמתו, מסירותו או שיתופו הפעיל.

מרדכי נתברך בכושר שפוט הגיוני ופשוט. אנשים נתנו אמונם בו וסמכו עליו. מרדכי היה שקט ואמיץ ודובר אמת בפנים.

כאיש משפחה התבלט בסבלנותו הרבה לילדים, הוא היה אבא מסור ומחנך בשקט שלו הנפשי. הוא היה איש משפחה טוב ושקול בתגובותיו.

ביום 14.5.48 בהתקפה הגדולה על גוש עציון ועל כפרנו, נפל מרדכי בעמדתו תוך קרב אבוד לפני שנתקבלה ההוראה להכנע.

מרדכי פלדמן

נרצח אור ליום ב׳, כ״ו בתשרי תרצ״ז



מוטק פלדמן ז״ל

נפל על המשמר בג׳דה מכדור שנורה בלילה מן המארב. חבר משק יגור. בן 23. עלה לארץ לפני שנתיים כתלמיד האוניברסיטה. עזב את הלימודים במרץ 1935 ונכנס למשק יגור. בגולה היה חבר „התאחדות" ותלמיד באוניברסיטה בלבוב, במקצועות החימיה והפילוסופיה. גויס כשוטר מיוחד, אחד משבעת השוטרים המיוחדים שגויסו במשק יגור.

(הועתק מעתון דבר)

שלמה תמיר

אריה רייכנטל ז״ל

(דברים שנאמרו לזכרו ביום השנה והובא בעלון משק תל־יוסף, מס. 1431, 10.12.65)

הלך מאתנו שבע יסורים אולם כלפי מושגינו כיום לא שבע שנים. בס״ה בן 68. עד יום מותו היה בהכרה מלאה. שוחח עם הילדים, הנכדים ועם כל מי שבא לבקרו. היו ימים שסבל מכאובים, שהתפתל ביסורים, שניזון מזריקות, כדורים, סמים מרדימים וכו׳. ולעומתם היו ימים שירד מהמיטה, התהלך בחדר, אכל ושתה, שוחח עם אנשים, צחק לשמע הלצות, התענין במצב במשק. לפי דרישתו הוסע לקלפי ביום הבחירות לכנסת.

הוא נולד בליז׳נסק בגליציה. בשנות המלחמה העולמית הראשונה הוא שהה בווינה, שירת בצבא הוד מלכותו הקיסר של אוסטריה־הונגריה פרנץ־יוסף. עלה ארצה ב־1920. בשנותיו הראשונות בארץ עבד בכבישים ובבנין. בשנת 1922 התחתן. בשנת 1923 נסע עם אשתו לבקור בליז׳נסק. שלוש שנים שהו שם. אח״כ חזרה משפחתו ארצה והוא נסע לארגנטינה. שהה גם בברזיל. שנה הוא חי בדרום אמריקה וחזר למשפחתו ארצה.

כל ימי חייו הוא עבד קשה. נדד ממקום למקום. חי עם משפחתו בירושלים, ברעננה, בתל־אביב (בצריף בשכ׳ נורדיה) ולפני 17 שנה בא אלינו (בשנת 1951 לבתו מרים ולחתנו מרדכי תמיר. רוב שנותיו בחו״ל ובארץ עבד כטבח — במחנות צבא, במטבחי פועלים של סולל־בונה, במחנות צבא בריטי, אצל אישים שונים (כמו השופט העליון גד פרומקין ואחרים). שנים רבות היה חי את ימות השבוע רחוק מהבית במחנות, בצריפים ואוהלים. לשבת היה בא הביתה.

היו תקופות רבות, שמשפחתו חיה בתנאים קשים. גם כשהיה בעל מסעדה עצמית היה נוהג לתת אוכל לרעבים, למחוסרי עבודה. הרשימות של בעלי החובות מילאו לא ספר אחד, אולם לרוב לא ראה את הכסף חזרה, ובכל־זאת לא קרה שלא יתן אוכל למישהו. היה מטבעו טוב לב, תמים, בעל נטיות להיענות לכל תביעה לתרומות ונדבות.

בבואו לתל־יוסף הכניס סכום כסף ע״ח הדירה הקטנה שקיבל. עד יום מותו היה חי עם רעייתו רחל (תבל״א) בחדר קטן של ד׳ על ג׳ ממש, בשנים האחרונות עם פינת שירותים (ללא פינת מטבח). לא פעם שהו אצלו בחדר בתו מרים עם מוטל ועם חמשת ילדיהם. וקרה שבאו גם בנו צבי עם משפחתו (4 ילדים) מקיבוץ מעין־ברוך בגליל ובנו אמנון מבית־שאן עם משפחתו (3 ילדים). אף פעם לא אמר: צר לי המקום.

כל שנותיו בקבוץ עבד במטבח. לא תמיד הוא שבע נחת מעבודתו במטבח, מיחס החברים־ות אליו, מהסדרים והמנהגים. הוא היה רגיל לעבוד במפעלים ומוסדות כבעל־מקצוע, כמנהל המטבח. כאן הוא היה צריך להשלים להיות בורג במכונה ולהיות נתון לחסדם ולשבטם של צעירים ממנו בהרבה וחסרי ידיעה ממנו וקיבל הכל באהבה.

בשנים האחרונות הוא שבע נחת מילדיו ונכדיו (12 נכדים). היה נדמה לו, שהנה יזכה בקרוב לחתן נכדה או נכד, יזכה לנינים. עד ימיו האחרונים קיווה כי יחזור לאיתנו, יחזור לעבודה.

בכל פעם כשהייתי מבקרו בבית־החולים או בחדרו מצאתיו ער לענייני התנועה, לנעשה בתל־יוסף, למצב ילדיו ונכדיו. זכה לטיפול נאמן מצד ילדיו ונכדיו ואשתו. מרים שהתה אצלו ימים ולילות וגם בניו ממעין־ברוך ובית־שאן. בערב האחרון היתה אצלו בלומה, נתנה לו זריקה, כדורים (הוא והמסובים לו לא פסקו מלשבח את יחסם ומסירותם של בלומה וד״ר ברטה שבאו לעתים קרובות לבקרו גם כשלא נקראו). בלילה התפתל מכאבים. קראו את ד״ר ברטה, ותוך כדי בדיקות והכנות לזריקה — מת.

בהלווייתו השתתף קהל רב של חברי המשק, של ילדיו ונכדיו, של קרובים ובני עיר מכל פינות הארץ. הארון הוצג בבית־הכנסת של ההורים ובחדר־האוכל שלהם. מילאו רצונו, טיהרו אותו לפני המוות, עטפוהו בטלית, ילדיו ונכדיו אמרו קדיש וכל יום התפלל מנין בחדרו בימי השבעה. ילדיו ישבו שבעה. במשך השבעה לא הוצג סרט במשקו, והמסיבה לכב׳ גמר מסיק הזיתים שעמדו לערוך בחדר־האוכל הגדול בליל שבת בוטלה.

ב־15 שנים של חייו בתוכנו היינו רגילים לראותו בכל חגיגה ובכל מאורע במשק ובחברה, עם ילדיו ונכדיו. הוא אהב אותם והם גמלו לו אהבה. עם מותו ובזמן ההלוויה הם התייפחו. דבר לא רגיל אצל צברה׳ס.

אין מה לעשות.

הוא הלך מאתנו כשמאחוריו עבר עשיר של מסירות, עבודה, נסיונות, נדודים, הרפתקאות, של מפעלי עזרה לזולת.

השאיר אחריו משפחה גדולה, משפחת עמלים. נקווה כי ילדיו ונכדיו ואנו כולנו נשמור את זכרו. משפחתו תגדל, תדאג לקרוא שם לנכד ונין על שמו וינציחו בכך את זכרו. תתנחם משפחתו ונתנחם כל אלה שהכירוהו והיו קרובים לו.



ר׳ אשר זליג מילר ומשפחתו ז״ל

דב א.

ר׳ אשר זליג מילר ז״ל

נולד בשנת 1891 בבלזץ, את ילדותו בילה באותה עיירה, ליד הגבול הרוסי, תחת שלטון אוסטרי. לאחר מלחמת העולם הראשונה התחתן והתישב בליז׳נסק. עד מהרה התערה בחייה היהודיים התוססים של העיר.

כשליח צבור בימים הנוראים בקלוז של האגודה, היה קולו ערב ונעים וכזקן ורגיל היה שופך שיח לפני בורא העולם.

הוא היה יהודי גאה וקשה היה לו לסבול את הגלות, ובשנת 1925 עלה ארצה כחלוץ המשפחה ובמשך שנה וחצי יגע וחיפש אפשרות להביא את משפחתו לארץ. לא בחל בכל עבודה, אך לא הצליח להתבסס כאן ונאלץ לחזור לליז׳נסק. בשובו המשיך לחיות בעיר מיגיע כפיו ובלבו כמיהה תמידית לארץ האבות. עם פרוץ מלחמת העולם השניה נדד מעירנו והתחילו התלאות והצרות, אשר גרמו לו סבל בל ישוער. בנדודיו על פני תבל סבל חרפת רעב ושיכל את בניו. על זה אמרו חז״ל (ברכות דף ה׳): „כל העוסק בתורה ובגמילות חסדים וקובר את בניו, מוחלין לו על כל עוונותיו״.

בר׳ אשר זליג מילר ז״ל נתקיימו כל שלושת הדברים: הוא עסק בתורה ובגמילות חסדים ובנו דוד ז״ל מת על פניו ולא זכה לקברו, כי הוא נפל כחיל בחזית נגד הגרמנים ומקום קבורתו לא נודע.

על כל זאת דאב לבו. כשזכה סוף סוף להגיע ארצה בשנת 1949, היה שבע

יסורים ועייף, אך גאוותו היהודית לא נפגעה, היא גדלה ונתחזקה והוא שמח לראות ילדי ישראל לומדים תורה ומשרתים בצבא ישראל. גם כאן המשיך בקולו הערב להיות שליח צבור בימים הנוראים ותושבי קרית מוצקין התענגו על שירתו ושלמות יהדותו.

גם כאן עסק בתורה ובגמילות חסדים. במעט שהיה לו התחלק עם אחרים, אך לבו לא עמד בכל שקרה לו ובכל התלאות שעברו עליו.

לבו נדם ביום י״א טבת תשי״ד בקרית מוצקין.

ת.נ.צ.ב.ה.

פישל שפרגל ז״ל

מושג נשגב היתה בשבילנו המלה „ציונות״, וכל אחד שירת אותה בדרכו הוא: אחד בהכנת עצמו בכל מיני דרכים לחיים פרודוקטיביים בארץ, שני באיסוף כספים לקרנות למען ארץ ישראל, והיו גם כאלה שהתהדרו בתוארי כבוד, בכל מיני נציגויות; והוא, פישל שפרגל, בעבודת נמלים אפורה. בשקט, כאילו בהתגנב, היה בא לסניף שלנו בערבי חורף הקרים, לרוב החדר לא היה מוסק — בעזבו בבית אשה יפה ובן נחמד, אחרי יום עבודה מפרכת בחנותו — וקורא אתנו שירי ביאליק.

למדנו עברית אצל מורים מקצועיים, אבל את שירי ביאליק הבננו. למדנו לקרוא ולאהוב רק הודות לו, כי היה לו כשרון מיוחד הגובל עם אמנות, וקסם להסביר ולהחיות את השירים, את תכנם והרקע שלהם.

כל ערב קריאה כזה היה חג בשבילנו. אחד ויחיד היה הוא שהתמיד לבוא ללמדנו לקרוא ולהבין את שירי ביאליק. היו עוד „ציונים מבוגרים״, שיכלו לתת הרבה לסניפי נוער, אבל אלה לא מצאו זמן פנוי למטרה זו. פישל שפרגל מצא גם זמן וגם רצון עז ללמדנו ומסירותו לעבודת נמלים זו היתה אולי אחת הסיבות להזנחת חיי המשפחה ובסוף להתפוררותם הטרגית. כהוקרה לזכרו ישמש ע״כ ציון קצר זה.

מ—ה



דב אויסאיבל

דוד מילר ז"ל

דוד למד בחדר ובבית הספר הכללי, כיתר ילדי ליז'נסק. מגיל רך היה שקוע יום שלם בלימודים, עד הצהרים בבית הספר הכללי ואחרי הצהרים בתלמוד תורה.

בעודו ילד נתגלו בו כשרונות בלתי רגילים בלימודים ובעבודות ציור ואמנות. זכור לי עדיין השלט הציורי שבחזית התלמוד תורה, מעשה ידיו. הוא היה חתום בפינה השמאלית למטה. השלט היה כתוב באותיות עבריות גדולות, אשר שימח לב הילדים ומשך תשומת לבם של הבוגרים בכתב העברי המתנוסס ומכריז על יהדות המתמשכת בתוך סביבה גוית עוינת.

ניתן להגיד, כי אילו היה מתחנך וגדל בעיר אחרת, היה מפתח כשרונותיו ומגיע לגדולות. ליז'נסק קטנה היתה ואי אפשר היה למצוא בה את בהי הספר הדרושים ואת הסביבה הדרושה לגילוי יכלתו העשירה.

דוד לא עזב את עיירתו הקטנה, למרות זאת שנפשו נישאה למרחבים. בגיל רך נאלץ דוד לוותר על עצמו ועל דרישות גילו הצעיר ולעזור לפרנס את הוריו. נאמנותו זו להוריו בלטה ביחוד בעת המלחמה והנדודים הרבים, שבאו בעטיה. הוא לא עזב אותם ועבד קשות כדי להחיות נפשם הרעבה.

כשהגיע הזמן והוא נקרא לצבא האדום, יצא לחזית בלב כבד. הוריו שנשארו ללא דואג ומחיה נפשם, הכבידו על רוחו המדוכאה, אך הוא מצא לו נחומים בכך, שבחזית זו יוכל לעזור להשמדת אויב ישראל, אשמדאי דורנו.

דוד זכה לרדוף אחרי הנאצים הנסוגים נסיגת פחד ונקמה. ברדיפה אחריהם הגיע לליז'נסק ההרוסה, אך לא זכה לראות בנצחון השלם עליהם.

ביום ד' שבט ה'תש"ד פגע בו כדור אויב והוא נפל.

יהי זכרו עמנו לעד.

חותני ר' משה נפתלי (מוניע) טייכר ז"ל כפי שהכרתיו

מעל לכל אהב ר' משה נפתלי טייכר ז"ל חזנות. הוא אהב לשיר וגם ידע פרק בשיר. וכאשר היה שר, היתה נשמתו כל־כולה מתרוננת בקרבו ומתעלה בעלות המנגינה, עד שנדמה היה, שבהתעלותו היה נוגע עד שער הנגון...


לא לחנם אמרו, ששער הנגון נמצא סמוך לשער הרחמים, כי גם רחמיו של ר' משה נפתלי ז"ל לא ידעו גבול, לב שאינו יכול ואינו מניח להתעלם ממצוקת הזולת היה לו. אם בהיותו עדיין בליז'נסק, כשהוא יושב בביתו מוקף כל טוב, היה מכניס עניים ומאכילם, הרי דבר רגיל הוא. אולם אף בשנות הנדודים ברחבי סיביר, בעתות מלחמה ורעב, לא נמנע מלחלק את לחם לחצו עם כל מי שהיה זקוק לכך. ולא זו בלבד, אלא כאשר היה שומע, כי איזה יהודי חזר מבית הסוהר חולה, עזוב ואכול־כנים, היה מכניסו לביתו, רוחצו במו ידיו, מלבישו וסועדו עד שהוא קם על רגליו. ואף כאן בהגיעו ארצה, היתה ידו פתוחה לכל דורש ונצרך. וכל מבקש ידע, שבענין הלוואות גמילות־חסד יכול הוא לפנות אל ר' משה נפתלי ותמיד ייענה.

למרות שמאילן נאה צמח, ושושלת רבת היוחסין שלו הגיעה דור דור עד רש"י הק', לא שמעתיו אף פעם שיתפאר בדבר, מעולם לא העלה זאת על שפתיו. כה עניו וצנוע היה ר' משה נפתלי (מוניע) טייכר ז"ל.

רשם חתנו

נ. אנגלברג

מונ״ טייכר ובנותיו ז״ל









אבי סבתי דב (בער) שטראוך

אבי סבתי היה יהודי ירא שמים, כמו שהיו רוב אנשי עיירת ליז'נסק בימים הללו. עסקן ציבורי היה מעודו, ומרבית זמנו הקדיש לעסקי הקהילה היהודית. אחרי השריפה הגדולה שפרצה בעיר, היה הוא מאלו שהקדישו את כל מרצם לבנית ביה"כ מחדש. יוצא ונכנס היה בבית הרב וועד הקהילה. במקרה של ריב היו פונים אליו כבורר, היות וידוע היה בפיקחותו ויושרו.

כזה היה אבי סבתי, אשר את שמו אני נושא.

רשם מפי הסבתא

דב אנגלברג

תלמיד כתה ז' בי"ס „מוריה"

מ. ש

בנדנדת גורל

נרות נשמה לשתי חברות

הן היו חברות מילדות, מכתה א׳ בבית הספר היסודי, אחר כך למדו יחד בבית הספר העברי. יחד חלמו על עליה והגשמה, יחד נכנסו לתנועת הנוער: „הנוער העברי עקיבא״, ונדמה היה להן, כי יחד ימשיכו בדרך חייהן וישמרו על זיק החברות שעברה מבחנים ונתגבשה ליש חשוב מאד.

עם בוא יום השואה נתפרדה החבילה, החיים פרצו לדרכים עקלקלות, לנתיבי נתיבים, ביער הפורענות של מלחמת העולם השניה.

שתים נשארו דבוקות לבלתי הפרד כל כמה שיכלו — ריבה רוטמן והניה שפרגל.

כשנכנסו הגרמנים לליז׳נסק ניתנה הפקודה לעזוב את העיר, לעבור את הסאן ולא לשוב עוד לליז׳נסק. ריבה באה מיד אל הניה לדבר על הבאות. מדבור לדבור, שאלה ריבה היכן תכשיטי אמא המנוחה והאיצה בהניה להוציא אותן מהמטמורת בקיר ולקחתם לדרך, לימים שחורים כשהחיים ייפדו בכסף וזהב.

הניה שמעה בקולה ובלבה תחושה קשה מאד. לרגע נדמה לה, כי מוטב להשאיר כאן הכל, לכשיחזור העולם לקדמותו והיא תשוב העירה, אך כבדה עליה עצת החברה והיא לקחה את „זכרונות אמה״, צררה אותן בצרור על לוח לבה לפלטה.

משהגיעו לסאן פקדו הגרמנים להתנצל מכל עדיים ויקרות, להשאיר אותם כאן, על שמיכות שנפרשו לכך ומי שימרה את פיהם יירה במקום.

תחושתה הקודמת החלה להתמשש. תרעומת היתה לה בלב על חברתה הטובה ביותר, רגע ונדמה לה הנה היא הולכת לאבד חוט אחרון של חיים, לכשיתחילו מחדש, אך היא ידעה כוונותיה הטובות תמיד של ריבה וקבלה את הדבר בשקט וסליחה. היא שלפה ממחבוא בגדיה את הצרור, מוכנה למסרו בהגיע תורה.

אותו רגע נגש אליה גרמני אחד, חמור ארשת והפליט כפקודה: „הסתירי זאת״. היא נבהלה, לא הבינה מה מלכודת מטמין לה הצורר. היא הססה, אך הגרמני לא נתן לה שהות, הוא הגביר פקודתו וכשהניה החזירה המטמון למקומו, נטל אותה הנאצי ביד, הוציא אותה מהשורה, העמיד אותה בצד ו...הניה ידעה, כי נחרץ גורלה. עתה ודאי יוכיח הנאצי, כי מצא עבריינית ומותה בטוח.

הגרמני השיט מבטו לצדדים ומשראה, כי אין איש מחבריו רואה, גחן על ערמת הזהב שלרגליו, חפן מלא חפנו מטבעות זהב, מסרן להניה והוליכה בכוח אל הגשר וציוה עליה לא לחזור עוד.

היהודים מסביב לא הבינו למתרחש כאן. איש לא פילל למחוות־אדם כה עמוקה מצד גרמני.

*

דרכי החברות, שרידי חבורת הנאהבות, נפרדו גם הן.

ריבה רויטמן נשארה באוקראינה המערבית, נרדפה כחית ציד על ידי הגרמנים, עקבותיה נעלמו ואין איש יודע מה עלה לה.

הניה בילתה את זוועות המלחמה ביערות רוסיה. חייה היו שזורים סבל וזוועה, צרות ורעב. מקרה הסאן עודד אותה להאמין בחיים וברצון לחיות והיא גברה על הכל והגיעה ארצה.

כאן בישראל נדמה לה, כי הגיעה אל מנוחת נפשה, אך עקבות מאמציה לחיות, נתנו אותותיהם בה. היא לקתה במחלה ממארת וחייה כלו.

חיצי דיאמנד

חיה דיאמנד היתה אחד מעמודי התוך של „בנין" „הנוער הציוני עקיבא" בעירנו. בצעדיה הגדולים הבטוחים, בצחוקה הרחב והבריא נסכה בטחון ואומץ בכולנו, למרות היותה שוה לנו בגיל.

לכל פעולה בסניף היתה מהמתנדבות הראשונות, תמיד מצאה זמן פנוי, ושפע של רצון טוב, אם זה להריק קופסאות ק.ק.ל. בבתים, להכין תכנית לחגיגה או לצאת לפגישה עם סניפים מעירות סמוכות. היא לא חששה לענד סרט תכלת לבן גדול ולצעוד בראש תהלוכה ברחובות העיר בכף תמוז. היא היתה תמיד בין הראשונות לצאת למושבת קיץ ובעקבותיה העזנו גם אנחנו לעמוד ביתר תוקף על דרישותינו מההורים.

חיצ'י היתה האמיצה והמעזה ביותר בין כל החברות. האיר לה מזלה שעלתה ארצה יחד עם הוריה ואחיותיה ולא טעמה טעם של ניתוק וגעגועים לבית הורים ע"כ גם לא נפגם צחוקה התמידי והרועם.

עם בואי ארצה מיהרתי לבקר בירושלים וכמובן סרתי אליה לבקר בבית הוריה וצחוקה המלבב והמוכר כל כך קידם אותי גם הפעם. כל פגישה איתה נרשמה בזכרוני כשצחוק ממש מאוזן עד אוזן נסוך על פניה.

בפעם האחרונה ראיתיה כשביקרנו יחד ברמת רחל ואז דיברה הרבה על כאבי ראש שהיא סובלת. מאז לא נשמע עוד צחוקה העמוק והרחב. היתה זאת התחלת „הסוף" כנראה וחבל מאוד. חבל על האבידה.

חיצ'י דיאמנד הלכה לעולמה כה צעירה ותאבת חיים.

יזכור בוך

פון די ליזשענסקער קדושים
און זייער קהילה

רעדאקטאָר :

חיים ראבין

אַרויסגעגעבן דורך :
ארגון עולי ליז'נסק בישראל

אינהאלט

ליזשענסקער אומקום

געוועז מענטשן אין ליזשענסק

וואָס ס'געדענקט זיך

ליזשענסקער אומקום

יצחק טנצמן

לעצטע ליזשענסקער טעג

ליזשענסק, ס׳איז זונטיק דער 27-טער אויגוסט 1939. אין די ווארעמע אלול-טעג, ווען יידן פון גאַנץ פוילן בכלל און פון ליזשענסק בפרט פלעגן קומען אויף דעם רבין׳ס ר׳ אלימלך׳ס קבר בעטן תשובה. די ימים נוראים האָבן שוין געשוועבט אין דער לופטן, האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן די שווערע טריט פון דער צווייטער וועלט מלחמה.

יידן פון ליזשענסק פלעגן זיך טרעפן גרופנווייז אין גאַס און געסלעך. מ׳פלעגט זען פארשידענע רעדלעך מענטשן, דיסקוטירן ווי אזוי די פוילישע מדינה וועט שטיין קעגן דעם אָנגריף פון די דייטשן. אין דער צייט האָבן מיר נישט געוווסט, אז עס ערוואַרט א גרויס אומגליק דעם פוילישן יידנטום בכלל און ליזשענסקער יידן בתוכם.

ס׳זענען געווען פארשידענע מיינונגען, אַהין און צוריק, אָבער איינס איז גע-ווען פארשטענדלעך, אז יידן וועלן ליידן די גרעסטע צרות. מען האָט נאָר נישט גע-וווסט אָפּצושאַצן ווי גרויס די צרות וועלן זיין.

די טעג זענען שנעל געלאָפן און די צרות זענען שנעל געקומען. דאָנערשטיק ביינאַכט, דעם 31-טן אוגוסט האָט דייטשלאַנד אויסגערופן א מלחמה קעגן פוילן און געשיקט נאַצישע מערדער פארניכטן די אייראָפּעאישע קולטור. פרייטיק דעם ערשטן סעפּטעמבער האָבן מיר שוין געפילט אין אונדזער קליין שטעטל די מלחמה, די ערשטע אעראָפּלאַנען האָבן זיך באוויזן אין ליזשענסק און פארבייגעפלויגן, מיר האָבן געפילט, אז דאָס איז נאָר אן אָנהויב. דעם זעלבן פרייטיק צונאַכט האָבן יידן אין די בתי מדרשים פון ליזשענסק געדאַווּנט מיט גרויס התלהבות, אין צווישן זענען אָנגעקומען פארשידענע ידיעות, אז די דייטשע נאַציס געהען מיט אַ גרויסן כוח פאָרויס און פארנעמען שטעט און שטעטלעך פון פוילן, אויך האָט זיך געהערט פארשידענע קלאַנגען, אז ווי זיי קומען פארנעמען זיי אלע מענער. דאָס האָט גע-שאַפן א גרויסע פּאַניק אין אונדזער שטעטל און די מענער האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן און פּלאַנעווען ווי אַזוי צו פאַרלאָזן די שטאָט.

אין דער צייט האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט אונדזער שטעטל ליזשענסק און אויפגעריסן די באַן-ליניע, וואָס איז געווען די איינציקע קאָמוניקאַציע מיט דעם אויסערלעכן לעבן פון אונדזער שטעטל. די ליזשענסקער זעלבסט-שוץ האָבן אָר-

גאַניזירט גרופּן וואָס זאָלן גיין פאַרריכטן די באַן-ליניע, אויך איך בין געווען צווישן די וואָס זענען געגאַנגען פאַריכטן די באַן-ליניע, נאָר די דייטשע אַראָפּלאַנען האָבן אַלע מאָל זיך באַוויזן איבער אונדז,, האָבן אונדז באַשאָסן מיט מאַשין-געווער און אַזוי ארום געשטערט אונדזער ארבעט.

שוואַרצע וואָלקענס האָבן זיך געצויגן און דערנאָענט צו אונדזער שטעטל און די שווערע טריט פון די נאַצישע מערדער האָט מען געהערט פון דער ווייטנס. האָבן זיך ליזשענסקער מענער יונג און אַלט געגרייט צו פאַרלאָזן די שטאָט, געווי אַ וואָך צייט נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה.

פרייטיק צונאַכט איז דאָס שטעטל ליזשענסק געווען פאַרגלייכט צו אַ גרויסן קאָך-קעסל. אַלע האָבן געראַשט און געקאָכט און די מענער פון שטאָט האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די שטאָט. דעם פרייטיק צונאַכט האָבן יידן אין ליזשענסק געגעסן אין געיִעג זייער שבתדיקע סעודה. א היישעריק פון מענער, קליין און גרויס האָבן זיך אָנגעהויבן צו ציען איבער די גאַסן און אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט. מען האָט זיך געלאָזט אין פאַרשידענע ריכטונגען, ווער קיין אורזוכוב און ווער קיין קורלובקה. אַלע האָבן זיך געצויגן איבער דעם טייך סאַן, כדי צו גיין אין דער ריכטונג פון גרויס פּוילן, אָדער צו קומען צו דער גרעניץ פון רומעניע און אזוי ארום אויסצומיידן דאָס אריינפאַלן אין די דייטשע הענט.

די טעג אין ליזשענסק זענען געווען מרה שחורהדיק, נאָכדעם ווי די מענער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. אין צוויי טעג שפּעטער זענען אריין די דייטשע מערדער און געמאַכט א חורבן אין שטאָט. זיי האָבן פאַרברענט די בתי מדרשים. און גע-וואָרפן א פחד אויף די איבערגעבליבענע פרויען און קינדער.

מיט א פּאָר טאָג שפּעטער האָבן די דייטשן פאַרנומען אַלע געביטן וואו די מענער זענען אַנטלאָפן. די אַנטלאָפענע מענער האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקקערן קיין ליזשענסק.

ראש-השנה איז די שטאָט כמעט געווען אָן מענער, נאָר עלטערע מענער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו גיין, זענען געבליבן אין שטאָט. ראש-השנה ביים דאַוונען האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן אַלעמען פון די בתי-מדרשים און מיט באַמבעס זיי אויפגעריסן. צו יום כפור זענען שוין כמעט אַלע מענער געווען אין דער היים.

דער ערב יום כפור איז געווען א חורבן. יידן האָבן שוין נישט מער געקענט גיין דאַוונען אין די בתי מדרשים, אסך זענען אַרויס אין די דערפער, ווייל דאָרט האָט מען נאָך געקענט דאַוונען מיט א מנין. מערסטנטייל זענען געבליבן אין שטוב און יעדער האָט זיך געפונען א ווינקעלע און געדאַווענט, געפאַסט און געבעטן גאָט, אויסגעלייזט צו ווערן פון די דייטשע-מערדער. מוצאי יום-כפור האָט זיך שוין געהערט פאַרשידענע געשיכטעס וועגן ארויסטרייבן די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטאָט. זונטיק נאָך יום-כפור האָבן יידן זיך געצהט איינער מיט דעם צווייטן, וואָס וועט זיין ווען די דייטשן וועלן טאַקע ארויסטרייבן פון דער שטאָט? די גרעסטע טייל האָט נישט געגלויבט, אז אַזאַ זאַך קען פאַסירן. מ׳האָט פּרובירט אַזוי ארום

אויסבאהאלטן זיך פון דער ווירקלעכקייט ביז עס איז געקומען דער באַוווסטער דינסטיק. אין אָוונט האָט דער שטאָטישער פּאָליציאַנט פּעטערקעוויץ מיט זיין באַוואוסטן פויק, אויסגעפויקט און אויסגערופן, אַז מאָרגן מיטוואָך, דעם 20-טן סעפּטעמבער, 8 אַזייגער אין דער פרי דאַרפן אַלע יידן, וואָס וווינען אין ליזשענסק זיך פארזאמלען אויפן מאַרק-פּלאַץ. יעדער וואָס קען עפּעס נעמען מיט זיך, זאָל זיך איינפּאַקן א האַנט פעקעלע מיטצונעמען און פאַרלאָזן ליזשענסק.

דאָס איז געווען דער הויפּט-קלאַפּ פאר אונדזער שטעטל. אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן א לויפעניש, אסך מענטשן זענען גלייך געלאָפן אין די דערפער, געברענגט פערד און וועגן און אויפגעפאקט וואָס מ׳האָט געקענט און געפאָרן אויף דער צווייטער זייט פון טייך סאַן. אַ טייל האָבן אָבער דאָך געוואַרט אויף א נס. אפשר וועט בטל ווערן די גזירה. די דינסטיק-נאַכט האָט זיך געצויגן, ווי דער גלות, ביז מען האָט זיך דערוואַרט דעם פרי-מאָרגן און די אומזיסטע האָפנונג האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די דייטשע געסטאַפּאָ צוזאמען מיט די פאָלקס-דייטשן פון דער שטאָט זענען געגאַנגען איבער די הייזער און אַרויסגעטריבן די מענטשן פון די שטובער. יעדער מיט זיין אָרעם פעקעלע אין דער האַנט און מיט פארוויינטע אויגן און א אָנגעווייטיקט האַרץ. אַלע האָבן זיך צוזאמענגענומען אויפן מאַרק-פלאַץ, אלע יידן פון ליזשענסק, און געוואַרט אויף דעם ביטערן גורל. אזייגער 10 פאר מיטאָג האָט זיך געהערט א באַפעל פון די געסטאַפּאָ-לייט און דער טרויעריקער מאַרש פון ליזשענסקער יידן, וואָס איז געווען איינגעוואָרצעלט



א רעשטל ליזשענסקער מאַכן א אזכרה זייער שטעטל אין דייטשלאַנד
אויפן וועג קיין ישראל

הונדערטער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן, און פאַרגעזעצט דעם טראַדיציע-מאַרש פון ייִדישן פאָלק. באַקאַנט אַלס וואנדער-פאָלק זייט צוויי טויזנט יאָרן אין גלות.

מיר זענען געווען ארומגערינגלט מיט הונדערטער דייטשע געסטאַפּאָ-מערדער, מ׳האָט אונדז געפירט פון אונדזער שטאָט, ווער מיט אַ פעקל אויף דער האַנט און ווער מיט א קליין קינד אויף דער האַנט, און דאָס איז געווען דער לעצטער וועג פון טייערן הייליקן שטעטל. דאָס שטעטל פון דעם הייליקן רבין רב אלימלך ז״ל.

מען האָט אונדז געפירט ביז צום טייך סאַן און דאָרט האָט מען אונדז אַרי-בערגעפירט דורך אַ צייטווייליקער בריק קיין קורילובקה, דאָס איז געווען פונקט ערב סוכות. ווען מיר זענען געקומען קיין קורילובקה זענען שוין דאָרט געווען רוסן, דאָרט האָבן מיר מקיים געווען די מצות לישב בסוכה. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל ליזשענסקער ייִדנטום.

ביים היינטיקן טאָג, 27 יאָר נאָך דער מלחמה און 21 יאָר נאָך איר פאַרענ-דיקן זיך געפונט זיך אין ליזשענסק איין ייִד, וואָס איז צוריק געקומען פון רוס-לאַנד און ער באַשעפטיקט זיך מיט זאמלען ייִדישע זאַכן און כתבי-קודש, ער הייסט ברוך סאפּיער.

דאָס איז דער סך הכל פון ליזשענסק.

חיה שטלצר (בת פייבל)

א גראַטעוועט קינד

ביים אריינקומען פון די דייטשן זענען עטלעכע מאָנאַטן געווען שטיל. דאַן איז געקומען א באַפעל, אז אלע יידן זאָלן פאַרלאָזן דאָס דאָרף און אריבער דעם סאַן צו די רוסן קיין קרעשוב.

מיר זענען געגאַנגען צו א טאַנטע נעבן אולאַנוב אין א דאָרף, אָבער דאָס לעבן איז געווען שווער און מ׳האָט געהערט, אז ס׳איז שטיל ביים דייטש האָט מען באַשלאָסן צוריק צו גיין קיין שאַרען, און כמעט אלע שאַרענער יידן זענען צוריק געקומען, אינצווישן האָבן די דייטשן געברענגט קיין שאַרען פאָלאקן פון די אוקראינישער געגנט, וואָס האָבן געאַרבעט אין דאָרף זיי איבערגעגעבן די יידישע דירות אויך די יידישע פעלדער, אז די יידן זענען צוריק געקומען האָבן זיי נישט געהאַט קיין דירה, אָבער א טייל צוגערייזטע קריסטן האָבן צוריק געגעבן א צימער, אפילו א שטיקל באָדן זיך צו בעאַרבעטן און צו האָבן אביסל קאַרטאָפל.

עטלעכע שאַראָנער יידן האָבן נישט געוואָלט צוריקגיין קיין שאַראָן, נאָר זענען געגאַנגען קיין רוסלאַנד מיטן רוסישן מיליטער און זענען גראַטעוועט געוואָרן.

ביי אונדז האָט עס אָנגעהאַלטן ביז ענדע זומער 1942 און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. מ׳האָט אָנגעהויבן צו שניידן די בערד, דאָ זענען געקומען צו׳ הילף די דייטשן, די פויערן איבערהויפּט פולצוואַרטעק, וועלכער איז געווען דער הויפּט־אָנפירער פון אלע אַקציעס.

די פּאָליציי, אז מ׳האָט זיי אונטערקויפט מיט עטלעכע זלאָטעס האָבן זיי צעוויסן געגעבן אז מ׳זאָל זיך באַהאַלטן, עס וועט זיין א אַקציע, אָבער שפּעטער האָבן זיי אויך מורא געהאַט, סיי די פויערן און סיי די פּאָליציי, זיי האָבן מורא געהאַט איינער פאַרן צווייטן. די דאָרטיגע פויערן האָבן אַרויסגעוויזן שטאַרק אַנטיסימיטיזם. איינמאָל האָט מען געבראַכט לאסט־אויטאָס און געמאַכט א אָבלאַווע, עס זענען אויך געוועזן צוגערייזטע יידן פון דער אוקראַינישער געגנט, אויך זיי האָט מען געכאַפּט. ביי דער אָבלאַווע איז מען זיך צעלאָפן ווער ס׳האָט געקענט, איבערהויפּט די מענער זענען אוועק אין די וועלדער.

איך מיט פינף שוועסטער און די מאַמע האָבן זיך באַהאַלטן אין א הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף א בערגל און דורך א שפּארע געזען ווי מען פירט 16 יידן אונטער די אָנפירערשאַפט פון פולצוואַרטעקן צום אויטו. זיי האָבן אויך געשלעפּט א מוטער מיט א פיר יעריק קינד, ווען זיי זענען צו צום אויטאָ האָבן זיי ארויפגעשטופּט די מוטער אויפן אויטאָ און דאָס קינד איבערגעלאָזט, דערנאָך עס געשאָסן.

ווי עס האָט זיך באַרואיקט און דער אויטאָ איז אַוועק מיט די געכאַפּטע יידן, זענען מיר געלאָפן צום וואלד, אָבער דעם טאַטן דאָרט נישט געטראָפן, ער איז געגאַנגען קיין שאראָן זוכן קאַרטאָפל צום עסן, ווי די גויים האָבן דערציילט האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף דייטשן און זיי האָבן אים דערשאָסן און באַגראָבן נעבן די לעשנא פיעקאלא. אין די גרויסע שאַראָנער וועלדער האָבן מיר געטראָפן נאָך

שאַראַנער ייִדן, אויך אונדזער ברודער. צו מאָרגן אין דער פֿרי האָבן די פּויערן מיט פּולצוואַרטעקן און פּאָליציי קאָמענדאַנט זאַבאַצקע, ווי אויך פּוילישע פּאָליציי זיך פֿאַרזאַמעלט און געהאָלפֿן די דײַטשן אין דער אָבלאַווע אין וואַלד.

מיר זענען געווען די ערשטע געכאַפּטע, ביים אָנפֿאַנג וואַלד און נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה האָט יעדער אָנגעפּאַנגען לויפֿן אין אַ צווייטער זייט און אַלע פֿון וואַלד זענען זיך צעלאָפֿן, זיי האָבן נישט געקאָנט צווישן די בוימער שיסן. די מאַמע האָט געשריגן: „קינדער אַנטלויפֿט מיט אַלע כּוחות". דער פּחד האָט געיאָגט און אַלע זענען אַריין צווישן דער תּבֿואה, וואָס איז נאָך נישט געווען געשניטן, מען האָט זיך צעשפּרייט אין אַלע זייטן פֿון פֿעלד, די פּויערן וואָס האָבן געשניטן די תּבֿואה האָבן אונדז נישט געלאָזט זיך באַהאַלטן, אָבער דאָך האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן. אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט, דער ברודער מיט נאָך עטלעכע שאַרענער יונגלעך, וואָס האָבן זיך געמאַכט אין וואַלד אַ בונקער און זיך דאָרט באַהאַלטן, האָבן אונדז געפֿונען צווישן די תּבֿואות. דערקוויקט אַביסל דאָס האַרץ, האָבן מיר מיידלעך מיט דער מאַמען זיך מיט אים געזעגנט און פֿריש געגאַנגען צו דער טאַנטע נעבן אולאַנוב און ער איז אין בונקער אין וואלד געבליבן.

קיין קרעשוב דאַרף מען אַדורכגיין די בריק, וואָס איז געווען געהיט דורך די דײַטשן און אדורכגיין איז נישט לייכט, האָבן מיר זיך אָנגעטון טיכלעך אויפֿן קאָפּ, ווי שיקסעס, יעדער עטלעכע מינוט זענען מיר צו צוויי און צווישן די גויים דורכגעשמוגעלט די בריק, געגאַנגען מיט פֿאַרשידענע זײַטיקע וועגן, ביז מיר זענען געקומען צו דער טאַנטע נעבן אולאַנוב. אויפֿן וועג האָבן מיר געטראָפֿן נאָך שאַרענער משפּחות ווי ישעיהו לייב שטעלצער מיט דער פֿרוי, מאָטל שטעלצער מיט דער פֿאַמיליע און מ'איז געווען צוזאַמען אין דאָרף. אָבער די פֿרייד און די שטילקייט איז נישט געווען אויף לאַנג. ס'איז געקומען אַ צעטל פֿון סאָלטיס צו דער מומע, אַז אַלע, וואָס זענען ביי איר, דאַרפֿן זיך מעלדן קיין זאַקליקוב אין דײַטשן אַרבעטס-לאַגער, וואָס איז געווען בעקאַנט אַלס מאָרד-לאַגער. כ'יר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער טויט ערוואַרטעט אונדז און מיר האָבן פֿריש באַשלאָסן — אין וואַלד אַריין, אפשר וועט מען זיך דאָרט ראַטעווען.

דאָ איז געווען, ליידער, אַ לעשנאַ, אײנער אָוסטרובסקי, וואָס האָט אויף זיין געוויסן פֿיל ייִדישע קרבנות. ער איז אַריין אין וואַלד האָט אויף אונדז געשאָסן, און אונדז אַלע צוזאַמען גענומען פֿירן קיין יאַראַצין, נעבן גולצוב-אולאַנוב. דאָס איז געווען אַ גרויס דאָרף, אָבער שוין אָן ייִדן, און ער האָט אונדז איבערגעגעבן צו די דײַטשן. די דײַטשן האָבן אָנגעוויזן אויף דער שוהל, אַלס מאָרד-פּונקט, וואו ס'זענען געשטאַנען די באַנדיטן מיט העלמען און שוואַרצע מונדורן און געוואַרט אויף די ייִדישע קרבנות, וואָס די פּויערן האָבן געבראַכט. יעדער פּויער, אפילו אַ פּאַסטוך איז מיט גרויסע שטעקענעס אַרומגעגאַנגען אין די וועלדער און פֿעלדער און געזוכט ייִדישע קרבנות און זיי געטריבן אין שוהל אַריין. די גויים האָבן זיך נישט געדאַרפֿט קיין סך באַמיען, די קרבנות זענען שוין געקומען אַליין. זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין כּוח פֿון הונגער. וואָכן לאַנג זענען זיי געווען פֿאַראומריי-

ניקט און געשוואַלן, און שוין נישט געפילט דעם קערפער, דאָס לעבן איז שוין נמאס געוואָרן און מען האָט זיך אליין איבערגעגעבן אין די הענט פון תלין.

אונדז האָט אוסטרובסקי געכאַפּט ביים פייער, וואו מיר האָבן זיך געוואָרעמט און געוואַרט אויף די קאַרטאָפל. מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל אונדז כאָטש לאָזן אָפּעסן עטלעכע קאַרטאָפל, אָבער דער מערדער האָט מיט די פוס צעוואָרפן דאָס פייער און צעטראָטן די קאַרטאָפל. ער האָט אונדז איבערגעגעבן צו די פויערן און אליין געגאַנגען ווייטער זוכן נאָך קרבנות.

אין שוהל זענען די ווענט געווען פאַרשפּריצט מיט בלוט, די פּאָדלאָגע פאַר-פלייצט מיט פריש בלוט, ביי דער טיר פון שוהל, זענען געשטאַנען פויערן מיט וואָ-גענס, נעמען די דערשאָסענע און האַלב דערשאָסענע קרבנות און וואַרפן זיי ארויף אויפן וואָגן. מיר קליינע קינדער, נייגעריג און נאַאיוו האָבן זיך צוגעריקט נאָענטער צו די וואָגענס און האָבן דערקענט אין זיי פיל פון אונדזער משפחה פון שאַרען.. די קרבנות האָט מען געפירט צום וואַלד, וואו ס׳איז געווען צוגעגרייט א גרוב, א ברודער קבר פאַר אלע ערמאָרדעטע.

אינצווישן איז אויך אָנגעקומען אונדזער ברודער. מיר זענען שוין געווען צו-געגרייט צום טויט. אַנטלויפן האָט מען אויך נישט געקענט. ארום דעם הויז איז גע-ווען א הויכער מויער, נישט צום אריבער, בפרט ווען מיר זענען געווען ערשעפּט, אנטויישט און אָן כוחות. אלס א קליינע גרופּע האָט מען אונדז געהייסן וואַרטן אין הויף, דער ברודער איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקן און מיר האָבן מער פון אים נישט געהערט. די פויערן האָבן באַפוילן מיר זאָלן זיך זעצן אויף א וואָגן, וואָס איז צוריק געקומען פון די טויטע און מיר זאָלן וואַרטן. די דייטשן זענען אינצווישן אַוועק. מיר האָבן באַמערקט ווי מען פירט מיינס א קוזין מוטל שטעלצער אַרויס פון שוהל גלייך צו אונדזער וואָגן. ער האָט זיך געהאַלטן ביי דער זייט פאַרוווּנדעט, ווען מען האָט געשאָסן אין זיין גרופּע אין שוהל איז ער ארונטערגעפאַלן צווישן די טויטע קרבנות און די דייטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר טויט, אַזוי איז ער געליגן א גאַנצע נאַכט אונטער די טויטע קרבנות אלס טויטער. ווען די גויים האָבן ארויפגעלעגט די דערשאָסענע אויף די וואָגענס האָבן זיי באַמערקט, אז ער לעבט, האָבן זיי אים אָפּגעטיילט און אים געזעצט אויף אונדזער וואָגן, און מ׳האָט אונדז געפירט אין דער זעלבער ריכטונג צום וואלד, וואו מ׳האָט געפירט אלע טויטע, מיר זענען געווען זיכער, אז דאָרט זענען פאַראַן די דייטשע קאָמאַנדן, אַזוי גערופענע טרופּאַזעס און זיי וועלן אונדז דאָרט שיסן ביים אויסגעגרובענעם גרוב.

מען האָט אונדז נישט געהיט אין וועג, נאָר דער פויער האָט געטריבן די פערד, און מיר האָבן זיך געשאָקלט ווי שטרוי אין ווינט אָן כוח. דער קוזין האָט איינגערוימט אין אויער מיין מאַמען, אז ער וועט אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן, ווייל ער האָט איבערגעלאָזט אין וואלד די פרוי מיט די קליינע קינדער און איז געגאַנגען זוכן א שטיקל ברויט האָט מען אים דערווייל געכאַפּט גייענדיק צוריק. ער האָט אין קעשענע א שטיקל ברויט וויל עס געבן דעם ווייב מיט די קינדער, וואָס וואַרטן

אויף אים אין וואלד. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון לויפנדיקן וואָגן, נישט באַמער־קענדיק פון פויער. איך האָב אים מער נישט געזען.

אונדז פרויען האָט דער פויער איבערגעלאָזט אין וואלד און אונדז געזאָגט, ס'איז אַ שאדע אויסצוברענגען אַ קויל אויף אייך. איר וועט אליין שטאַרבן פון הונגער. זיין נבואות האָט כמעט זיך פאַרווירקלעכט: מען האָט נישט געהאט צום לעבן. געפונען אַ מייערל אָדער עפּעס אַ גרינצייג אין די פעלדער, פון דעם האָט מען געלעבט, ס'איז געווען ערגער ווי דער טויט. מיר האָבן שוין געוואַרט אויפן אויסלעזענדן טויט.

נאָך אַ קורצע צייט איז די מאַמע געשטאָרבן און שפּעטער צוויי שוועסטער, און איין שוועסטער איז אַוועק פון אונדז און איך ווייס נישט ווי זי איז אומגעקומען. איך בין געבליבן בלויז מיט דער עלטסטער שוועסטער פון זעכצן יאָר און איך די יונגסטע בין אַלט געווען 10 יאָר. וואוהין גען האָט מען נישט געהאַט, נישט געהאַט קיין כוח, נישט וואו צו שלאָפן. מיר האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין אַ סטאָדאָלע, אָדער אַ שטאַל צו שלאָפן און אַז מען האָט אונדז געכאַפּט האָט מען אונדז מער־דערלעך געשלאָגן. די פויערן זענען געווען בייז וואָס מיר באַהאַלטן זיך ביי זיי אין שטאַל. דערווייל איז דער ווינטער געווען אין שטאַרקן ברען, קעלטן, פרעסט און שניי, און מיר האָבן זיך געשלעפּט טאָג און נאַכט ביז מיר זענען געקומען צו אַ דאָרף ביעליניעץ און אריין צו אַ פויער זיך אָנוואַרמען. ער האָט אונדז דערקענט אלס יידישע, געלאָזט זיך אָנוואַרמען און אינצווישן געגאַנגען רופן די דייטשן. זיי האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן ווי האָבן זיך נאָך גענומען יידישע מיידלעך, ווייל מען האָט שוין אלע יידן פון דער גאַנצער געגנט אויסגעשאָסן און וואו האָבן מיר זיך אויסבעהאַלטן? ס'איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט אַ וואָגן און מ'האָט אונדז געהייסן זיך אויפזעצן.

עטלעכע קילאָמעטער ווייט איז געווען אַ יידישער בית הקברות אין דאָרף ווילקע־טאַנעווסקא, דאָרט האָבן די דייטשע קאָמאַנדן אויסגעשאָסן אלע יידן. דער פויער האָט אונדז געזאָגט, אַז מען פירט אונדז צום בית הקברות צום שיסן. מיר האָבן געדאַרפט דורכפאָרן אַ בריק זשעקא סטאַניוו איבער אַ וואַסער, וואָס איז שוין נישט ווייט פון בית הקברות האָב איך געבעטן דעם פויער, ער זאָל נישט פאָרן שנעל, ווייל איך האָב קיין כוח. ער האָט פאַרשטאַנען מיין געדאַנק, אַז איך וויל אַראָפּשפּרינגען, האָט ער שטאַרקער געיאָגט די פערד, איך האָב געזען, אַז מען דערנאָענט זיך צו דער בריק און וועל שוין נישט קאָנען אַראָפּשפּרינגען. די שוועס־טער האָט געזאָגט, אַז זי קאָן נישט שפּרינגען, ווייל זי האָט נישט קיין כוח.

איך בין אַליין אַראָפּגעשפּרינגען פון וואָגן. איך בין אריין אין טיפן שניי און קיינער האָט מיר נישט באַמערקט. ליגנדיק עטלעכע שעה אין שניי פאַרטולעט, זיך ארומגעקוקט די געגנט אויב מען באַמערקט מיך נישט און אָנגעהויבן צו גיין צו אַ צווייט דאָרף. מיט פאַרשידענע סטעשקעס בין איך געקראָכן. כ'האָב אין דאָרף זיך פאָרגעשטעלט אַלס קריסטן, טייל שטובן האָבן מיר איבערהויפּט נישט אריינ־געלאָזט, הגם איך האָב גערעדט גוט פויליש, נישט צו דערקענען אלס יידישע, אָבער

מיין שווארצער קאָפּ האָר און די צעריסענע קליידער האָבן מיך פאַרראַטן. זיי האָבן געפרעגט פון וואַנען איך בין, וואוהין איך גיי. איך האָב יעדן געזאָגט א צווייטן ליגן. און ס'איז געשען א נס. זייענדיק אין די שאַרענער וועלדער האָט א אַלטע גויה געקליבן האָלץ און מיך באַדויערט, א שאַדע אַזעלכע יונגע שיינע מיידלעך זאָל מען הרגנען, זי האָט מיך געראַטן צו לערנען די קריסטלעכע תפילות און „דאָס וועט אייך ראַטעווען". זי האָט געגלויבט, אז די תפילות פון יעזוסן וועלן אונדז ראַטעווען. און די תפילות, איבערהויפּט דער פּאַציעש האָט מיך געראַטעוועט. מערסטנטייל פּוערים האָבן לויט מיין גוטע תפילה זאָגן געגלויבט, אז איך בין א קריסטן. די קריסטלעכע פּרויען האָבן געהאַט אביסל מיטלייד. איך בין געשלאָפן אין די שטאַלן צוזאַמען מיט די בהמות און פערד. ביי איין פּויער האָב איך זיך אריינגעלעגט אין קאָרעטע פון דעם פערדס עסן. דער פּויער האָט אויף מיר ארויפגעשיט דאָס עסן און מיך נישט באַמערקט אין דער פינסטער. די פערד האָבן פון מיר אראָפּגעלעקט דאָס עסן.

זעלטן ווער עס האָט מיך געלאָזט נעכטיקן אין שטוב, איך האָב געבעטן ארבעט ביי די פּויערן האָבן זיי פון מיר געלאַכט. אין א געוויסן דאָרף האָב איך געטראָפן א עלטערע קריסטלעכע פרוי מיט צוויי זון, וואָס האָבן געהאַט א ווירטשאַפט, האָב איך געוויינט און געבעטן זיי זאָלן מיך נעמען צו דער ארבעט. איך האָב זיי דערצוויילט פאַרשידענע תרוצים, אז איך בין פון אן אָקופּירטע געגנט, א יתומה א.א.וו. איך בין זיי געפעלן, זיי האָבן נישט געהאַט קיין טאָכטער און האָבן מיך גענומען צו פּאַשען די קוה און מאַכן פאַרשידענע שווערע ארבעט, וואָס א קינד אין מיינע יאָרן וואָלט עס נישט געמאַכט אין לעבן. איך האָב זיך געפירט ווי א קריסטלעך קינד, זיך יעדן טאָג געצײלעמט, געגאַנגען אין קלויסטער און אַלעס געטאָן גלייך ווי אלע קריסטן. עסן האָבן זיי מיר געגעבן דאָס ערגסטע, נישט צוזאַמען מיט זיי ביים טיש, כאָטש זיי האָבן מיך נישט אָנגענומען פאַר א יידישע, נאָר אַלס קריסטן. אין דעם דאָרף האָבן קיינמאָל נישט געוווינט קיין יידן און די דייטשן האָבן דאָרט קיין סך נישט געזוכט, כאָטש זיי האָבן דאָרט געהאַט א דייטשע קאָמאַנדע און אַלע מאָל געקומען צו מיין קריסטן קויפן עסן, און נישט איינמאָל האָבן זיי זיך געווענדעט צו מיר אין דייטשער שפּראַך, פרעגנדיק אויף די קריסטן. איך האָב צו זיי גערעדט פּויליש און מיר האָט דאָס האַרץ געבוג געקלאַפּט, די קריסטן איז אין דער ערשטער וועלט-קריג געוועזן אין שלעזיען און געקאָנט די דייטשע שפּראַך.

* * *

ווען די קריג האָט זיך געענדיקט האָב איך אַלץ מורא געהאַט זיי צו דערציילן, אז איך בין א יידישע. איך האָב געזוכט פאַרשידענע תרוצים ווי אזוי אוועקפאָרן פון זיי. איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן מיר ערלויבן צו פאָרן זיך לערנען, ווייל איך בין יונג אוועק פון דער היים און האָב נאָך נישט באַוויזן צו לערנען און יעצט נאָך דעם קריג וויל איך לערנען, ווייל ס'האָט קיין ווערט א נישט געלערנטער מענטש.

איך האָב געזען, אַז זיי וועלן מיך נישט אָפּלאָזן האָב איך געפונען אַ פויער אין אַ צווייט דאָרף, וואָס איז געווען איינשטימיק אַז כ׳זאָל ביי אים ארבעטן פאַרן עסן און ער זאָל מיר לאָזן אויך גיין לערנען. איך בין אוועק צום צווייטן פויער, זייענדיק אין פעלד ביי דער אַרבעט צוזאמען מיט דער פויערטע האָב איך פון דער וויטעגס געזען די שאַראַנער פעלדער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען דאָס גאנצע לעבן, ס׳איז שוין עטלעכע יאָר נאָך דעם קריג און איך קאָן נאָך אַלץ נישט זאָגן, אַז איך בין אַ יידישע, אַ שווערער ווייטאָג האָט מיך אָנגעכאַפּט, דאָס האַרץ האָט געדריקט. איך האָב זיך אויסגעוויינט, די פויערטע האָט דאָס באַמערקט און מיך געפרעגט, פארוואָס איך וויין, האָב איך מיט דער האַנט געוויזן, אַז דאָרט זענען מיין טאַטעס פעלדער, דער פלאַץ וואָס מיר זענען געשטאַנען איז געווען אויף אַ בערגל און מען האָט געזען די גאַנצע געגנט. מער האָט זי מיך נישט געפרעגט. קומענדיק אַ היים האָט זי דערציילט דעם מאַן, וועלכער איז געווען באַאַמטער אין בילגוריי געהיים פּאָליציי, ער האָט יאָ עפּעס פארשטאַנען, מיין געהיימניס איז אים קלאָר געוואָרן, אָבער מיר גאָר נישט געזאָגט, ער האָט נאָר צו מאָרגנס זיך אנגעהויבן אינטערעסירן אין בולגוריי, וואס צו מאַכן, אַז מ׳האָט פעלדער אין שאַרען, ווי קאָן מען זיי פארקויפן. צופעליג האָט געארבעט אין דעם אַמט אַ ייד, וועלכער איז דאָ אין ישראל און דער ייד האָט אָנגעהויבן אויסצופרעגן, וואָס ער קימערט זיך וועגן די פעלדער, דעם יידן איז עס געווען פאַרדעכטיקט. ער האָט אָנגעהויבן אויספרעגן דעם פויער, ביז ער האָט דערציילט, אַז ביי אים איז פאַראַן אַ יונג מיידל, ער ווייסט נישט, צו זי איז אַ יידישע אָדער נישט, זיי האָבן געהאַט באָדן אין שאַרען, דער האָט געבעטן צו ברענגען דאָס מיידל, קומען אין אונדזער דאָרף האָט ער מורא געהאַט, און איך האָב מורא געהאַט צו פאָרן מיט דעם פויער מ׳זאָל מיך נישט הרגנען אויפן וועג. נאָך עטלעכע מאָל בעטן האָב איך זיך איינגעשטעלט און בין געפאָרן קיין בילגוריי. דער ייד האָט קודם מיט מיר גערעט פויליש, און נאָכדעם זיך געווענדעט צו מיר אויף מאַמע לשון אויף יידיש, איך זאָל אים זאָגן צו איך בין אַ יידישע, ווייל ס׳איז שוין נישטאָ וואָס צו מורא הדבן. איך האָב אים אלץ דערציילט, כ׳האָב זיך אַראָפּגערעט פון האַרץ, דער ייד האָט געוואָלט איך זאָל גלייך מיט אים פאָרן קיין קראָקע צום יידישן קאָמיטעט און זיי וועלן מיך שוין איינאָרדנען, אָבער איך האָב דאָך געוואָלט פאָרן אלע באַדאַנקען. בין איך געפאָרן אין די דערפער, איך האָב מיטגענומען צוקערלעך פאר די קינדער און זיך מיט זיי געזעגנט.

אין יאָר 1950 בין איך געפאָרן קיין שארען דורך ליזשענסק, די גויים האָבן גאָר נישט געוואָלט דערציילן, אזוי ווי ס׳וואָלט גאָר נישט געווען. אלע יידישע הייזער זענען געווען באַזעצט פון דאָרטיקע פויערן, און זיי האָבן באַאַרבעט די יידישע פעלדער. איך האָב נאָר געהערט, אז דער גלח פון דאָרף האָט מיטגעהאָלפן די דייטשן. אַ גרופּע יונגלעך צווישן זיי מנדל לינדבוים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביז ווינטער 1943. דער גלח האָט געמסרט און מ׳האָט זיי געשאָסן נעבן זיין פלויט.

שפיגל גניה (בסיק גניה)

צוויי שוועסטערלעך אין נאצי־טעג

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין ליזשענסק האָט מען אונז אַרויסגעטריבן גלייך מ״ט אַלע, אויף דער צווייטער זייט פון סאַן. מיר זענען אַוועק אין דאָרף ווּלקה און ביי דער ערשטער געלעגנהייט צוריק זיך אומגעקערט קיין ליזשענסק.

דאָס איז געווען אָנפאַנג 1940. יידן זענען דאָרט געווען ווייניק און די דייטשן האָבן אונדז קאָנצענטרירט אין דער בוז׳ניצה גאַס. פאַקטיש האָבן זיי נאָך נישט געמאַכט קיין פאַרקאַן אַרום דער קאָנצענטרירונג און מ׳האָט נאָך נישט באַשטעטיקט, אַז דאָס איז אַ געטאָ. אָבער מ׳האָט אונדז צוזאַמענגעשטופּט און געציילטע הייזער, אין יעדן הויז דריי משפחות. בכלל זענען געבליבן אין גאַנץ ליזשענסק, צוזאַמען מיט די משפחות פון די דערפער אַרום, בערך אַ 40 משפחות. פון זיי זענען געווען אויך נישט קיין גאַנצע משפחות, דער מאַן אָדער דאָס ווייב די צווייטע העלפט זענען געבליבן אויסער ליזשענסק, אָדער זיי זענען אַרויס און זיך נ״שט אומגעקערט. ס׳איז נאָך נישט געווען קיין אָפיציעלער געטאָ, אָבער נאָר מיט דעם, וואָס דער פאַרקאַן האָט געפעלט. ווייטער איז אַלעס געווען אַזוי ווי אַ געטאָ. מיר זענען געווען אין אַ באַגרענעצטן שטח, מ׳האָט נאָר אין געוויסע שעה׳ן געמייגט אַרויסגיין קויפן — פון 8 ביז 10 אינדערפרי׳. די פּראָדוקטן האָבן מיר געקריגן לויט קאַרטן. מיר האָבן אַלע געאַרבעט ביי די דייטשן, אין די קיכן פון דער דייטשער אָנפירערשאַפט. ס׳זענען געווען געציילטע יידן, וואָס האָבן געהאנדלט, אָבער בלויז מיט זיינע אייגענע זאַכן, וואָס ער האָט פאַרקויפט. מיטן אויפשטעלן דעם געטאָ האָט מען באַלד אויסגעוויילט אַ יודענראַט. ס׳זענען נישט געבליבן קיין שלעכטע זכרונות פונעם יודנראַט. איך בין דאַן אַלט געווען ס״ה 14 יאָר, אָבער כ׳האָב שוין דאַן גענוג פאַרשטאַנען און געהערט איבער זיי מיינונגען און אָפּשאַצונגען. זיי זענען געווען טראַגיש און אומגליקלעך, אָבער זיי האָבן נישט געבראַכט קיין חרפה אויף זייער אָפּשטאַמונג אין נישט אויף דער שטאָט.

דער יודנראַט האָט מטפל געווען מיט שיקן די יידן צו דער אַרבעט, לויט די באַפעלן פון די דייטשן. זיי האָבן געפאָדערט פונעם יודענראַט גלייך צו שיקן יידן אַרויסרייסן די מצבות פונעם בית הקברות און ברענגען זיי אין מאַרק און אַרום דעם מאַרק אויספלאַסטערן מיט די מצבות. ביז היינט געדענק איך נאָך דעם גרויסן פלאַץ אויסגעפלאַסטערט מיט די מצבות, וואָס די נעמען פון די געשטאָר־בענע זענען אויסגעקריצט אויף זיי. ס׳זענען געווען פאַלן, ווען די דייטשן האָבן באַשטאַנען צו נעמען אויסקויף געלט פאַר די מצבות. ווער ס׳וועט באַצאָלן פאַר דער מצבה פון זיין משפחה, וועט מען זי לאָזן. מיר זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן באַצאָלט. אָבער דאָס האָט נאָר געדויערט אַ פּאָר וואָכן. נאַכהער האָט מען אונזערע אויך אַרויסגעריסן. מערסטנטייל זענען די מענער געגאַנגען צו דער

אַרבעט. כאָטש זיי זענען געווען ווייניק און כמעט אַלע אַלט און צעבראָכן. דאָס זענען געווען מענער, וואָס זענען געבליבן אין שטאָט, ווייל זיי האָבן נישט געקענט צוליב דער מגפה פון דיזענטעריע מיטגיין מיט די וואָס זענען אַוועק קיין רוס־לאַנד, די פּרויען האָט מען גענומען צו פֿאַרשידענע אַרבעט אין די הייזער פון די דייטשן.

קינדהייט אין געטאָ

שרעקלעך איז געווען די לאַגע פון די קינדער אין געטאָ. נישט זיי האָבן ־עלערנט און נישט זיך געשפּילט.

אייניקע זענען געזעסן מיט יוסף מלמד, וואָס האָט זיי געלערנט און באַ־שעפטיקט, אָבער ס׳רוב האָט נישט געלערנט, נאָר זיך אַרומגעדרייט אין דער אַטמאָספערע פון טרויער און צער פון די עלטערן. די באַלאַגערטע פלעגן קומען איינער צום צווייטן. די געשפּרעכן זענען געווען וועגן עסן, וועגן דער טרויעריקער צוקונפט, וואָס זעט זיך פֿאַר פֿאַר זיי, וועגן מענטש, וואָס זיין לעבן און ווערט זענען געוואָרן ביליק און שוואַרצע נבואות האָט מען פֿאַר־אויסגעזעזן. דער עיקר האָט מען פאַרלוירן דעם מוט, ווען איינער איז אַרויס און נישט געקומען צוריק, ווייל איינעם אַ דייטש האָט זיך פֿאַרגלוסט צו צילן אויף אים אַ פּוליע.

יידן האָבן נישט געדאַווענט אין ציבור. ס׳זענען נישט געווען קיין שולן מער, אַלע זענען פֿאַרברענט געוואָרן די ערשטע וואָך נאָכן אַריינקום פונעם דייטש.

אויב מען האָט זיך איינגעשטעלט צוזאַמען שטעלן אַ מנין יום־טוב, איז דאָס געווען אין באַהעלטעניש אויסגערעכנט, אַז איינער זאָל שטיין אויף דער וואַך, אַז די דייטשן זאָלן נישט באַמערקן גאַרנישט. די ערשטע צייט האָט מען נאָך געדענקט דעם חשבון פון די טעג און געהאַלטן שבתים, דערנאָך האָט מען פֿאַרגעסן דעם חשבון פון די שבתים און ימים־טובים.

*

זייענדיק אַ קינד האָב איך געהאַט די העזה אַרויסצוגיין און אַביסל וואַנדערן אין שטאָט, שפּאַצירנדיק אין די גאַסן פון ליזשענסק האָב איך געזען, אַז אַ סך ייִדישע שטובער זענען פֿאַרנומען דורך גויים פון דער סביבה. זיי האָבן זיך גענומען די געוועלבן, ס׳זענען געווען שטובער, וואָס זיי האָבן זיי פֿאַרוואַנדלט אין שטאַלן פֿאַר פערד, אין די שענערע הייזער האָבן געוווינט די דייטשן.

אַ פֿאַרשידענע לאַטע

די לאַטע האָט מען אונז באַלד אין 1940 געהייסן צוקלעבן. די לאַטע אין ליז׳אַנסק איז נישט געווען קיין גיילע, דאָס איז געווען אַ ווייסער באַנד מיט

אַ מגן דוד אַ בלויען. דאָס האָט מען אָנגעטאָן אויפֿן הארבל, דער מגן־דוד זאָל זיך אַרויסזיין. איך פֿלעג גיין מיט דער לאַטע אַזוי ווי אַלע, אָבער ווען כ׳האָב זיך געוואָלט אַרויסגנבֿנען אין די שעה׳ן וואָס מען האָט נישט געטאָרט, בין איך געגאַנגען אָן דער לאַטע. אַזוי ווי כ׳האָב אויסגעזען ווי אַ קריסטין, האָב איך נישט געליטן דערפֿון און געגאַנגען מיט די חבֿרטעס פֿון דער שולע, אַזוי ווי איינע פֿון זיי.

איינמאָל ווען כ׳האָב שפּאַצירט, איז צוגעקומען צו מיר אַ דייטש און האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פֿון דער חבֿרה און האָט מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט אַז כ׳בין אַ יידישע. ער האָט מיך געשלאָגן און געזאָגט, אַז ער וועט מיר שיקן אין אַ פּלאַץ, וואָס פֿון דאָרט קומט מען נישט צוריק. עס ווייזט אויס, אַז עמעצער האָט מלשין געווען. איך האָב שוין דאַן געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט און געבעטן ביי אים רחמים, אַז מער וועל איך דאָס נישט מאַכן. אָבער ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו מיינע תחנונים און האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין באַגאַנגען אַ דאָפּלטן פֿאַרברעכן. ערשטנס, בין איך געגאַנגען אָן דער לאַטע, צווייטנס בין איך אַרויס פֿונעם געטאָ אין די שעה׳ן וואָס מ׳טאָר נישט. ער האָט מיך אַרויפֿגעשלעפּט אויף אַ וואָגן און געפֿאָרן מיט מיר. צו מיין „מזל" איז דאָס געווען דער גרעסטער רשע פֿון די רשעים. צופֿעליק איז געווען נאָך אַ ייד מיט אונדז און ער איז שנעל געלאָפֿן אין יודענראַט און זיי דערציילט, זיי זאָלן שנעל מיך ראַטעווען. ווען מיר זענען געפֿאָרן, האָב איך געהערט, ווי ער זאָגט צום גוי ער זאָל פֿאָרן אין אַ אַנדער ריכטונג, דאָרט ווו עס האָט געוווינט זיין געליבטע. איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט אַ געליבטע, האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערלויבן אַראָפּגיין אויף אַ מינוט צו מאַכן מיינע באַדערפֿענישן. בין איך אַריינגעלאָפֿן צו איר, איך האָב זי געקענט, געפֿאַלן צו די פֿיס און געבעטן זי זאָל מיך ראַטעווען. איר השפּעה אויף אים איז געווען אַ גרויסע. זי האָט דאָס געטאָן. זי איז פֿאַר מיר אַרויס צו אים און געבעטן ער זאָל מיך אָפּלאָזן. אַזוי בין איך געראַטעוועט געוואָרן. דערווייל איז ער געבליבן ביי איר. צו אונדז איז געווען ווייט, צוויי קילאָמעטער. האָב איך אָנגעפֿאַנגען לויפֿן, ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז אין דער היים האָט מען שוין געוווּסט, אַז מ׳האָט מיר פֿאַרכאַפּט. בין איך געלאָפֿן אָן אַ נשמה, כדי זיי צייגן, אַז כ׳בין ניצול געוואָרן.

מיין קומען צוריק איז געווען אַ פֿרייד פֿאַר אַלע אומגליקלעכע יידן, פּונקט ווי כ׳בין פֿון דאָסניי געבוירן געוואָרן.

*

דערווייל האָט מען אָנגעפֿאַנגען איבערפֿירן מענטשן פֿונעם געטאָ אין אומבאַוווּסטע פּלעצער. דאָס האָט זער דערדריקט. ס׳זענען געווען אַלץ מער קרבנות. מיר האָבן געפֿילט, אַז די סכנה איז גרויס און מיר האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן קיין וואָלקע, ווו מיר זענען פֿריער געווען און זיך אויסבאַהאַלטן.

מיר זענען געווען 5 נפשות. דער טאַטע 48 יאָר אַלט, די מאַמע 39, איך די עלטערע 13, מיין שוועסטער 9 יאָר און מיין איינציק ברודערל 7 יאָר אַלט. מיין טאַטע וואָס האָט געהאַנדלט מיט וועלדער און האָט געקענט די וואַלד מענטשן, האָט געזוכט אַ וועג צו ראַטעווען די משפחה. האָט ער אַרויסגעקריגן פון אַ באַקאַנטן וואַלד מענטש אַ בריוו, אַז ער דאַרף אַים האָבן אין וואַלד אַלס בראָקער און אַזוי האָט מען אונז געלאָזט דאָרט בלייבן אין געגנט פון וואַלד.

ביז סעפּטעמבער 1942 זענען מיר געבליבן אין דאָרף וולקה. איך בין געגאַנגען אין די נאָענטע שטעט, געקויפט דאָרט ביכלעך צום לערנען און אַנדערע קליייניקייטן, פאַרקויפט דאָס אין דאָרף און אַזוי מפרנס געווען די משפחה.

*

פון געטאָ צו געטאָ

סעפּטעמבער 1942 האָט מען אונז ענטדעקט און פאַרטריבן אין געטאָ טאַרנאָגראָד. דאָרט האָט מען קאָנצענטרירט אַלע יידן, וואָס האָבן געוווינט אַרום ליזשענסק אין די דערפער, אַזוי ווי מיר.

פון מאָל צו מאָל זענען אַריין די דייטשן אין די דערפער, אַרויסגענומען יידן פון די שטובער און גלייך אויפן פלאַץ זיי געהרגעט. עס זענען געווען פאַלן, וואָס זיי האָבן גאַנצע משפחות געהרגעט, עלטערן פאַר די קינדערס אויגן און פאַרקערט. אונז האָט נאָך דערווייל געשפּילט דאָס מזל. דעם טאַטן האָט מען נאָך דערלויבט צו בלייבן אין וולקה און אונז האָט מען איבערגעפירט קיין טאַרנאָגראָד. אין דעם געטאָ איז אויך נישט געווען קיין פאַרקאָן, פונקט ווי אין ליזשענסק. אויך דאָ זענען די יידן געווען באַגרענעצט צו באַוועגן זיך נאָר אין געוויסע שעה'ן. דאָס ענגשאַפט איז געווען דאָ שרעקלעך. די אַרבעט אויך ווי אין ליזשענסק. איך האָב אָנגעפאַנגען אַרבעטן אַלס אָנגעשטעלטע ביי פאַרשרייבן תבואות, וואָס די פּאָליאַקן האָבן געדאַרפט צושטעלן פאַר די דייטשע באַדערפעניש. דאָס באַשעפטיקונג מיינס האָט אונז געראַטעוועט. די צייט איז אַוועק און מיין שטימונג איז בעסער געוואָרן, מ'שטיינס געזאָגט.

דעם 2.11.1942 האָט מען געבראַכט מיין טאַטן צו אונז און צומאָרגנס אינדערפרי האָבן די דייטשן געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן זיך צוזאַמענ־נעמען אויפן פלאַץ פון מאַרק. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז די לעצטע אַקציע. פון אַנדערע שטעט האָבן מיר געהערט פון אַזעלכע פאַלן, אַז צוזאַמען נעמען די יידן אין מאַרק הייסט פירן צום טויט. מיר מיט נאָך אַ פּאָר משפחות מיט קינדערלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ קעלער, אונטער אַ פּוסטער שטוב, דער קעלער איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ שאַפע.

ס'איז געווען זער ענג, 2 מעטער אויף 2. מיר זענען געווען דאָרט אַ סך מענטשן אין דעם קליינעם באַהעלטעניש. די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען. דאָס ענגשאַפט איז געווען געפערלעך, נישט צום איבערטראָגן. ס'זענען געווען

צוויי קינדער, פלעגן די מאַמעס זיי פאַרשטאָפּן דאָס מויל, זיי זאָלן נישט וויינען. און נישט אויסגעבן דאָס באַהעלטעניש.

איך האָב געהאַט פּאַפּירן פון אַ קריסטין, וואָס איך האָב זיך צוגעגרייט אַפּאָר וואָכן פריער, כ'האָב באַצאָלט פאַר דעם גוט געלט האָב איך געקענט אַרויסגיין און זאָרגן פאַר אַביסל עסן. אָבער דעם טאָג האָב איך געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז מיר זענען פאַרן לעצטן וועג. האָב איך נישט געוואָלט צושיידן זיך אויף איין מינוט ביט מיין משפחה.

די לאַגע האָט געדויערט עטלעכע שעה.

אין משך פון דער צייט האָבן מיר געהערט שיסערייען. מיר האָבן געוווסט אַז דאָס הרגעט מען מענטשן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן און מ'האָט זיי געפונען. האָט מען זיי נאָך אויפן וועג ביז צום מאַרק געשאָסן.

אַלע מענטשן, וואָס זענען געזעסן מיט אונדז אין קעלער, האָבן מיך אָנגעהויבן בעטן כ'זאָל אַרויסגיין זען וואָס הערט זיך אין גאַס. נאָך דעם וואָס זיי און אויך מיינע עלטערן האָבן מיך איבערצייגט, געוויינט און געבעטן, האָב איך נישט געקענט זיך געגנשטעלן און כ'בין אַרויס.

רציחות אין גאס

די שטוב ווו מיר זענען געווען באַהאַלטן איז געווען אַ ווינקל־שטוב, אין עק פון צוויי גאַסן. איך בין אַרויס פון דער הינטערגאַס, כ'האָב זיך אַרומגעקוקט און נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. אויף דער ערד זענען געווען צעשפּרייט טויטע פרויען, מענער און קינדער. קאַלעזשעס פאַרגליווערט בלוט זענען געווען אויף יעדן פלאַץ, ווו עס זענען געפאַלן די מענטשן. ווענט זענען געווען פאַרשפּריצט מיט בלוט, דאָס איז געווען אַ שוידערלעך בילד, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען טויטע מענטשן און אַזוי פיל רויט בלוט צוגאָסן אויף דער ערד. מיין קאָפּ האָט מיר געשווינדלט. כ'בין געגאַנגען אָן אַ ריכטונג, כ'האָב געוואָלט צוריקגיין און זיי געבן מוט צו אַנטלויפן, אָבער כ'האָב נישט געפונען דעם פלאַץ. כ'בין געווען אין אַ מין טומאַן און שווינדל. גייענדיק צוריק, האָב איך געזען אַ געשטאַלט אין אַ רויט קלייד. ס'איז מיר געווען פינסטער פאַר די אויגן, אָבער דאָס רויטע קליידל האָט מיר דערמאָנט מיין קליינע שוועסטערל. כ'האָב אָנגעפאַנגען לויפן נאָך דעם רויטן געשטאַלט מיט ספקות צי איז עס מיין שוועסטער, אָבער ס'איז טאַקע געווען זי.

זי האָט מיר דערציילט, אַז מיר האָבן נישט וווהין צוריק צו גיין, ווייל מ'האָט אַלע געפונען אין קעלער און אַלע אויסגעהרגעט. דעם ערשטן האָט מען געהרגעט מיין טאַטן, לויט אירע מידע ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אז די מוטערס האָבן נישט געקענט באַרוהיקן די קינדער און דער געוויין פון די קינדער האָט זיי אויסגעגעבן.

אַ פוילישער פּאָליציאַנט און אַ דייטש האָבן גענומען מיין מאַמען, דעם ברודער און די שוועסטער און זיי געבראַכט אונטער „דעם מויער", וואָס האָט

אַרומגערינגלט דעם רינשטאָק פון דער שטאָט, און נאָך דעם וואָס זיי האָבן ארויסגענומען אַלע מענער פונעם קעלער, האָט מיין שוועסטער געזען, ווי מ׳הרגעט דעם טאַטן פאַר אירע אויגן און דאַן באַגריפן, וואָס עס וואַרט די איבעריקע. זי האָט באַשלאָסן זיך צו ראַטעווען. זי איז געגאַנגען פון דאָרט גלייך ווי זי וואָלט נישט געהערט צו זיי. זי איז אַלט געווען 10 יאָר און האָט אויסגעזען נאָך קלענער און מ׳האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר.

אַזוי איז זי געקומען ביז מיר, כדי מיך צו וואָרענען. ווען זי האָט מיר דאָס דערציילט, האָב איך איר נישט געגלייבט, כאָטש כ׳האָב געזען אַזוי פיל הרוגים, אָבער מיין משפחה וואָס כ׳האָב מיט אַ פּאָר מינוט פריער געזען און זיי האָבן געלעבט, געאָטעמט, גערעדט, געוויינט, געזאָרגט און געהאָפט, זאָל זיין אַז זיי לעבן שוין נישט?

אין זכות פון מיין קליין שוועסטערל

כ׳האָב איר נישט געגלייבט און געוואָלט גיין זען, אָדער שטאַרבן נעבן זיי. אָבער די קליינינקע האָט מיך אָנגעפאַנגען קושן און בעטן און איבערצייגן. זי האָט געזאָגט: גלויב מיר, איך זאָג נישט קיין ליגן, כ׳האָב אַלעס געזען. פּונקט ווי איך זע דיך איצט. איך וויל לעבן, קום לאָמירביידע לעבן.

כ׳האָב אָנגעוווירן מיין גאַנצע איניציאַטיוו און ווילן. זי, די קליינינקע, איז יעצט געוואָרן מיין אַפּוטראָפּוס. כ׳האָב זיך איר נאָכגעשלעפּט. מיר זענען אַריינגעלאָפן אין אַ שטאַל אַ פּאַרלאָזענע. אין דער שטאַל זענען נאָך געווען יידן. איך האָב אויסגעבראָכן מיט אַ שרעקלעך געוויין. דאָס האָט יעדן אויפ־גערעגט. זיי האָבן געזאָגט: „איצט איז נישט קיין צייט צום וויינען. ווער ווייגט איצט? דאָס געוויין וועט אונז אויסגעבן און מיר וועלן זיין אין אַגרויסער סכנה״.

די נאַכט זענען מיר געבליבן אין שטאַל. פאַרטאָג האָט זיך אין מיר דער־וועקט אַ ווילן צו גיין צוריק צו די עלטערן, כ׳בין געגאַנגען ווייל כ׳האָב נישט געגלויבט, אַז זיי זענען דערמאָרדעט. כ׳האָב געבעטן מ׳זאָל מיך פאַרשטיין, אַזוי ווי כ׳האָב פאַפירן פון אַ קריסטין, וועל איך גיין זוכן מיינע קרובים. קיין שום כוח האָט מיר נישט געקענט איינהאַלטן. כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז כ׳וועל צוריק קומען, זיי זאָלן נישט מורא האָבן. כ׳בין אַ קריסטין.

כ׳בין אַרויס, איבערגלאָזט די שוועסטער מיט אַלע און אַוועק. אויפן וועג האָב איך נישט אויפגעהערט וויינען און די גויים האָבן פאַרשטאַנען, אַז כאָטש כ׳האָב דאָקומענטן פון אַ קריסטין, בין איך אַ יידישע און זיי האָבן מיר געמסרט. די פּוילישע מיליציאַנטן האָבן מיך געפּאַקט, האָבן צוגענומען ביי מיר די פּאַפּירן און געוואָלט מיך איבערגעבן די דייטשן. דאָס דוקא האָט מיר צוגעגעבן מוט.

כ׳האָב זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיט זיי און בעטן, זיי זאָלן מיך אָפּלאָזן. האָט איינער געזאָגט צום צווייטן, לאָז זי אָפּ, במילא וועט מען זי כאַפּן און

הרגענען. פֿאַרוואָס דאַרפֿן מיר דאָס אויף אונזער געוויסן. ער האָט מיר געגעבן עטלעכע קאָפּע און געזאָגט, איך זאָל זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגן.

אין די בונקערס

כ׳בין צוריק געקומען צו מיין שוועסטער אַ גאַנץ אַנדער מענטש. אַ פֿאַר־האַרטעוועטע מיט מער לעבן, מיט אַ גרויסן ווילן צו טון אַלעס, כדי צו בלייבן לעבן. מיר זענען געזעסן אַ פּאָר שעה, איז פּלוצים געקומען אַ פּאָליאַק און אונדז געוואָרנט, אַז עמיצער האָט אונז געמסרט, מיר זאָלן גיין. אייגנטלעך האָט ער דאָס אליין געמאַכט, כדי פּטור צו ווערן פֿון אונז.

ווען מיר זענען אַרויס, האָבן מיר פֿון ווייטנס געזען עטלעכע דייטשן אויף פֿערד דערנענטערן זיך. מיר האָבן אָנגעפֿנגען לויפֿן און מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין די פֿעלדער. זיי האָבן אונדז נישט געפֿונען. ווען זיי זענען אַוועק, האָבן מיר באַשלאָסן זיך דערווייטערן פֿון דאַנען. מיין שוועסטער איז געווען בורוועס, די קעלט איז געווען גרויס. מיר זענען אַריין אין אַ פֿאַרלאָזענער שטוב, דאָרט האָב איך גענומען אַ פּאָר שיך פֿאַר איר און מיר זענען ווייטער געגאַנגען מיר האָבן נישט געוווּסט ווו מיר גייען. מיר זענען אָנגעקומען אין וואַלד, לעבן דעם דאָרף ווּלקה. אין דעם דאָרף ווו מיר זענען געווען אַ פּאָר מאָל. מיר האָבן זיך דערמאָנט: דער טאַטע האָט אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט צוגעגרייט אַ בונקער אין איינע פֿון די פֿאַרלאָזענע שטובער פֿון אַ יידן, וואָס האָט געוווינט אין וואַלד, אין דעם בונקער האָבן מיר געזאָלט זיך באַהאַלטן. צופֿעליק האָבן מיר געדענקט דעם נומער פֿון דעם טייל באָדן, זענען מיר געגאַנגען אין דעם בונקער און מיר זענען דאָרט געווען אַ וואָך. ביינאַכט פֿלעג איך אַרויס גיין אין אַן אנדער דאָרף זוכן עפּעס עסן און מיין שוועסטער פֿלעגט בלייבן אַליין אין בונקער. כ׳האָב מורא געהאַט זי צו נעמען צוליב דער קעלט, צוליב דעם שניי, די רעגנס און ספּעציעל מורא געהאַט האָב איך פֿאַר די הינט, טאָמער וועלן זיי זי בייסן אָדער זי איבערשרעקן. ס׳איז פֿאַר איר גענוג געווען דער כּחד פֿאַרן מענטש און זיינע פֿאָלגן.

עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט מיט אַביסל מילך. אָבער זיי האָבן מיך געבעטן מער נישט קומען. ס׳זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אונז געקענט פֿון פֿריער און אונז נישט אויסגעגעבן. ס׳זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגערייצט די הינט אויף מיר און מיך אַוועקגעטריבן. ס׳זענען געווען פֿאַלן, ווען כ׳בין געקומען אין בונקער מיט עסן פֿאַר אונז ביידע.

ס׳איז אָבער געווען פֿאַרקערט אויך. כ׳בין צוריק געקומען מיט ליידיקע הענט, צודראַפּעטע פֿיס און צעביסענע פֿון די הינט, וואָס מען האָט אָנגערייצט.

אַמאָל זענען מיר אַוועק אין ערשטן בונקער, זענען מיר ערשטווינט געוואָרן, ווען מיר האָבן פּלוצים דערזען דאָרט אַ יידן זיך באַהאַלטן. אונזער קינדערשער

אינסטינקט האָט אונז געזאָגט נישט מורא צו האָבן פאַר דעם מענטש, ווייל ס׳איז אַ ייד. מיר האָבן אים אויך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף פאַר אונז נישט מורא האָבן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ ליזשענסקער און הייסט אנפלינק. זיין פריוואַטן נאָמען געדענק איך נישט (ער איז אין אַמעריקע).

אין אַ פאָר טעג אַרום זענען געקומען גויים און אונז אָנגעשראָקן, זיי האָבן געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן זיך דערוווסט, אַז מיר זענען דאָ דאָ און זיי קומען אונז נעמען. מיר זענען אַנטלאָפן. מיר האָבן מורא געהאַט פאַר אַ מסירה. מיר זענען אַריבער אין אַ צווייטן בונקער, וואָס איז געווען אין וואַלד צוזאַמען מיט אנפלינקען. איצט האָב איך שוין געדארפט זאָרגן אויך פאַר אים. אָבער ער האָט מיר געבראַכט נוצן. ער איז געבליבן מיט מיין קליין שוועסטערל. זי איז געווען פול מיט ווייטיק און פחד. אירע פיס זענען געווען פאַרוווּנדעט און אָנגעטאָן לייכט. ס׳איז מיר געווען לייכטער, ווען כ׳פלעג גיין זוכן עסן, וויסנדיק אַז זי איז נישט אַליין.

סליאַדן אין שניי

איין טאָג, ווען כ׳בין געגאַנגען צוריק אין בונקער נאָכן אַרומשלעפן זיך אין די דערפער, האָב איך באַמערקט שפורן פון אַ מענטש אין שניי. לויט די סימנים זענען די שפורן געווען פון איינעם, וואָס איז אַריין אין בונקער און נישט אַרויס פון דאָרט. דער ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז מ׳האָט אונדז ענטדעקט און דאָס איז מסתמא אַ דייטש. מערקווירדיק אָבער, כ׳האָב זיך גאָר געפרייט. איך האָב עס גאָר געזען פאַר אַ גאולה. כ׳בין געווען מיד, פאַרמאַטערט פון וואַנדערן נאָך אַביסל עסן, ענטוישט פון מיין שוועסטערלס לאַגע, וואָס ווערט פאַרפרוירן פון קעלט, וואָס ליידט פון פיס־ווייטיק. כ׳האָב געבעטן, ס׳זאָל עפּעס קומען און מאַכן אַ ענדע צו דעם לעבן און צו די ליידן. כ׳האָב נישט געקלערט קיין מינוט און אַריין אין בונקער. כ׳בין געווען גרייט צו אַלעמען, צום אַוועקשלעפן, צום הרגענען, ווייל מער האָב איך שוין קיין כוח נישט געהאַט. האָב איך געקלערט, ס׳וועט זיין בעסער אַזוי.

כ׳בין אַריין אין בונקער.

ס׳איז געווען אַ קריסט, אַ וואַלד וועכטער. ער פלעגט קומען צו אונז נאָך אין די גוטע צייטן, ער האָט אונז געקענט. ער האָט אונז אויסגעפונען און געקרמען אונז איינלאַדן צו זיך און געבן אַביסל עסן. מיר האָבן אים געגלויבט, מיר האָבן צוגעזאָגט צו קומען אין אָוונט. אנפלינק האָט אונדז געוואָרנט, מיר זאָלן נישט גיין צו אים, ווייל ער וועט אונז הרגענען. איך האָב אויך חושד געווען, דאָך האָב איך אים נישט געפאָלגט און געגאַנגען, ווייל אויב ער וויל אונז הרגענען, ווער האָט אים געשטערט דאָ אין בונקער דאָס צו מאַכן?

מיר זענען געקומען צו דעם וואַלד־וועכטער אין אָוונט. ער האָט אונז געגעבן ברויט און מילך, מיר האָבן זיך אָנגעגעסן. עס האָט זיך אונז נישט

געגלוסט און מיר האָבן נישט געהאַט קיין כוח צוריק־צו־גיין אין קאַלטן, נאַסן בונקער. מיר האָבן אים געבעטן ער זאָל אונז לאָזן שלאָפן אין שטאַל, אין סטאָדאָלע, אין קעלער, אין שטרוי. ער האָט אונז נישט אָפּגעזאָגט, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין משפחה. לויט זיין עצה זענען מיר געגאַנגען צו אַן אַנדער וועכטער פון וואַלד, וואָס האָט אויך געקענט אונזער טאַטן און דאָרט נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן בלייבן שלאָפן ביי דעם צווייטן אין זיין שטאַל פון פערד. מיר זענען אַריין אין שטאַל און ער האָט געזאָלט אונז פאַרשליסן פון דרויסן. אויף דעם איז אַנפּלינק נישט מסכים געווען. ער האָט געזען אין דעם אַ טריק: פאַרשליסן אונז און איבערגעבן די דייטשן. ער איז אַרויס און אונז געלאָזט דאָרט. מיר זענען געבליבן. מיר זענען מסכים געווען צו זיין פאַרשלאָסענע, אַבי אַביסל דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע ביינער. מיר האָבן אים צוגעזאָגט אַרויסצוגיין גאַנץ פרי, מ׳זאָל אונז נישט באַמערקן. אינדערפרי האָט זיך אונז נישט געגליסט אַרויסצוגיין. מיר האָבן געוואַרט ער זאָל קומען אונז אַרויסטרייבן. ער איז נישט געקומען. ער איז גוט געשלאָפן און אויפגעשטאַנען שפּעט. ווען ער איז אויפגעשטאַנען און האָט אונז געזען, איז ער זער געווען ברוגז און האָט אונז געסטראַשעט אַרויסצוטרייבן. איך האָב געהאַט ביי זיך אַ גאָלדן זייגערל. מיין מאַמעס זייגערל, האָב איך דאָס אים געגעבן, ער זאָל אונז לאָזן נאָך איין נאַכט שלאָפן אין שטרוי. עס האָט מיר ווי געטאָן מיין האַרץ אויף מיין שוועסטער, אַרויסנעמען זי אין אַזאַ קעלט. אויף צומאָרגנס האָב איך אָנגעגרייט אַביסל גאָלדענע מטבעות, וואָס מיין טאַטע האָט געהאַלטן אין וואַלד, און יעדן טאָג האָב איך אים געגעבן אַ מטבע. ער האָט נישט געוווסט, אַז דער טאַטע איז שוין נישטאָ.

דאַן האָב איך אים צוגעזאָגט צו געבן נאָך און נאָך מטבעות און אַזוי זענען מיר געבליבן ביי אים טאָג נאָך טאָג צוויי גאַנצע יאָר.

מיר האָבן נישט געבעטן ביי אים קיין עסן, נאָר בלויז ער זאָל אונז געבן רעשטלעך פון דעם, מיט וואָס ער האָדעוועט די חזירים. און אויב ער קען נישט, וועלן מיר זיך אליין אויסהאַלטן. איך האָב געהאַלטן וואָרט, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין רעשטלעך פון די חזירים, פלעג איך אַרומגיין אין די ווייטערע דערפער, אין די ווינטער. קאַלטע נעכט און געפונען עסן. די שטיקלעך ברויט, וואָס כ׳האָב געפונען, זענען פאַרפרוירן געוואָרן אויפן וועג און מיר האָבן זיי נישט געקענט עסן. מיר זענען געלעגן אויף זיי ביינאַכט, כדי זיי צו דערוואַרעמען מיט אונזערע דאַרע קערפּערס. דאַן איז אָפּגעגאַנגען פון זיי דער פראָסט און מיר האָבן זיי געקענט אַביסל צעקייען מיט די ציין.

יעדע וואָך האָט ער פון דאָסניי אונז געהייסן פאַרלאָזן זיין חצר און יעדע וואָך זענען מיר געבליבן און באַצאָלט. מיין לעבן איז געווען דאָרט זער געשפּאַנט. יעדע מינוט איז געווען אַ סכנה פאַר אים, פאַר זיין גאַנצער משפחה. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע עבירה, ס׳האָט געדראָט מיט טויט...

אין דער צייט פלעגט ער טרינקען און שיכורן. אפשר אויך, ער זאָל וויניקער זיין געשפּאַנט, ער איז געקומען אין שטאַל שיכור און פאַרטושט און געפּאַדערט פון אונדז, אַז מיר זאָלן זיך גיין געזעגנען מיט דער משפּחה. (מיר האָבן דאָך אים דערציילט, אַז זיי לעבן נאָך) ווייל ער וויל אונז הרגענען און באַגראָבן אונזערע קערפּערס, ס'זאָלן נישט בלייבן קיין שפּורן פון אונזערע שרעקלעכע זינד.

מיר האָבן זער מורא געהאַט. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער האָט אַ ביקס און אַ מעסער פון אַ רוצח. דאָך זענען מיר געבליבן, ער האָט אונז נישט געהרגעט.

אין אַ געווויסן טאָג איז צוגעקומען צו אונזער בונקער נאָך אַ ייד. ער איז געווען שמוציק, פּול מיט לייז. ער האָט אונז אָנגעשטעקט מיט זיי און צו אַלע אונזערע ליידן האָבן מיר נאָך געקראָגן אַ שווערע פּערלייזיקטקייט. אונזערע קערפּערס זענען געוואָרן פול מיט ווונדן און בייסעניש ביז משוגעת. די שטאַל האָט אויך געהאַט אירע וואַנצן און אַנדערע באַשעפעניש. דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי שווער מיט אַזוי פיל פיזישע ליידן, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען אויס־צוהאַלטן.

אַ רוצח אַ חסיד

דעם וואַלד וועכטערס לאַגע איז אויך געוואָרן שווער, כאָטש מיר האָבן אָנ־גענומען אַלע מיטלען צו זיין פאָרזיכטיק מ'זאָל אונז נישט באַמערקן און אָפּפילן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די גאַנצע משפּחה זיינע ווייסט וועגן אונז און וועגן דעם „באַהעלטעניש" און אַלע שכנים האָבן אים געגעבן דאָס צו פילן פון מאָל צו מאָל, אַז זיי ווייסן אַלעס. ער האָט דוקא נישט מורא געהאַט פאַר זיי, ווייל די באַציונגען צווישן די שכנים זענען געווען אידעאַלע, האַרציקע און זיי וועלן נישט גיין עמיצן אויסגעבן פון זייערע, אָבער ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון דער מלחמה, האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פאַרשידענע באַנדעס כדי צו זיין גרייט איבערצונעמען די ירושה פון דעם דייטש, ווען ער וועט אַוועק.

אין אונזער געגנד זענען דאָס געווען דוקא די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך אָנ־גערופן „מיליטער פונעם פאָטערלאַנד" און מער ווי זיי האָבן געוואָלט זיין אָנפירער פונעם לאַנד האָבן זיי געוואָלט אויספירן ביז די ענדע די לאָזונג פון די דייטשן „יודען ריין", ס'זאָל נישט בלייבן קיין שפּאָר פון זייער מיטאַרבייטן מיט די נאַציס ווען עס וועט קומען דער יום הדין.

דאָס „מיליטער" איז אַריין ביינאַכט אין די דערפער, געפונען יידן און גלייך זיי דערמאָרדעט. נישט נאָר זיי, נאָר אויך די וואָס האָבן באַהאַלטן ביי זיך יידן. די סכנה פאַר דעם גוי איז געווען אַ דאָפּעלטע, בייטאָג פון די נאַציס און ביינאַכט פון דער פוילישער באַנדע. ס'זענען געווען נעכט, וואָס מיר פלעגן אַרויסגיין אין די פעלדער זיך באַהאַלטן און וואַרטן אויף אַ צייכן פון אים צי קענען מיר קומען צוריק. זיין לעבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום פון אָנשטרענגונג, פאָר־

זיכטיקייט און שטיין אויף דער וואַך.

איך וועל דאָס אים נישט פאַרגעסן דעם חסד, פאַר זיין איינשטעלן דאָס לעבן פאַר אונז. פלוצים האָט אים געפּאַקט אַ מין רעליגיעזער ווילן, אַ טיפער, צו טאָן פאַר די אָרעמע, וואָס ראַנגלען זיך אויף זייער עקזיסטענץ מיט זייערע לעצטע כוחות און ווילן צום לעבן. ער האָט דאָס געמאַכט מיט סכנת נפשות וקידוש־השם.

ביז היינט שרייבן מיר זיך דורך מיט אים און שיקן אים פעקלעך מתנות, אויסצודריקן אונזער דאַנק. מיט זיינע טאַטן איז ער געווען פאַר אונז אַ טורם פון שטראַל, וואָס האָט סיגנאַליזירט אונז האָפענונג, זיכערקייט און אַ גלויבן אין מענטש. אין צייט, וואָס מיר זענען געווען ביי אים — איז אים געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער און ער האָט איר אַ נאָמען געגעבן אויף מיין נאָמען. דערנאָך האָט ער אונז געגעבן צו פאַרשטיין אַז ער האָט אונז ליב אַ ליבע פון אָפּשאַצונג, ווייל מיר ווילן אַזוי לעבן און איבערלעבן די נאַצישע מערדער.

פוילישע מערדער

ווען עס איז געקומען די באַפרייאונג, האָט ער אונז נישט געלאָזט בלייבן אין דאָרף אָדער ערגעץ אויף אַנדערע באַפרייטע פלעצער, ווייל די סכנה פון די „פּאָלאַקן" איז געווען נאָך גרעסער ווי ביי די נאַציס. ער האָט אונז אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע פלעצער אויסערן דאָרף. דערנאָך האָט ער אויסגעגראָבן און אויסגעבויט איין בונקער אונטער דער סטאָדאָלע און דעם צווייטן אין וואַלד, אויך אויף אַ באַהאַלטענעם פלאַץ. איינמאָל איז דאָס גאַנצע דאָרף באַפאַלן געוואָרן דורך ווילדע מענטשן, פּרימיטיווע און מיר זענען אַלע געווען אין אַ געפערלעכער לאַגע, האָט ער איינגעשפּאַנט די פערד, אַרויפגעלייגט אונז אויפן וואָגן, פאַרדעקט מיט שטרוי און אונז איבערגעפירט צווישן די רוצחים אין אונזער צווייטן בונקער אין וואַלד.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז צוויי יידן האָבן זיי געפונען אין דאָרף און זיי פאַר יעדנס אויגן דערמאָרדעט. דאָס האָבן געמאַכט די פּאָליאַקן.

ווען די רוסן זענען צוריק געקומען קיין ליזשענסק, זענען עטלעכע יידן צוריק געקומען אין שטאָט מיט פאַרשידענע מחשבות, ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אָנהויבן „פון דאָסניי", איז פונקט דאַן האָבן די פּאָלאַקן געמאַכט אַ „פּאָגראָם" מיט אַ דריי פאַכיקן ציל: צו רויבן פאַרמעגנס, באַזעצן הייזער און הרגענען בעלי בתים, וואָס האָבן געוואָלט די הייזער צוריק.

*

ווינטער 1945, זענען אויסגעבראָכן איבערפאַלן, וואָס האָבן געדויערט עטלעכע טעג. אַלע יידן, וואָס זענען צוריק געקומען קיין ליזשענסק האָבן פאַרלאָזט אונטער דער באַשיצונג פון די רוסן און לויט זייער עצה, דאָס שטעטל.

דאָס מאָל האָבן מיר אויך פאַרלאָזט ליזשענסק און אויף אייביק.

מ. נ. ירוט

ליזשענסק — רוסלאנד — ליזשענסק

ערשט נעכטן האָבן אונדז די עלטערן, דעם ערשטן טאָג אין חדר געפירט, דאָס עקשנותדיקע קינד האָט דער בעלפער אויף די אַקסל גענומען און דאָס קינד האָט זיך צוריק געריסן צו דער מאַמעס-שירץ.

ערשט האָבן מיר רוהיג אויסגעהערט מיט פול פאַרגעניגן, געשלונגען דורשטיק מיט צאַפּל די ווערטער, דרשות און רעפעראַטן פון אונדזערע אַלע פאַרשידענע רבנים און רביים, מלמדים, לערערס און ערציערס, מנהיגים, שליחים און וועג-ווייזער, ערשט צוזאַמען געזעסן אויף דער האַרטער באַנק אין חדר, ישיבות, בית המדרש, קלויז, אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען, פגישות, זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, שטאַרק זיך באַקעמפט איינער דעם אַנדערן און באַשריגן, אָבער דאָך זיך געפרייט צוזאַמען.

און אַזוי שנעל איז דער חלום פארשוואונדן...
פלוצלים זענען מיר מערדערלעך צעריסן געוואָרן.

**
*

א בילד, א סצענע, וואָס איז פארטושט, אָבער אווירקלעכקייט, א איינגע-קריצטע אין געדאַנק אויף אייביק: שבת, דאָס בית המדרש איז פול געפּאַקט. קיין שפּילקע צו דורכוואַרפן. די מלחמה שוועבט אין דער לופט. רעגירונגס פארטרעטער זענען געקומען צו דער פאַרזאמלונג מיט אן אויפרוף צו דער יידישער באפעלקע-רונג זי זאָל שפּענדן אַ טאַנק פאַר דעם פּוילישן מיליטער...

ס'האָבן רעפערירט הרב ר' יואל משה לנדאו, משה קאַרפּ און פּערטרעטער פון דער פּוילישער רעגירונג. די נערוון זענען שוין ביי יעדן ייד געווען אָנגע-שטריינגט, די נייגעריקייט איז שטאַרק, וואָס וועט זיין מיטן ביסל יידן?

מען האָט שוין די הבדלה-ליכט אָנגעצונדן. ביי יוסל גוזעק און מאַרק איז דער ראַדיאָ אַרויסגעשטעלט אין פענסטער, יעדער זאָל הערן נייעסן. מען באַמערקט ליכט אין מאַגיסטראַט און פון אויער צו אויער גיט זיך איבער: א מאָביליזאַציע, נאָך נישט קיין אַלגעמיינע, א 10—20 יידן האָבן באַקומען מאָביליזאַציע צעטלען, הירש שאַנק, דאוועק רייכנטאַל, אשר רוטמן, שיע רוטמן, יוסל ריכנטאַל, און נאָך אנד.

אין נאַרמאַלע צייטן האָבן זיך יידן אויסגעדרייט פון מיליטער, מ'האָט נישט געוואָלט עסן טרפות, מחלל שבת זיין, נישט קענען לייגן קיין תפילין. א.א.וו. אָבער אַנדערש איז עס איצט, מיט דעם קריג קעגן היטלעריסטישן דייטשלאַנד. יעדער ייד איז גרייט צו קעמפן געגן באַרבאַרישן היטלער, וואָס וויל אונטערברענגען דאָס יידישע פאָלק.

די נאַכט איז געווען א וואַכע נאַכט, 9 אַזייגער פרי פאַרט אָפּ דער צוג קיין יאַראָסלאַוו צו די קאַשאַרן-פונקט. די יידן און די קריסטן זענען געווען טרויעריג. אַן אַנדערש מאָל גייענדיק צום מיליטער זיינען די שקצים אייביג פריילעך און לוס-טיק, מיט געזאַנג איצט זענען זיי אַלע שטיל מיט טרערן אין די אויגן.

מיר וויסן פארוואָס, זיי וועלן נישט קעמפן מיט די דייטשן... דערפאר זענען מיר טרויעריג, מען טראָגט מיט זיך די תפילין אין קעשענע, און מ'ווייסט, אז מ'וועט קעמפן מיט א דאָפּעלטן שונא.

זיך געזעגנט מיט טרערן און געוויין מיט דער משפחה. וויניקע האָבן געקלערט פון צוריקקומען. איינגעפּאַקט אין לאַסט וואַגאָנעס. דער וועג האָט נישט לאַנג געדויערט. אין יאַראָסלאַוו האָבן מיר געטראָפן עטלעכע ליזשענסקער ייִדישע ייִנגלעך פון יאַרלעכן דינסט בוצי באַקון, לייבעלע רייכנטאַל, הירש לעוואנדל א.א.

א אומאָרדנונג הערשט איבעראַל, פילע איינגערופענע קריסטן זענען באַלד צוריק אַהיים געפאָרן, יידן נישט.

מען האָט געקעמפט קעגן די דייטשן אין די שוץ-גרובענס, געפאַלן און אַנטלאָפן פון דייטשן געפאַנגענשאַפט. כמעט אַלע זענען צוריקגעקומען אַהיים פון מיליטער. די קריג איז געווען א בליץ שנעלע, מען האָט באָמבאַרדירט אונדזערע קאַשאַרן אין יאַראָסלאַוו, אונדז איבערגעפירט אין די דערפער, אויפן וועג וואַלגערן זיך גאַנצע עשאַלאָנען מיט טאַנקן און מאַשין-געווער צעקלאַפּטע.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען אונדז געבראַכט צום קאַמף פון דער צווייטער זייט סאַן. אין יאַראָסלאַוו אויפן לוביצאָווער וועג באַקומט יעדער זעלנער זיין ביכל מיט דעם טויטן-שיין אויפגעהאָנגען אויפן האַלדז. פרייטיק צו נאַכטס אויף שבת פאר ראש השנה, יידן זאַמלען זיך באַלד צוזאַמען, מען שמועסט צווישן זיך ייִדיש. די קריסטלעכע זעלנער קענען דאָס נישט פאַרטראָגן. די אַטמאָספערע איז א געשפאַנטע. מיר זענען צווישן האַמער און קאָוואַדלע. מ'האָט אונדז אָנגעוויזן אונדזער שוץ-פונקט און ווער עס האָט נאָר געהאַט אַביסל מיליטעריש פארשטאַנד האָט גלייך באַמערקט די אומאָרדנונג און פאַראַט. אונדזערע שוץ-גראָבענס האָט מען אויסגעטיילט אויפן ברעג פון סאַן, וואו די ערד איז אויפגעשיט הויך, אַזוי אַז ווען די דייטשן וועלן צוקומען צום סאַן פון יאַראָסלאַווער זייט, זענען מיר דער ערשטער שוס-פונקט. מיר האָבן געזען, אַז מיר זענען באַדראָט, אויב מיר וועלן שטיין הויך, האָבן מיר אַליין גענומען די איניציאַטיווע און זיך אַראָפּגערוקט נידריג. יעדע צוויי זעלנער האָבן זיך אויסגעגרובן שטייענדיקע שוץ-גראָבענס. אָן אָפיציר האָט אונדז ערקלערט עטלעכע ווערטער, אונדזער גורל איז געווען ענטשלאָסן — צום אָפּגרונט צו ווערן, צעשאָסן אויף זיכער פון די דייטשע קוילן. קיין מאַשין געווער, עראָפּלאַנען, טאַנקן האָבן מיר נישט געזען. עטלעכע טויזנט זעלנער מיט אַלט-געווער דאַרפן איינהאַלטן אַזאַ שטאַרק באַוואָפנט דייטשיש מיליטער.

אָפּגערוט פון צוגרייטן די גראָבענס, האָבן מיר זיך אוועקגעזעצט ביי אַ קליין וועלדל, שוין צוויי טאָג נישט געגעסן, האָט מען ארויסגענומען די אייזערנע פּאַרציע, מאָרגן וועט אפשר שוין נישט זיין ווער ס'זאָל זי עסן, ס'איז איצט קיין אונטערשייד צווישן יידן און קריסטן. יעדער לויט זיין שטייגער זאָגט וידוי. אין געציילטע מינוטן לויפט אַדורך אין געדאַנק די לעבנס-פּאַרגאַנגענהייט, געזעגנט זיך מיט ערשט חתונה געהאַט ווייב, געבוירענעם קינד, טייערע עלטערן, שוועסטער און ברודער, זיידעס און באָבעס, מאַמעס און פעטערס. און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ

זיך געגרייט צום זיכערן גרוילעכן טויט-מאַרש. און מען האָט זיך אויסגעווייִנט
איינער מיט דעם צווייטן זיך געזעגנט. די שקצים האָבן זיך געציילעמט און צוריק
געגאַנגען צו די שוץ-גראָבענס. מ׳האָט יעדן געטיילט האַנט-גראַנאַטן, דאָס זאָל זיין
אונדזער שוץ, אַז די דייטשן וועלן קומען נאָענט צו אונדז. אין מיין דרוזשינע האָט
זיך אויך געפונען א יונגל פון לאַנצוט פון פאַך אַ בלעכער, ביינאַכט האָט מען גע-
פרעגט ווער וויל פרייוויליק גיין אינטערמינירן די בריק אויפן סאַן, האָט זיך דאָס
יונגל געמאָלדן. כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל נישט גיין, אָבער ער האָט מיך נישט
געפאָלגט און איז מער נישט צוריקגעקומען.

איך בין געבליבן איין ייד, און צו מיין ערשטוינען האָט מען צוגעטיילט צו
יעדער דרוזשינע א מאַשין-געווער אויף אַ וואָגן געשפּאַנט און אַ פּאָר פערד מיט
עטלעכע זעלנער באַדינונג. צווישן זיי איז געווען אשר רויטמאַן. ס׳איז מיר געוואָרן
אַביסל לייכטער אויפן האַרצן, מיר האָבן זיך זייער דערפרייט, אָבער ער מיטן מאַ-
שין-געווער זענען געשטאַנען אין גאַנצן פריי אויפן פעלד, מיטן וואָגן און פערד,
גלייך אויסגעשטעלט צו דער קויל פון שונא, האָבן מיר זיך אביסל איינגעגראָבן
און כ׳בין שוין געבליבן מיט אשר רוטמאַן צוזאמען.

דעם גאַנצן שבת-טאָג איז דער ריקצוג פון מיליטער פון די פארנומענע שטעט
געווען געפערלעך. מיר האָבן נאָר געזען פון דער ווייטענס דעם שאָסע און זיך נאָך
נישט געקענט פאָרשטעלן, באַלד אין געציילטע עטלעכע שעה וועט דאָס זעלבע
זיין מיט אונדז, מיט די וואָס וועלן בלייבן לעבן. זיי זענען געלאָפן צעריסן, באָר-
וועס און נאַקעט, פארבלוטיקט, צעקלאַפּט, געלומט, די הענט פארוונדעטע אויפ-
געהאַנגען, פאַרוואַקסן, געשריגן נערוויז, מיליטער-מענטשן מיט און אָן געווער.

מיר האָבן נישט געקענט פארשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר, תיכף אָנפאַנג נאַכט
האָבן מיר געהערט ווי די דייטשע לאַסט אויטאָס קומען אַריין קיין יאַראָסלאַוו און
באַלד נאָך זיי שווערע קריגס-מאַשינען, אָבער אונדזער אַרטילעריע האָט זיי אָנגע-
הויבן שטאַרק באַשיסן, און לויט מען האָט דערציילט האָבן זיי זיך צוריק געצויגן
און ארומגערינגעלט די שטאָט פון דריי זייטן, און צומאָרגענס זונטיק זי איינגע-
נומען און זיך געריקט נאָענטער צום סאַן וואו מיר זענען געווען אָקופּירט. כ׳בין
געווען צוזאַמען מיט אשר רויטמאַן און נאָך א ייד צווישן אונדזערע זעלנער. מיר
האָבן געטראָפן נאָך אָקאָפּעס פון דער ערשטער וועלט קריג זענען מיר געזעסן און
געוואַרט וואָס וועט ווייטער געשען. פינף אַזייגער פרי האָבן די דייטשן אָנגעהויבן
זייער אָפּענסיווע צו נעמען דעם סאַן. די עראָפּלאַנען זענען געפלויגן כמעט איבער
אונדזערע קעפּ, און געשאָסן מיט מאַשין געווער. נסים מן השמים, אַז מיר זענען
נישט דערשאָסן געוואָרן. אנדערע זעלנער זענען אויסגעשאָסן געוואָרן, אָדער אנט-
לאָפן. נעבען דעם פּלאַץ, וואו מיר זענען געליגן איז געשטאַנען אין מיטן פעלד א
איינציג הייזל אין הויף און א ברונעם, דאָס הייזל איז געווען א סטרינע פּאָר-
קלאַפּט אויף א שטאַרקן שלאָס. מיר האָבן אויפגעריסן דעם שלאָס, מיר האָבן
געטראָפן א קיישל אייער, וואָס די איינוווינער האָבן געלאָזט ביים אַנטלויפן, און
פולע פעסער מיט פעטן. דאָס הויז האָט געהערט צו א קישקאלע מאַכער. פון קליי-

געם פענסטערל האָבן מיר געזען, ווי די דייטשן פאַרנעמען אַלע אָקאָפּעס און קומען וואָס נאָענטער צום הויז, וואו מיר געפינען זיך. פון הונטער דעם הויז איז געשטאַנען א מאַשין געווער, גוט פאַרמאַסקירט און כסדר געשאָסן אויף די דייטשן. מיר האָבן אין דרויסן געלאָזט דאָס גאַנצע געווער, ווען די דייטשן זענען געקומען נאָענטער צום הויז און געווען זיכער אַז דאָ איז אוקאָפּירט א גרויסע גרופּע פוילישע זעלנער, ווייל דאָס הויז איז געווען געגאָסן פון צעמענט האָבן זיי אַריינגעוואָרפן עטלעכע גראַנאַטן און דאָס הויז האָט אָנגעהויבן צו ברענען, נישט האָבנדיק קיין אנדערן אויסוועג, זענען מיר ארויס, מיט די הענט אין דער הויך. זיי האָבן אונדז מיט די געשפּיצטע באַגנעטן געפירט. פון עטלעכע טויזנט זענען מיר עטלעכע לעבן געבליבן, צוויי דייטשע זעלנער האָבן באַקומען די אויפזיכט איבער אונדז געפאַנגענע. איך האָב זיי געזאָגט אַז כ'בין א ייד. זיי האָבן אונדז געבראַכט צום הויפּטשאָסע, אונדז אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, עס איז ארויס אַ גרויער הויכער דייטשישער אָפיצער געהייסן יעדן באַזוכן די קעשענעס. כ'האָב געוויזן די תפילין אים געזאָגט, אז אלץ ייד האָב איך מיטגענומען צום רעליגיעזן-געבעט. ער האָט זיי געהייסן צוריק באַהאַלטן אין טאַש, און אונדז געהייסן פירן קיין יאַראָסלאָוו. דאָ האָט מען מיר אָפּגעטיילט פון אשר רויטמאַן. זיי האָבן נישט געוואָלט מיר זאָלן זיין א גרויסע גרופּע צוזאַמען, אונדזער גרופּע האָבן ווייטער געפירט צוויי זעלנער אויפן וועג ווען מען האָט אונדז געפאַנגען האָבן מיר געטראָפן אַ שטאַרק פאַרוווּנדעטן קאַפּראַל פון לובלין, א קריסט, ער האָט געהערט ווי איך שמועס מיט די דייטשע זעלנער, האָט ער מיך געבעטן מען זאָל אים ראַטעווען, מיר האָבן אים גענומען אויף א פעלד בעטל קיין יאַראָסלאַוו, אָבער די בריק אויפן סאַן איז געווען אויפגעריסן א מזל ס'איז געווען ווייניק וואַסער אין סאַן, האָבן די דייטשן געפרעגט ווער וויל איבערגיין דעם סאַן זען צו מ'קען דורכגיין. איין שגץ וואָס ווינט נעבן סאַן האָט געזאָגט אז ער וועט ווייזן ווו מען קען אַריבערגיין. א ך האָב זיך געמאַלדן פרייוויליק. כ'האָב געקלערט כ'וועל קומען אויף דער צווייטער זייט אין דער פינצטער, וועל איך קענען אַנטלויפן, אָבער קומענדיק נאָענטער זענען דאָרט געווען טויזנטער דייטשע זעלנער. ס'איז נישט דאָ וואו צו אַנטלויפן די צוויי דייטשן האָבן פאַרשטאַנען מיין געדאַנק, האָבן זיי געשריגן „דער יודע גלייך צוריק" ווען נישט שיסן זיי. אַזוי בין איך צוריק אַוועק, זיי האָבן נישט געוואָלט איינשטעלן דעם פאַרווונדעטן, האָבן זיי געהייסן אים אַריינגעבן אין א הויז, אָבער איבעראַל איז געווען פינסטער און פאַרקלאַפּט טיר און טויער. אין איין הויז האָט מען אָנגעצינדן א לאָמפּ און צו באַוווּנדערונג אין א ווינונג פון א ייד מיט א לאַנגע באָרד. די שקצים האָבן באַלד געכאַפּט די מציאה און געשריגן זשיד, זשיד, אָבער די דייטשן האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען קיין פּויליש און די שקצים האָבן זיך נישט געקאָנט מיט די דייטשן פאַרשטענדיקן. איך האָב געזאָגט, אַז די דייטשן הייסן קיינעם נישט אַריינגיין, נאָר מיך, דער ייד האָט נעבעך מורא געהאַט מ'זאָל דערנאָך נישט זאָגן, אז ער בעהאַלט א געפאַנגענעם זעלנער. דער ייד האָט נישט געוואָלט שלאָפן אין דער פינסטער. נאָכדעם האָבן זיי אונדז געפירט קיין מונינה, וואו זיי האָבן געמאַכט

אַ פּאַנטאָן בריק, אויפן וועג האָבן מיר געזען דעם חורבן פון אונדזערע זעלנער. קומענדיק צו דער בריק, וואָס מען האָט געבויט האָבן די דייטשן, וואָס האָבן אונדז געפירט געמאָלדן דעם אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַרבעט, אז ער דאַרף אונדז צושטעלן צו דער קאָמאַנדע אין יאַראָסלאַוו, אָבער דער אָפיציר האָט אונדז געהייסן ארבעטן, זיי האָבן אים געבעטן, אז מיר זענען קריגס-געפאַנגענע, שוין עטלעכע טעג נישט געגעסן ער זאָל אונדז באַפרייען פון דער ארבעט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. נאָך א דרייסיג מינוט האָט ער זיך איבערקלערט און אונדז געהייסן אָפפירן קיין יאַראָסלאַוו.

* * *

אין יאַראָסלאַוו זענען מיר געקומען צו דער באַן, אין אַ גרויסן האָטעל, דאָן צום מאַגיסטראַט אין מיטן מאַרק, דעם טויער האָט געהיט א ייד. מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט אין קאָרידאָר אין צוויי רייען, ס׳איז אַרויסגעקומען פון קאַנצליי א גרויסער אָפיצער פון געסטאַפּאָ און מיר זענען איבערגעגאַנגען אין זיין רשות. ער האָט יעדן געהייסן אַרויסגעבן אַלס פון די טאַשן. איך האָב פריש געוויזן די תפילין און אויך ער האָט געהייסן זיי צוריק באַהאַלטן, נאָר מיך געפרעגט, אַלס ייד, צו קען איך שרייבן דייטש. איך האָב אים געזאָגט יאָ, נאָר מיט לאַטיין בוכשטאַבן, ער האָט געהייסן מאַכן אַ גענויע רשימה פון אַלע לויט דער רעליגיע, אַרט פון מיליטער דינסט און פאַרשידענע איינצלהייטן. אין קאַנצליי האָט ער מיר געהייסן זיצן און מיר געגעבן אַ שאַכטל סאַרדינען, געגוי דורכקאָנטראָלירט אונדז, אַריינגעפירט אין קעלער פון מאַגיסטראַט. אין יאַראָסלאַוו האָבן זיי פאַרנומען יעדן אין גאַס און אריינגעשיקט אין די מאַגיסטראַט קעלערן. אויפן צווייטן טאָג האָט מען אַלע באַ-פרייט, נאָר די געפאַנגענע זעלנער און די יידישע גייזלער איבערגעלאָזט אין קעלער. ביי יעדן אַריינקומען פון א דייטשן מיליטער-אָפיצער אָדער געסטאַפּאָ האָב איך סאַלוטירט און געמאָלדן: „איר זינט די קריגס-געפאַנגענע זעלנער״, ער האָט צוריק סאַלוטירט און ווייטער געגאַנגען. אַריינגייענדיק צו די יידישע גייזלער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך אַ ייד, אַ אַדוואָקאַט. איך געדענק נישט זיין נאָמען און ער האָט אויך סאַלוטירט און געמאָלדן, אָבער אַנשטאַט אַן ענטפער האָבן זיי אים געשלאָגן, געפאַטשט אין קאָפּ און בויך. די ערשטע צוויי טאָג זענען מיר געווען 25-30 גע-פאַנגענע זעלנער, אויפן דריטן טאָג זענען מיר שוין געווען ביי 100 געפאַנגענע און אין קעלער איז נישט געווען מער קיין פּלאַץ, האָט מען אונדז איבערגעפירט אין די צימערן.

אויף צומאָרגענס שבת תשובה אין דער פרי האָט מען אונדז אויסגעשטעלט און עס זענען געקומען לאַסט אויטאָס אונדז צו פירן קיין דייטשלאַנד. מיר זענען געווען אַלע באַוואקסן, שוין עטלעכע וואָכן זיך נישט ראַזירט. מיר, עטלעכע יידן, האָבן זיך צוזאמענגערעט, און שטענדיק זיך אַרויסגעדרייט צו זיין די לעצטע, אפשר וועט מען קענען זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער אויך אונדזער רייע איז געקומען, כמעט צווישן די לעצטע מאַשינען. אויף יעדער מאַשין זענען 25 זעלנער. מ׳האָט אונדז נישט געהיטן, נאָר אין דער קאַבינע מיטן שאָפער איז געזעסן א דייטשער אָפיצער.

די שאַסייען זענען געווען זייער צעשטערט און די מאַשין איז טיילמאָל געפאָרן זייער לאַנגזאַם און אויך נישט איין מאַשין נאָך דער אַנדערער, אזוי, אז פולע זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פאַרנדיקע מאַשינען און זיך באַהאַלטן אין א גאָרטן, ווען מיר זענען געקומען נאָענט צו פשעוואָרסק, ביי די פאַבריקן פון בראַנפן און צוקער, וואו ס׳איז געווען אַ גרויסע געמויערטע וואַנט זענען אַסך זעלנער אַראָפּגעשפּרונגען, אָבער מיר יידן האָבן מורא געהאַט.

אזייגער פיר-פינף פאַרנאַכט האָט מען אונדז געבראַכט קיין לאַנצוט אויפן אַלטן מאַרק. אסך יידן זענען געשטאַנען אין דער גאַס, גלייך ווי גאָרנישט איז גע-שען. איך האָב באַמערקט דוד זאַנענבליק און אים געבעטן ער זאָל באַפוילן אַהיים, אַז איך לעב. מען האָט אונדז געפירט צו די פאַטאָצקעס אויעזדזאלניע נעבן דער גרויסער שוהל. ביים אַריין פון דער זאָל איז געשטאַנען א יידישע פרוי מיט א דייטשן אָפיצער און געטיילט חלה די געפאַנגענע זעלנער, איך האָב זי געבעטן אפשר קען זי מיר העלפן, איך בין פון ליזשענסק דודל רויטמאַנס א אייניקל, דעם זיידן האָט מען געקענט אין לאַנצוט, זי איז גלייך צו צום דייטשן אָפיציר אַנגעוויזן, אז איך בין איר ברודער און בעט מיך צו באַפרייען.

כ׳בין אָבער געווען אין מיליטער קליידער האָט ער א באַפעל געהאַט נישט צו באַפרייען, נאָר בלויז די ציוויל געקליידעטע. מיר האָבן זיך געפונען אין א גאָרטן, און פיל יידן זענען געשטאַנען און גערעט מיט אונדז, איך האָב געבעטן מען זאָל מיר שיקן מיין פעטער מלך׳ס קינדער, אָדער עטאַלע קעסשטעכער, אייניקל פון בעראלע העניעס צווייטע פרוי.

זיי זענען גלייך געקומען און זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו ברענגען ציווילע קליידער, ס׳איז שוין געווען פינסטער און פארבאָטן צו גיין אין דער גאַס ביינאַכט. צו מאָרגענס זונטיק, תיכף אין דער פרי האָבן זיי מיר געבראַכט אַ פּאָר הויזן, א רעקל און א העמד, עס אריבערגעגבן דורכן פלויט אין א קיישל, כלומרשט עפּעס עסן, כ׳בין אין דער אויעזדזאלנע און זיך איבערגעטאָן אין דערזעלבער צייט זענען געקומען פיל פויערן זוכן זייערע קרובים צווישן די זעלנער און אויך מיט-געברענגט ציווילע קליידער. נישט טרעפנדיק זייער משפחה האָבן זיי געגעבן די קליידער אנדערע זעלנער, אָבער מ׳האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין. איך האָב מיך איינגעשטעלט. ווי נאָר די פויערן זענען צוגעקומען עטלעכע מעטער ביז צום טויער פון דער אויעזדזאלנע אינעווייניק אין הויף האָב איך מיך געשטעלט מיטן פנים צו די זעלנער, פאַרויכערט א ציגאַרעט ביי א זעלנער און מיטן אונטן צו די פויערן. כ׳האָב פארויכערט דאָס ציגאַרעטל און זיך צוריקגעריקט צו די פויערן. געשטאַנען עטלעכע מינוט, כלומרשט מיט די פויערן, ווי איינער פון זיי און בין שטראָמיק ארויסגעגאַנגען פון דער פורטקע פון דעם גאָרטן.

יעדער צווייטער מעטער איז געשטאַנען א דייטשער זעלנער מיטן מאַשין געווער, אָבער זיי האָבן מיך נישט באַמערקט, אָדער געדאַכט, דאָס איז איינער פון די פויערן, כאָטש איך האָב געקלאָפּט מיט די מיליטער-שיך, און דער קאָפּ איז געווען אָפּגעשוירן ווי ביי מיליטער. ביי דער פורטקע איז מיר אַנטקעגן געקומען די פרוי,

וואָס האָט נעכטן געטיילט חלה און מיר געזאָגט, „נאָר וואָס שנעלער". איך בין אַריין צו עטלעכע קעסשטעכער איר צו באַדאַנקען, כ'האָב נישט געוואָלט איר זיין צו לאַסט און כ'האָב באַשלאָסן צו גיין קיין ליזשענסק.

דורכגייענדיק אויפן ליזשענסקער וועג אין לאנצוט ביים מאַגיסטראַט האָבן פילע דייטשישע זעלנער מיר נאָכגעקוקט. כ'האָב מיך באַמיט נישט צו קלאַפּן מיט די מיליטער-שיך, אָבער כ'האָב נישט געקאָנט פליען אין דער לופט, די פיס זענען געווען באַלייגט מיט בלאָטערן פון די שיך, און דער פחד, ס'איז געווען זונטיק, ס'זענען נישט געווען קיין סך דייטשיש מיליטער, אָבער יידן זענען געגאַנגען מיט רוקזעקלעך, געפאָרן מיט וועגעלעך, פאַרלייגט מיטן ביסל פאַרמעגן, ווער אהין, ווער אהער. טייל אַוועק פון דער היים און טייל צוריק אהיים, און דער פחד איז געווען זייער גרויס.

* * *

געגן פינף אַזייגער פאַרנאַכט בין איך געקומען קיין ליזשענסק.

ביים צמענטאַזש האָט מיך געטראָפן א שגץ, ער האָט מיך דערקענט. מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען צו דער מאָביליזאַציע, האָם ער מיר געהייסן נישט גיין דורך דער ריישע גאַס צום מאַרק, ווייל די דייטשן שלאָגן דאָרט יידן. כ'בין אריין אין געסל געגן איבער האביקין, די ראגליכע האָט מיך נישט דערקענט, זי איז גע-גאַנגען נאָך וואַסער צו דעם ברונעם אונטער דער באָד, כ'בין דורכגעגאנגען אונטער דער פערברענטע שוהל, ביי די טרעפּלעך זענען געשטאַנען צוויי דייטשן און לע-גיטימירט ביירעכן. כ'בין דורכגעגאַנגען אונטער זייערע פלייצעס, צום הויז פון ר' יוסף אוסאיבעל, דאָרט האָב איך מורא געהאַט אַריינצוגיין. גייענדיק ווייטער איז געשטאַנען יעקל שניידער און אויפגעבלאָזן אַ פּרעס-אויזן. ער האָט מיר דערקענט נאָר לויטן קול, מיר ארייננגענומען אין דער צווייטער שטוב, ער האָט געגייט פאַר די דייטשע זעלנער, און ער איז געלאָפן צו אונדז אהיים אָנזאָגן די בשורה, אַז איך לעב, ווייל מ'האָט דערציילט, אז אלע פון יאַראָסלאַווער פולק פון נאַרמאַלן יאָרגאַנג און ערשטע מאָביליזאַציע האָט מען געשיקט אין ערשטן פייער און אַלע אויסגעאַרגעט. די פרייד איז געווען נישט צו באַשרייבן.

די עטלעכע טעג ביז צום ארויסטרייבן פון ליזשענסק זענען געווען פול מיט פחד. געשלעגן און שיסערייען, מ'האָם זיך באַהאַלטן אונטער פאַרשידענע שאַפעס און בעטן, אונטער שטובלעך, קעלערס און בוידעמער, ביז עס איז געקומען דער צו גירוש, דער פאַרטרייבונגס-מאַרש איז אפשר געווען לטובה, פילע זענען לעבן געבליבן אַדאַנק דעם גרוש. דעם טאָג האָבן די דייטשן נישט געשלעפּט צו דער ארבעט. מען האָט זיך געקאָנט פריי ארומדרייען עטלעכע געציילטע שעה. מיר האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביי אונדזער הויז ביי א 30 יוגנטלעכע און יעדער האָט געזאָגט זיין מיינונג וואוהין מען דאַרף גיין.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טרויעריקע שפּיל. דאָס זענען מינוטן, וואָס וועלן זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אין געציילטע מינוטן האָט מען אַלע אַרויסגע-טריבן פון די הייזער, אַלעס האָט געשטראָמט צום מאַרק מיט רוקזעקלעך אויף די

פלייצעס, יעדער וויפל ער האָט נאָר געקענט פאַרטראָגן אויף זיך. דאָס ביסל צירינג האָם מען פאַרשטיפּט אין דער פאַדשעווקע. שייטלען, שיך, היטלען. מהאָט גענומען אביסל עסנווארג. קיין סך האָט מען שוין נישט געהאַט און קיין סך האָט מען נישט געקענט שלעפּן און טראָגן אויף זיך. אזוי האָט אָנגעהויבן דער מאַרש צום סאַן.

די וואָס האָבן געדינגען פערד און וואָגן האָבן אויפגעלעגט אויך בעטגעוואַנט, די הייזער האָט מען פאַרשלאָסן פון אַלע זייטן מיט גרויסע שלעסער און די שליסלען געגעבן די גוטע קריסטלעכע שכנים, זיי זאָלן אָפּהיטן, זיי צוגעזאָגט פיל געלט, ביים צוריקקומען.

די סאַדיסטן האָבן מיט געוועער און נאַהייקעס געהיטן, אלע פנימער פאַר-שוואַרצט, דעם קאָפּ מיט די אויגן געלאָזט צו דער ערד,, גלייך ווי מיר יידן זענען זיך אַליין שולדיק אין אומגילק, טייל קריסטן זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן פיל נאַכגעלאַכט. ווייניקע האָבן געהאַט מיטלייד. דער וועג צום סאַן האָט גלייך איבערמוטשעט, איבערהויפּט דער שרעק, טאָמער פירט מען צום שיסן. מ׳האָט נישט געוווסט, אַז מ׳פירט צום סאַן אַריבער צו פירן אויף יענער זייט ווי די רוסן דאַרפן אונדז איבערנעמען.

מ״האָט אין לעבן נישט געזען אזא הארצרייסענד בילד. אַסך זענען נאָך גע-לאָפן אויפן הייליקן אָרט, זיך צו געזעגענען מיט די פאַרשטאָרבענע, דאָס האַרץ האָט ביי פיל אָנגעזאָגט נישט קיין גוטע בשורות, ווער ווייסט צו מען וועט נאָך קענען אַמאָל קומען און אויסרעדן דאָס שווערע האַרץ ביים בערגל ערד און הארטן שטיין. יעדער גרופּע איז געבליבן שטיין ביים סאַן און באַקומען אַ באַפעל ארויס-צוגעבן דאָס גאָלד און זילבער, שמוק און געלט, אויפן פארשפרייטן גרויסן דעק. פיל האָבן די לעצטע פאָר גראָשן אָפּגעגעבן. — ס׳זענען געשטאַנען שקצים און אָנגעוויזן, וועלכע יידן האָבן געלט. די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי לאַנגע שעהן, מיט יעדן האָט עס געוואָרפן פאר פחד: ווער ווייסט, וואָס זיי וועלן מיט אונדז מאַכן, אפשר גאָר אריינוואַרפן אין וואַסער, אויסשיסן, אָדער פאריאָגן אויף דער צווייטער זייט סאַן.

* *
*

ווען מען האָט זיך שוין געפונען אויף דער צווייטער זייט סאַן נישט זעענדיק מער קיין דייטשן זעלנער האָט מען זיך צעוואָרפן אין דאָרף קאַראַלוווקע, ווער ביי א ייד און ווער ביי א באַקאַנטן גוטן קריסט, טייל זענען געגאַנגען אין ווייטערע דערפער זיך געזעצט אָפּרוהען, ערנייערן דעם געדאַנק, וואָס איז דאָ געשען? און וואָס ווייטער? וואו אַהין גייט מען? צו וועמען פאָרט מען? אַסך משפחות האָבן זיך שוין פארלוירן איינער פון צווייטן. זיך צעריסן ביים אריבערגיין דעם סאַן אין באַזונדערע גרופּן, דאָס ביסל פארמעגן וואָס מ׳האָט אויף זיך געשלעפּט און די רוק-זעקלעך האָט מען אויפן וועג שוין פארלוירן, טייל האָבן אויפגעהאַנגען אָדער ארויפגעוואָרפן אויף אַ דורכפאָרנדיקן וואָגן און ס׳איז פארשוווּנדן.

מ׳האָט זיך געשלעפּט מיט קליינע קינדער, שוואַלבן וואָס מ׳האָט געטראָגן אויף די הענט, מ׳האָט שוין נישט קיין עסן זיי צו געבן און קיין געלט צו קויפן עסן,

מ׳האָט געזוכט וואָס צו פאַרקויפן, אָדער אויסבייטן פאַר עסן, פאַר די פייגעלעך.

דאָס ערשטע יידישע קליין הייזעלע נאָכן סאָן איז געווען מיראַלעס, יעדער ליזשענסקער האָט זי געקענט, זי האָט דאָס גאַנצע הייזל געשטעלט צו אונדזער נוצן, וואָס מער יידן זאָלן אַריינקומען, אָבער נישט אַלע זענען אַריין. צו קליין געווען דאָס גוטע שטיבעלע אירס. די קליינע קינדער האָט מען געהאַלטן אין צימער און די רעשט אויפן בוידעם. די ערשטע נאַכט אויפן נע ונד וועג האָט דער הימל זיך געעפנט און גרויסע טרער רעגנס אויסגעגאָסן אויף אונדזער חורבן.

גאַנץ פרי מען דאַרף גיין ווייטער, טייל האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיטן איבערגעלאָזטן פאַרמעגן, זיי האָבן געזען ווי דער ערשטער טאָג איז אַוועק שלעכט, האָבן זיי באַשלאָסן צוריק צו שמוגלען דעם סאָן, איינעקע איז געלונגען אַריבער דאָס וואַסער, אַ טייל האָבן באַצאָלט מיטן לעבן ווערנדיק דערטרונקען, אָדער דער-שאָסן דורך דייטשע זעלנער. קומענדיק צוריק אין שטעטל האָבן אַ טייל געזען ווי די מיעשצאַנעס און פויערן ראַבעווען דאָס יידישע האָב און גוטס און מען רואינירט דאָס איבעריקע, זענען זיי געלאָפן צוריק און געוואָרן דערשאָסן פון היימישע באַנ-דיטן און דייטשן.

טייל דורכגעענדיק דאָס וואַסער צו דער רוסישער זייט, זענען געוואָרן אַרעס-טירט פון דעם רוסישן מיליטער און גענומען געוואָרן אלס דייטשער שפּיאָן. ס׳האָט נישט געהאָלפן שרייען און באַווייזן אז מ׳איז אַ ייד, אַרעסטירט און צוגענומען. אויף פאַרשיקט נאָכן משפט קיין סיביר.

**
*

אדוואָקאָט ד״ר שיינבאָך, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן דורך זיין דייטשע פרוי האָבן די דייטשן אים אויפגעזעצט צוזאמען מיט משה רייכנטאַל אויף אַ קאָלעס (קוטש). זיי ארומגעפירט קודם איבערן מאַרק, אין די גאַסן און נאָכדעם זיי דער-שאָסן.

מ׳האָט אויפסניי אָנגעהויבן וואַנדערן, איינעקע צום נאָענסטן שטעטל שינעווע אויף דער רוסישער אָקופּירטער זייט. דאָרט בין איך געווען באַשעפטיקט אין רוסי-שע אַמטן, דאָרט האָט מען געטראָפן דעם ערשטן גרינדער פון די אַנטיסעמיטישע ענדעקעס אין ליזשענסק מאַנעק גאַדולע האָט מען זיך אין אים כאַטש אַביסל נוקם געווען, אים געהייסן מיטן בעזעם רייניקן די גאַסן.

ווען מיר זענען דורכגעגאַנגען דאָס דאָרף ארזעכווו, ווי די יידן זענען נאָך געווען, האָבן זיי אויפגענומען די ליזשענסקער פּלטים האַרציג. איינע אַ פרוי, כץ, האָט זי געהייסן, האָט יעדן געגעבן עסן און וואַרעם טרינקען. פון די דערפער האָט מען אָנפאַנגס נישט אַרויסגעטריבן די יידן.

דער גרעסטער טייל ליזשענסקער האָבן נישט געוואָלט מער זען די דייטשע באַנדיטן מיט די פוילישע מיטהעלפער, נאָר געזוכט אַ וועג צו גיין ווייטער. אויף די וועגן האָבן זיך שוין אָרגאַניזירט פאַרשידענע באַנדן-גרופּעס, מיט געווער, וואָס האָבן געפונען פון די פוילישע זעלנער און די באַנדיטן האָבן דאָס רעסט ביסל צו ראַבירט.

דער גרעסטער טייל אָפּגעראַטעוועטע יידן זענען געקומען דורך פאַרשידענע וועגן צו פוס אין דער געגנט פון לעמבערג. זייער שווער איז געווען מיט פרנסה. די מערהייט האָבן געהאַנדלט, וויניקע געאַרבעט, וואָס איז געווען שווער צו באַקומען. די באַזאַרן זענען געוואָרן פיל מיט די פּליטים, אַזויגערופענע ביעזשענצעס, ס'האָט געבראַכט א יקרות פון דירות און לעבנסמיטל, ס'איז געוואָרן א שנאה צו אונדז פון די דאַרטיקע שטענדיקע איינוווינער, אפילו אויך פון די יידן צו די פּליטים, זיי האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס זעלבע האָט געקאָנט פאַרקומען מיט זיי, וואָס איז טאַקע מיט צוויי יאָר שפּעטער געשען, פיל פּליטים האָבן זיך נישט געקאָנט אַנכאַפּן אין דעם נישט נאָרמאַלן לעבן. נאָך געחלעמט פון איבערגעלאָזטן פאַרמעגן און היים, געטראַכט צוריק צו פאָרן קיין ליזשענסק, כאָטש נאָך ארויסנעמען פון די פאַרמויערטע וואַנט, אָדער פאַרקלאַפּטע פאָדלאָגע דאָס שמוק, אָבער אויך די טייערע מעשצאַנסקע שכנים האָבן דאָס זעלבע געטראַכט. ווער ס'איז צוריק געקומען אין ליזשענסק האָט זיי געזען, זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט שווערע האַמערס און געקלאַפּט אין די ווענט, צו עס גיט א ווידער קול, צעקלאַפּט די פאָדלאָגעס, אויך אסך פלעצער האָבן די זעלבע מויערער, וואָס האָבן דאָס צירינג פאַרמויערט געהאַט זייער לייכט און אליין אויפגעקלאַפּט זייער מויערונג, זיי האָבן געוווסט פון אלע באַהעלטענישן. א טייל האָט שוין אינצווישן פאַרכאַפּט דאָס געטאָ געזעץ און זענען אונגעקומען אין געטאָ. ביים ארויסטרייבן זענען עלטערע מענטשן צוריק געבליבן אין די הייזער, די קינדער האָט דאָס זייער געקרענקט, זיי האָבן פּרובירט



ביריש לעוואַנדל

(מיין יוגנט-חבר)

צו שווארצן די גרענעץ ארויסראַטעווען די עלטערן, אייניקע איז געלונגען, אָבער אַ טייל זענען אומגעקומען.

דער האַנדל אין לעמבערג איז געוואָרן זייער שווער. אין די פרייע שעהן פון פרימאָרגן האָט מען שוין געמוזט שטיין אין די רייען, טייל מאָל אפילו בלויז נאָך אַ שטיקל זייף. איינער דעם צווייטן האָט געהאָלפן, מיידלעך ארבעטנדע אין די געשעפטן ווי נאָר זיי האָבן באַמערקט אַ היימישן האָבן זיי אים געהאָלפן, באַלד איז דאָס איבערגעגעבן געוואָרן צו אלע שטעטישע, אז אין דעם געשעפט איז די פאַרקויפערן אַ ליזשענסקער און מען פאַרקויפט זייף, איז די גאנצע רייע געווען שטעטישע, ווען מ׳האָט געהערט אז אין אַ בעקעריי באַקט אַ ליזשענסקער בחור זענען אלע פון די ארומיקע שטעטלעך געקומען אין בעקעריי נאָך ברויט. מען האָט איינער דעם צווייטן פיל געהאָלפן. כ׳האָב געטראָפן אמאָל אויף דער ז׳ולקאָווער גאַס אַ יוגנט חבר, וואָס כ׳האָב מיט אים צוזאמען געלערנט דעם ערשטן עברית, שטייט מיט אַ גרויסן בעזעם אין די האַנט אין אַ מיליטערישן מאַנטל און קערט די גאַס, האָבן מיר אים געבעטן ער זאָל דאָס אוועקווארפן, מיר ווען אים העלפן און זאָל גלייך מיט אונדז אלע האַנדלען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט מורא פאַר דער פאָליציי נישט צו פאלן אין קרימינאַל, וויל ער בעסער שווער אַרבעטן אויפן שטיקל ברויט. מער האָט מען אים נישט געזען.

דער האַנדל איז געגאַנגען מיט אַלעמען, מ׳האָט ציגארעטן און טאַבאַק געקויפט אין לעמבערג און געפירט אין די ארומיקע שטעטלעך און זיי צוריק געבראכט צו פארקויפן פלייש מיט עופות, געשלעפט אַ אַנגעפאַקטן זאק מיט ברויט.

די באַנען מיט די אויסגעהאַקטע פענסטער זענען געווען פול מיט פארקויפערס. אסך זענען אפעלו געשטאַנען אויף די טרעפלעך פון לויפנדיקן צוג. די אַבלאַוועס אויף די באַנען זענען געווען אַפטע, האָבן די יידן די פעקלעך געלייגט אין דער הויך און געשטאַנען עטלעכע בענק ווייטער, טאָמער פרעגט די פאָליציי, זאָלן זיי נישט אַריינפאַלן, העכסטנס וועט מען זיי די סחורה צונעמען. מ׳האָט חדשים אָפּגעארבעט און געוואָרן אין איינציקע מינוטן אַ קבצן. מ׳האָט געדאַנקט גאָט אז מ׳האָט נישט פארשיקט קיין סיביר. ווער ס׳האָט נישט געקענט זיך צוגעווינען צו דעם שמוגל-האַנדל, דעם האָט געדראָט הונגער און נויט. דאָס לעבן איז נמאס געוואָרן און ווען ס׳איז אַרויס דער באַפעל זיך צו רעגיסטרירן אלס רוסישער בירגער, אָדער צוריק אַהיים קיין ליזשענסק, האָבן אַ גרויסע טייל זיך פארשריבן אַ היים, די זעלבע צייט זענען געקומען בריוו פון די דייטשע אָקופירטע געגענדן, אז די יידישע לאַגע האָט זיך בארואיקט. ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט חלילה געשען מיט אונדז ווען מיר וואָלטן געפאָרן אַ היים. אַ נס וואָס די רוסן האָבן פאַרעכנט די אהיים ווּעלנדיקע צום דייטש אלס שפּיאָנען און פארשיקט קיין סיביר, אלס אזוי גערופענע ספעצ-פערעסעלענציס.

* * *

די פארנומענע האָט מען נישט געזאָגט ווי מען פירט זיי. דאָס איז געווען שבת כ״ג סיון. אין זעלבן טאָג זענען יידן הפקר געוואָרן אין גאַנץ זאפאדנע אוקראינע.

די מיליץ וואָס איז באַשטאַנען איבערהויפּט פון דאָרטיקע אוקראַינער, האָבן געהאַט די בעסטע מעגלעכקייט זיך נוקם זיין אין די צוגערייזטע יידן. זיי האָבן נישט ערלויבט מיטצונעמען קיין וואַרעמע קליידער אָדער בעטגעוואַנט. ס'איז געווען אין מיטן זומער, די אוקראַינער האָבן געזאָגט איר דאַרפט נישט קיין וואַרעמע קליידער, איר פאָרט צוריק אַ היים און געצווינגען יידן מ'זאָל אַלעס איבערלאָזן. די לאַסטוואַגאָנען זענען אין אלע שטעטלעך געווען צוגעגרייט. די רוסישע רעגירונג האָט נישט ערלויבט צו באַהאַנדלען יידן שלעכט, אָבער די אוקראַינער האָבן דאָס געמאַכט פון אייגענער איניציאַטיוו, מערסטנטייל ליזשענסקער זענען געווען אין לעמבערג אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך. און קיינער האָט נישט געוווסט וואָס וועט זיין בעסער, אויסצובאהאלטן זיך אָדער נישט, אויב ווער פון דער משפחה איז געווען קראַנק האָט מען די גאַנצע משפחה איבערגעלאָזט, ווי באשאלע שפרגל, שבתי צייזעל, לייבקי אבערטיילער. א טייל אָבער האָבן זיך פריש צעריסן די משפחות, די קינדער האָבן זיך אויסבאהאלטן אין די גערטנער האָט מען די עלטערן פארנומען און די קינדער זענען געבליבן. ווער ס'איז צופעליג נישט געווען אין דער היים, האָט געקלערט, אז ס'איז א מזל, וואָס מ'האָט אים נישט געטראָפן. מענטשן האָבן בייגעזען נייע פאַרצווייפעלטע סצענעס און פארשידענע גרויזאמע סצענעס ביי די פארמאכטע וואַגאָנעס. מ'האָט די בהמות וואַגאָנעס פארוואנדעלט אין פאסאזשיר וואַגאָנען, אין מיטן דער פּאַדלאָגע אויסגעהאַקט א לאָך פאר א בית שמוש, די צוויי קליינע פענסטערלעך אין דער הויך מיט שטעכל דראָט פארקלאַפּט, די היץ אין וואַגאָן איז געווען שרעקלעך אָן א טראָפּן לופט האָט מען זיך געשלעפּט. די פּיין איז געווען נישט צו באַשרייבן, אויף א טייל פלעצער האָט די מיליץ נישט צוגעלאָזט קיין זייטן מענטש, ער זאָל צוברייגגען א ביסל וואסער. ערשט פאָרענדיק נאָך עטלעכע טעג האָט מען אָנגעהויבן צו פארשטיין, אז דער וועג פירט קיין סיביר. די וואַגאָנען זענען געווען הערמעטיש אין דרויסן פארמאַכט און אויף יעדע עטלעכע וואַגאָנען האָט געהיטן א מיליץ-מאַן, די טראַנספּאָרטן זענען געלאָפן איינער נאָכן צווייטן אין די ווייטע טײַגעס פון סיביר. אייניקע זענען געפאָרן פון דריי ביז זעקס וואָכן, מיט טריקעניש און וואַסער. פיל עלטערע מענטשן זענען געשטאָרבן אין סיביר, נישט קענענדיק פאַרטראָגן די קעלט, נישט אויף איין פּלאַץ האָט מען געעפנט אַ נייעם בית הקברות אין די טייגעס, כדי נישט ליגן אויפן אָרטיקן בית עולם געמישט מיט נישט יידן, פיל פאַרשאָטענע בערגלעך האָט מען איבערגעלאָזט, נאָך שווערער איז געווען די לאַגע פון די איינצעלנע, וואָס זענען געווען אָן משפחות, זיי זענען געווען פאראומרייניקט, געשלאָפן אין דרויסן. אייניקע זענען געשטאָרבן איינזאַם און פארלאָזט ווי לייבעלע פאטאשער, מאָטעק שטאָספוגעל, פיני ענגעלבערג, משה ראָזענבליט, בערעלע העניעס זון.

* * *

קומענדיק צוריק נאָך דער קריג קיין פוילן האָט מען שוין געוווסט דעם גרויסן חורבן, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט פון די געבליבענע יידן, אָבער דאָך האָט מען געגלויבט אַז דאָך וועט מען וועמען פון דער משפחה טרעפן, אָבער ליידער פון

ליזשענסקער געבליבענע נאָכן אַרויסטרייבן איבערן סאַן איז כמעט קיינער נישט געבליבן, אַסך וואָס זענען געבליבן ביי די רוסן ארום לעמבערג זענען אומגעקומען אין די פארשיידענע שטעטלעך. די דאָרפישע יידן האָט מען פון וויעריץ ארזעכאָוו, פיסקעוויץ געפירט קיין שינאווע און דאָרט אויסגעהרגעט. די דערפלעך נעבן סאַן, געשאָסן און דערטרונקען אין סאַן און דאָס רעשט געבראַכט קיין בריזע, וואו ס'איז געווען א לאגער פון די דאָרפס-יידן וואָס ארום ליזשענסק און צו ביסלעך זיי אויס-געשאָסן. מערסטענטייל האָבן דאָס געמאַכט די דאָרטיקע פויערן, פון די געבליבענע ליזשענסקער יידן וואָס נאָכן ארויסטרייבן זענען געווען פערשטעקט, האָבן די מיעשצאַנעס קומענדיק ראבירן זיי געטראָפן און זיי איינציגווייז אויסגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ, זייער ווייניק קריסטן האָבן געהאָלפן, ליזשענסק האָט געהייסן א רוהיקע שטאָט פון אַנטיסעמיטיזם, דאָך האָבן זיי כמעט נישט געהאָלפן קיין יידן א חוץ געציילטע.

דער געטאָ איז געווען פון אָנפאנג בית המדרש גאָס, פון משה נוימאַנס הויז און דאָס קליינע געסעלע ביז דודל רויטמאַנס הויז, ביז דעם פוילישן בעקערס הויז, אָבער א טייל זענען געווען ביי זיך אין די הייזער ווי לייצי קוהל, וואָס האָט ביי זיך געהאַלטן א דייטשן אָפיצער און דאן האָט ער זי געפירט אויפן בית עולם און זי דערשאָסן. א צווייטער אָפיצער האָט געפירט פיני גאַלערס טאָכטער מיט נאָך א מיידל אויפן בית עולם זיי האָבן אים געגעבן א זעקעלע מיט גאָלד און זילבער ער זאָל זיי לאָזן לעבן, ווען זיי האָבן געזען, אז אלעס איז פארלוירן האָבן זיי אים אָנגעשפיגן אין פנים און צו אים געשריגן: מען וועט זיך נאָך מיט אייך אָפּרעכנען און אזוי האָט ער זיי דערשאָסן.

געדאווונט האָט מען ביי מענדל ראָטמאַן ביז זיי האָבן אַלע מאָל געשאָסן א צווייטן ייד, ארויסגייענדיק פון דאווגען. זיי האָבן געשאַפן א יודן-ראָט, דער ראש פון יודן-ראָט איז געווען פייבל וואגנער, מיטגלידער: שאול בער וואַנגס איידעם, שמואל הוזער און לייבעלע כץ, קיין איינצעלהייטן קען זיך נישט דערוווסן, א קריסטן, וואָס איז געווען א חברטע פון פייבל וואַגנערס א שוועגערינס טאָכטער האָט געשריבן דאָס פייבל האָט פיל געהאָלפן יידן און ער האָט געמאַכט מסיבות פאר די דייטשן זיי זאָלן נישט שלעכטס טון קיין יידן, און שטענדיק האָט ער זי גענומען זי זאָל אים צוהעלפן גרייטן די מסיבה, און די דייטשן האָבן נישט פריער געגעסן ביז פייבל מיט די קריסטן האָבן נישט פארזוכט פון דעם עסן, צו עס האָט נישט קיין סם. אים האָט מען דערנאָך געשאָסן.

פון לייבעלע כץ דערציילט מען זייענדיק א נערוועזער האָבן אים די דייטשן געלאָזט פריי אַרויס פון געטאָ, ער איז אַ גאַנצע טאָג געלאָפן צווישן די גויים און געברענגט עסן די יידן אין געטאָ. מערסטנטייל האָט מען איינצגווייס ארויסגענומען פון געטאָ און דערשאָסן. די קברים זענען צעשפּרייט אין פארשידענע פלעצער.

מ. ש.

ר׳ מאיריש שטיינבוק האט מיר געראטעוועט

דאָס יזכור בוך ווערט געשריבן, נאָר צו דערמאָנען די היטלער-קרבנות, ווי אויך די יעניגע וועלכע זענען אומגעקומען אין דער צייט פון דער מלחמה, וואָס מען ווייסט נישט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. ווו ערגעץ אין די סיבירער וועלדער, אין די רוסיש-אַזיאַטישע קאַלכאָזן, א.ז.וו.

טראָץ דעם, וויל איך דאָ דערמאָנען דאָס הערלעכע געשטאַלט פון ר׳ מאיריש שטיינבוק ז״ל.

אים האָב איך צו פערדאַנקען, וואָס איך בין לעבן געבליבן, ווען נישט ר׳ מאיריש, וואָלט מעגלעך עמיצער פון די ליזשענסקער זיך געדאַרפט דערמאָנען, אז עס איז אַמאָל געווען א **בן-אברהם**, און מען דאַרף זיין נאָמען דערמאָנען און איינשרייבן אינעם „יזכור״-בוך, דאָס ער איז ערגעץ אין רוסלאַנד אומגעקומען.

מ. ש.

ר׳ מאיריש שטיינבוק ז״ל האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן בכבוד גדול, געווען עסטרייכישער בירגער, פוילישער בירגער, אפילו אויך א סאָוויעטישער בירגער, און צום סוף א ישראל בירגער. ר׳ מאיריש איז געווען א בעלזער חסיד, א פרומער און גוטער ייד. א גרויסער בעל-צדקה און מענטש, וואָס מיט יעדן ליידענדן האָט ער מיטגעפילט, זיך נישט בענוגענד בלויז מיט העלפן געבן א קרעכץ, נאָר גלייך געפונען טרייסט-ווערטער, און בערוהיגט. עס איז גלייך געשאַפן געוואָרן ביי אים אין געדאַנק דער הילפס-פּלאַן און אים אויסגעפירט. מערסטענטייל האָט ער דאָס געמאַכט בלא יודעים. ער האָט נישט געזוכט קיין כבוד, אז מען זאָל פון אים רעדן, ער האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע וועגן צום העלפן, אַזוי, אַז דער געהאָלפענער זאָל זיך חלילה נישט געפונען ערנידריגט.

זוען סאיז געקומען דער גרויסער חורבן אין 1939-טן יאָר, האָט דאָס אמערגסטן געטראָפן דעם יידישן פאָלק, און די יידן זענען אין בהלה געלאָפן, קיינער האָט נישט געוווסט פון זיין גורל, ווו עס וועט אים פערטראָגן, וועלענדיק דאָס אַלעס בעשרייבן, פון יעדן באַזונדער, ווו לאַנג די וועלט וועט עקזיסטירן, וועט נישט זיין אַזויפיל פּאַפּיר אין טינט דאָס צו באַשרייבן. אָבער דער צוזאמענהאַנג מיט ר׳ מאירשן, וועלכער האָט מיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד פון אַ זיכערן טויט, ברענגט מיך דערצו, אַז איך זאָל באַשרייבן א קורצן טייל פון מיין איבערלעבן אין רוסלאַנד, ווו דער גורל האָט מיך געברענגט צו ר׳ מאירשן אין דער „קיביטקע״, אין טאַשקענט.

צום ערשטן בין איך געווען פאַרשיקט אין די סיבירער טייגעס, נאָך 15 מאָנאַטן האָט מען מיך באַפרייט און ערלויבט צו פאָרן וווהין איך וויל. מיין ציל איז געווען אין די וואַרעמע לענדער.

איך בין געפֿאָרן קיין סאַמאַרקאַנד, דאָרטן האָב איך זיך ארומגעוואַלגערט אויף דער גאַס ביי דער באַן-סטאַציע אייניקע טעג, איך האָב נישט געקענט קיין וווינונג באַקומען, די שטאָט איז שוין געווען איבערפילט פון פוילישע און אוקראַינישע יידן. האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס גייט א עשאַלאָן אין די קאָלכאָזן, וואָהין, האָט קיינער נישט געוווּסט, נאָך א קורצן ישוב הדעת, האָב איך באַשלאָסן, אז ס'איז בעסער זיך אַריינזעצן אין דער באַן און פאָרן ווי עס זאָל נישט זיין, איידער דאָ אויף דער גאַס צו ליגן.

פאָרנדיק אייניקע טעג און נעכט זענען מיר אָנגעקומען צו דער לעצטער סטאַציע, ווו די באַן-רעלסן האָבן זיך געענדיקט. אַרויסגייענדיק פון וואַגאָן האָב איך באַמערקט נאָך אייניקע עשאַלאָנען מיט מענטשן, צווישן זיי האָב איך געפונען אברהם מיט זיין פרוי, דערוווייל זענען מיר געבליבן אין די וואַגאָנעס זיצן אייניקע טעג. אין א געוויסן פרימאָרגן איז אברהם האָרן צו מיר צוגעקומען און געזאָגט, אַז זיין פרוי איז געשטאָרבן אין וואַגאָן.

אין אייניקע טעג זענען אָנגעקומען קאָזאַכן מיט ווערבלודן (קעמלען) און מ'האָט אָנגעהויבן אויף זיי אַרויפצוזעצן די מענטשן מיט זייערע זאַכן, אויך אַלטע און קראַנקע מענער און פרויען האָט מען ארויפגעלייגט אויף די קעמלען, צוגע-בינדן זיי מיט שטריק און אַוועקגעפירט מיט די סטעפּ-וועגן אין די ווייטע קאָלכאָזן, דאָס איז זיכער געווען זייער לעצטער וועג.

מיר, האָט דאָס מזל צוגעשפּילט, מיך, מיין שוועסטער און ברידער און נאָך אייניקע מענטשן האָט מען ארויפגעלעגט אויף א וואָגן און געפירט איבער די סטעפּעס אין ראַיאָן אַריין. דאָרטן האָט מען אונדז אַריינגעלאָזט אין א שולע ווו עס זענען שוין געלעגן טויזנטער מענטשן אויסגעלייגט אויף די פּאָדלאָגעס, און מיר האָבן זיך איינגעאָרדענט צווישן זיי.

ס'איז געווען אַ מיש-מאַש פון מענטשן, פון אַלע קאַטעגאָריעס: פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, סתם מענטשן, גאַנצע פאַמיליעס מיט קינדער און אַ היבשע צאָל איינצעלנע, באַפרייטע פון די לאַגערן. די לאַגערניקעס, זענען געווען דאָס אויבערשטע פון שטייסל, זיי זענען געווען די „מיוחסים" אומעטום האָבן זיי גע-הערשט. אַפּגעריסענע פאָרלויזיקטע, נאָך אַ נאַכט איבערנעכטענדיק צווישן זיי, איז מען שוין געווען פיל מיט די קליינציקע חיה'לעך, איך רוף זיי נאָר אַן קליינציקע, זיי זענען געווען גענוג גרויסע.

זיי האָבן נאָר געזוכט צו שלעפּן קליידער, עסן, אַלעס. אינדערפרי אויפשטיי-ענדיק, האָבן מיר שוין אויף דער פּאָדלאָגע געפונען די טויטע, נאַקעט, אָן זייער אָנטון, די לאַגערניקעס האָבן שוין געהאַט פון זיי אַלעס אַראָפּגעצויגן, און די פאַרלויזטע זאַכן אַוועקגעטראָגן צו די קאָזאַכן פאַרטוישן אויף עסן. טויטע זענען אַזוי געלעגן, און לעבעדיקע זענען איבער זיי אַריבערגעקראָכן הין און צוריק, מיטאָג-צייט זענען געקומען די „חברה-קדישה" — אייניקע קאָזאַכן האָבן גענומען די טויטע און אויף א וואָגן אַרויפגעוואָרפן, אַוועקגעפירט אין סטעפּ און ווו די הונד זיי באַגראָבן.

די ערשטע הינגער-קרבנות זענען געווען מערסטנטייל פון די אינטעלעקטועלן, די פשוטע מענטשן האָבן זיך נאָך מער ווייניקער אַ עצה געגעבן.

דאָ האָב איך ווידער באַגעגנט אברהם האַרן, אין דער סטאָלובקע (חדר אוכל) ווו מ'האָט יעדן טאָג צו מיטאָג און אָוונד-ברויט געגעבן אַ ביסל סופּ. אין אַ גע-וויסן אָוונט האָב איך אים באַגעגנט אינגאַנצן אַ געשוואָלענעם, צו מאָרגענס אין דער פרי איז ער שוין נישט אויפגעשטאַנען. אין דעם זעלבן טאָג זענען מיר אַוועק אין אַ קאָלכאָז, ווו מיר האָבן באַקומען א ליימיק שטיבל, אין דער ווירקלעכקייט, א פינסטערער ליימיקער גרוב.

מיר זענען גלייך אַרויס אויפן סטעפּ און אָפּגעריסן ווילדע דערנער-גרוזן, וועלכע מ'האָט גערופן „דזיוסאַן" און דאָס אויסגעשיט אויף דער ליימיקער פּאָד-לאָגע צום שלאָפן אויף דעם.

אינעם קאָלכאָז האָבן זיך שוין געהאָט געפונען אַ 10 לאַגערניקעס, אייניקע פון זיי זענען באַלד אויסגעשטאָרבן פון הונגער, די איבעריקע פאַרוויקלט די פיס מיט שמאַטעס זענען אַוועק.

מיט אונדז איז אויך געווען דער אַלטיטשקער ר' ישראל פעלדשטיין פון פשע-וואָרסק מיט זיין טאָכטער, אַ מיידל, זיין פרוי איז געשטאָרבן אין די טייגעס אין סיביר. ר' ישראל נאָך א געזונט קרעפטיק יידל, אַרומדרייענדיק זיך אַרום דער ליי-מיקער „קיביטקע", זוכענדיק עפּעס צו טוען. ס'איז נישט געווען צו וואָס זיך צו נעמען. אין א קורצע צייט אַרום איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ אַפּאַטיע, זיך אַוועק-געלייגט אויף אַ ביסל „דזיוסאַן" אין א ווינקל אויף דער ערד און נישט געוואָלט אויפשטיין, נישט געוואָלט עסן, זיין טאָכטער האָט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל עסן און אויפשטיין, ארויסגיין א ביסל אויף דער לופט, ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, עס האָט אים גאָרנישט וויי-געטאָן. אויף אַלע פראַגן וואָס איז אים? — גאָרנישט! נאָר ער האָט נישט צו וואָס אויפשטיין, ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פונעם לעבן, גאָרנישט פאַרלאַנגט פון קיינעם, גאָרנישט געבעטן, נאָר געלעגן. דאָס עסן פון זיין טאָכטער מיט געוויין צוגענומען. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון געבאַקענע פּלעצלעך אין א קעסל. מיר פלעגן אַליין באַקן די פּלעצל.

ר' ישראל איז אַזוי געלעגן אייניקע וואָכן ביז ער האָט אָפּגעגעבן די נשמה. נאָך זיין לויה האָבן מיר גענומען דעם דזיוסאַן אויף וועלכן ער איז געלעגן, ארויס-געטראָגן לופטערן, האָט זיך פונעם דזיוסאַן געשיט פאַרטריקנטע שטיקלעך פּלעצל, דאָס עסן וואָס ער האָט פון זיין טאָכטער גענומען, האָט ער ארונטערגעשטיפּט אונטערן געלעגער, דערמיט זי זאָל מיינען, אז ער האָט עס אויפגעגעסן און אים לאָזן צו רו.

ס'זענען דאָ אויך געווען צוויי ראַזוואַדאָווער משפחה'ס, א געוויסער ר' לייבל האַלבערטאַל, זיין פרוי מיט א 5—6 יאָריג ייִנגעלע, ר' לייבל מיט זיין פרוי זענען באַלד פאַר הונגער געשטאָרבן, דאָס ייִנגעלע האָט מען איינגעאָרדענט אויף דער פוילישער פּלאַצובקע אין אַ קינדער-היים. זיין ווייטערער גורל איז מיר נישט באַוווּסט. די צווייטע ראַזוואַדאָווער משפחה, דעם מורה-הוראה'ס זון ר' ע. ר. מיט

זיין פרוי און דריי קינדער, זייענדיק אין קאַלכאַז אַ לענגערע צייט נישט קענענדיק מער דעם הונגער סאַרטראַגן, האָבן זיי באַשלאָסן אַוועק קיין טורקעסטאַן. אָבער אויך דאָרטן האָט זיי דער הונגער פאַרפאָלגט. ער, זיין פרוי און עלטסטע טאָכטער זענען באַלד געשטאָרבן פון הונגער.

איך, מיין ברודער און שוועסטער זענען געווען פון די לעצטע מוהיקאַנער, מיר זענען אַוועק קיין טורקעסטאַן, דאָס איז געווען די נאָענטסטע שטאָט פונעם קאַלכאַז.

די שטאָט איז געווען פול מיט יידן, מערסטנטייל פוילישע, אַלע האָבן זיך גערדרייט אויפן „באַזאַר", מ'האָט געזוכט פרנסה, אָבער נאָר איינציקע האָבן זיך אַן עצה געגעבן. מערסטנטייל האָבן זיך אַרומגעדרייט קריעה-בליאה, פון וועלכע מ'האָט יעדן אינדערפרי אויף די גאַסן געפונען טויטע, געשטאָרבענע פון הונגער, אין דער זעלבער צייט איז דאָרטן אויך געשטאָרבן יעקל הארנ'ס טאָכטער — סוצי מיט איר מאַן חיים מעצגער פון ריישע.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַ הונגעריקער, א פאַרצווייפלטער, אָן אויסזיכטן אויף עפעס אַן אַרבעט, איך זאָל קענען אויף א שטיקל ברויט פאַרדינען, אַזוי, אַז עס איז מיר נמאס געוואָרן דאָס לעבן, יעדער טאָג איז געווען פאַר מיר א יאָר, אין די לאַנגע ווינטער-נעכט זענען געווען צו קורץ פאַר מיר. ווען כ'האָב זיך ערגעץ אוועקגעלייקט, האָב איך געבעטן, אַז איך זאָל מער נישט אויפשטיין, ווען איך האָב זיך אינמיטן דער נאַכט איבערגעוועקט און געזען, אַז ס'איז נאָך פינסטער, האָב איך געבעטן גאָט, אַז דאָס פינסטערניש זאָל זיך אייביק ציהען, דער טאָג איז געווען מיין גרעסטער שונא.

כ'האָב זיך אַרומגעדרייט אַ היימלאָזער, הונגעריקער, אָפּגעלאָזטער, פאַראומ-רייניקטער, נישט געהאָט וווּ אַרומצווואַשן זיך, קיין וועש איבערצוטאָן. אין דעם וואָס איך בין געגאַנגען בייטאָג בין איך געשלאָפן ביינאַכט, גערעטעוועט האָט מיך אַ פוילישער מיליטער מאַנטל, אין וועלכן איך בין בייטאָג געווען איינגעהילט, און ביינאַכט האָט ער מיר געדינט פאַר א געלעגער און איבערדעק אינאיינעם, פשוט, כ'האָב זיך גוט אַרומגעהילט אין אים, ערגעץ אויף א פאָדלאָגע, אָדער אויף דער גאַס אונטער א וואַנט זיך אַוועקגעלייקט און איבערגעקומען די נאַכט.

פאַר אַ צוקונפט דאַ, האָב איך נאָר געזען דעם הונגער-טויט. האָב איך באַ-שלאָסן זיך צו לאָזן אין דער וועלט אַריין. אָבער, ווי אַזוי פאָרט מען ?! קיין דאָ-קומענטן האָב איך נישט, קיין געלד נישט, קיין פּרופּוסק גיט מען נישט, און מיט דעם פּרופּוסק קען מען אויך נישט קיין באַן-בילעט באַקומען. דער איינציגסטער אויסוועג איז נאָר „נאַ-גאַפּע". נ.ק.וו.ד. זענען אויף אַלע באַנען, קאָנטראָלירן יעדן איינעם, ווער עס האָט קיין פּראָפּוסק ווערט אַרונטערגענומען אין מיטן וועג אויף אויספאָרשונגען, וועלכע ענדיקן זיך מיט טורמע. אָבער וואָס האָב איך געהאָט איינ-צושטעלן, ערגער ווי ערגער, קען נישט זיין. מען וועט מיך אַרעסטירן וועל איך וויניקסטענס האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און אויך דאָס מינימאַלסטע עסן, וואָס זיי געבן.

ס׳איז געווען אין חודש פעברואר 1944, נאָך א האַלבע נאַכט, האָט זיך א שאָטן איינגעהילט אין אַ לאַנגן מיליטער מאַנטל געשאַרט איבער די פאַרשיידענע גאַסן, וועלכע האָבן געפירט צו דער באַן-סטאַציע, צוקומענדיק נישט ווייט האָב איך גע-זוכט אַ זייטיקן וועג צו צוקומען צו דער באַן, דאָ האָב איך באַמערקט אַ דורכגע-בראָכענעם פאַרקאַן, איך בין אַדורך און צוגעקומען צו די רעלסן האָב איך באַ-מערקט עס שטייט אַ באַן, האָב איך זיך געלאָזט גען פון דער צווייטער זייט באַן, און זיך אָפּגעשטעלט פון דער ווייטענס וואַרטן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז געקומען אַ סיגנאַל דער צוג זאָל אָפּגיין, א שטאַרקער פייף, דער צוג רירט, איך גיב א שפּרינג אַרויף אויף א טרעפּל און כאַפּ זיך אָן אין דער קלאַמקע פון דער טיר, דער צוג הייבט אָן וואָס ווייטער שנעלער צו יאָגן, און איך ווי צוגעוואַקסן צו דער טיר, דער ווינט רייסט די צוויי פּאָלעס פון מיין מאַנטל אין דער לופט. דער צוג און איך, און איך און דער צוג, פליען, פליען, וואָס אַמאָל שנעלער און שנעלער אין די פינסטערע ווייטע וועגן, ערגעץ ווייט-ווייט, איך אליין ווייס נישט וווהין, ערגעץ דאָרטן אין די הרי-חושך, דאָרטן וועלן מיר פערזינקן ווערן און עס וועט זיין „גוט״...

עס האָט באַלד אָנגעהויבן טאָגן, וואָס אַמאָל איז געוואָרן ליכטיקער, כ„האָב דורך די פענסטער אַריינקוקנדיק אין וואַגאָן באַמערקט אַסך מענטשן, און אָנגע-הויבן צוריק צו בעגרייפן די ווירקלעכקייט. די באַן, און מענטשן פאָרן אין דער באַן, נאָר איך ?! איך בין עפּעס אַ נאַכשלעפעניש, אַסך צו קלערן האָב איך נישט געהאַט. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר פון וואַגאָן, און א נ.ק.וו.דיסט האָט מיך אַריינגעבעטן אין וואַגאָן, פאַרלאַנגענדיק מיינע דאָקומענטן, כ׳האָב נישט! פאַר-וואָס ? איך בין גלייך אַרויס מיטן גאַנצן אמת, דאָס איך בין אַוועק פון קאָלכאָז, איך האָב דאָרטן נישט וואָס צו טאָן און נישט וואָס צו עסן, פאָר איך אין אַ שטאָט, ווו עס זענען דאָ פאַבריקן ווו כ׳וועל אַרבעט באַקומען. איך זאָל קענען אויף א שטיקל ברויט פאַרדינען.

ער האָט פון מיר אלע שמאַטעס אַראָפּגעצויגן און געזוכט, נישט געפונען, דאָס וואָס זיי האָבן זיך געוואונטשן, זיי האָבן מיך געהייסן אַוועקזעצן אויף דער באַנק, אונטער זייער שמירה. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט, אָפּגערוט, אַנגעוואַרעמט זיך נאָך דער נאַכטיקער רייזע, ביז מיר זענען צוגעקומען צו א קרייז-סטאַציע אין דער שטאָט „אריס״, דאָרטן האָט מען מיך געפירט צום נאַטשאַלניק נ.ק.וו.ד. אַריינקו-מענדיק צום נאַטשאַלניק, פון זיין ערשטן קוק האָב איך באַמערקט, אז ער האָט זיך מיט מיר גאָרנישט דערפרייט.

מיין סקעלעטן-פּנים מיט מיין קליידונג האָט אים נישט איבעראַשט. נאָך אַ קורצע אויספאָרשונג האָט ער מיך געהייסן גען ווו איך וויל, נאָר נישט פאָרן מיט דער באַן, און אויב מ׳וועט מיך נאָכאַמאָל כאַפּן, וועט מען מיך אַרעסטירן.

איך בין גלייך אַרויס אויפן באַן-פּעראָן, באַמערקנדיק דעם זעלבן צוג שטיין, מיט וועלכן איך בין געקומען, האָב איך זיך גלייך געלאָזט גיין אויף דער צווייטער זייט רעלסן, און ביים ערשטן פייף פון לאָקאָמאָטיוו בין איך שוין ווידער געשטאַ-

נען אויף א טרעפּל פון א וואגאָן, און איך פלי שוין ווייטער, אָבער נישט לאַנג, אין א פינף מינוט אַרום האָט מיך שוין דער זעלבע נ.ק.וו.דיסט ווידער געהאַט אינווייניק נעבן זיך: „וואָט פרישאָל אָבראַטנאָ”. דאָס האָט מיך געקאָסט 100 רובל און איך בין שוין געפאָרן מיט זיי ווי אַ גרויסער פּערזענלעכקייט 1-טע קלאַס.

אין דעם זעלבן וואַגאָן זענען אויך געפאָרן אייניקע פּוילישע שפּעקולאַנטן „פּאַ-בלאַטו”, וועלכע האָבן מיך גלייך אריינגענומען אין זייער קרייז. אָפּפאָרענדיק ביז צו א קליינער סטאַציע פאַר טאַשקענט, האָבן די שפּעקולאַנטן מיר געזאָגט, אַז דאָ מוזן מיר אַראָפּגיין, ווייל אין טאַשקענט אויף דער סטאַציע קאָנטראָלירט מען שטאַרק, זענען מיר אַראָפּ אין צוגעגאַנגען קיין טאַשקענט צופיס.

קומענדיק קיין טאַשקענט, האָבן די שפּעקולאַנטן זיך מיט מיר געזעגנט און מיך געלאָזט אויף איינע פון די רוישיגע גאַסן. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ פאַרלוירן קינד, נישט געהאַט צו וועמען צו גיין, איך האָב אָנגעהויבן שפּאַצירן איבער די גאַסן אָן א ציל. ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך נאָך מיטאָג, וועגן עפּעס עסן איז מיר נישט געקומען אויפן געדאַנק, נאָר ווו קומט מען איבער די נאַכט ?!

איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ עק גאַס און אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מיין לאַגע, פון נישט עסן בין איך שוין געווען אויסגעמאַטערט, און עס האָט מיר אָנגעהויבן צו ווערן קאַלט אין די ביינער. באַלד וועט אויך די נאַכט צופאַלן. האָב איך געפילט, אַז דאָ ענדיק איך זיך און אַזוי שטייענדיק וועט שוין זיין מיין סוף.

אָבער מיין קליינטשיק שטיקעלע מזל איז תמיד געשטאַנען פון דער ווייטענס און זיך צוגעקוקט צו אלע מיינע צרות. אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג ווען איך זע שוין קיין שום אויסזיכט, ריקט עס זיך צו מיר צו און הויבט אָן צו מיר שמייכלען, אַזוי אויך דאָ, פון גרויס שוואכקייט, האָבן מיינע געדאַנקען אויפגעהערט צו דענקען, מיינע אויגן ווי מיט אַ הייטל פאַרצויגן, האָבן אויפגעהערט עפּעס צו זען, און מיין גאַנצער גוף האָט אויפגעהערט צו פילן, אינגאַנצן ווי פארשטיינערט. אין דעם דערהער איך עפּעס ווי אין חלום: מ. וואָס שטייסטו דאָ ? פאַר איבעראַשונג האָב איך געגעבן זיך א טרייסל און אויפגעעפנט מיינע אויגן צו זען, צו דאָס איז ווירקלעך, אַז מען מיינט מיך.

געגן מיר איז געשטאַנען אַ גוט געקליידעטער און שיין אויסזעהענדיקער יונגערמאַן, איך קוק אויף אים, איך ווייס נישט ווער דאָס איז. ער באַמערקט דאָס און פרעגט מיך גלייך: דערקענסט מיך נישט ? ניין. ווער ביזט דו ? איך בין י. ע. און קום צו מיר אין שטוב אַריין. האָב אים גלייך געזאָגט, אַז איך פיל זיך נישט גוט, האָט ער מיר געזאָגט, זאָרג נישט, מיין פעטער מאיריש געפינט זיך דאָ, און איך זאָל מיט אים פאָרן צו אים. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען כ׳האָב דאָס דערהערט, איז שוין אין מיר אַריין אַ נייע נשמה, כ׳האָב אָנגעהויבן צו פילן ווו דאָס בלוט הויבט אָן אין מיר צו צירקולירן, איך בין געראַטעוועט! ווייל כ„האָב געוווסט פון דער היים, אַז ר׳ מאיריש האָט ליב צו העלפן, און איך האָב זיך נישט אנטוישט, אָבער, כ׳האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט אַז אין רוסלאַנד זאָל זיך נאָך געפונען א

ייד, וואָס זאָל אַזוי מיט מסירת נפש זיין איבערגעגעבן און העלפן ווי אין דער היים. אויפמאכנדיק די טיר האָט מיך באגעגנט א פריילעך פנים מיט א ברייטן בעלזער שלום עליכם מ. זעץ דיך! נישט פרעגנדיק גאָרנישט האָט ער אַרויפגעלעגט א ברויט מיט פוטער און מארמאָלאדע אויפן טיש, און מיך געבעטן עסן. איך, אַזוי ווי איך האָב זיך נאָר אַוועקגעזעצט, אַזוי ביך איך געבליבן זיצן אָן באַוועגונג, נישט גלוי-בענדיק מיינע אויגן און אויערן וואָס איך זע און הער, איך זע ברויט, וואָס מאַנאַטן האָב איך שוין נישט געגעסן און איך הער, אַז מען הייסט מיר עסן. פאַר גערירטקייט האָבן מיינע הענד זיך נישט געקענט באַוועגן. ר׳ מאיריש האָט באַמערקט מיין נישט דרייסקייט, האָט ער אַפּגעשניטן אַ שטיק ברויט און אָנגעשמירט מיט פוטער און מיר געגעבן אין דער האנד עסן. דאָס ברויט האָב איך נישט געגעסן נאָר געשלונ-גען ווי אַ אויסגעהונגערטע חיה, דאָס האָב איך באַמערקט אין ר׳ מאירישן, ווייל ער האָט געהאַלטן אין איין שניידן מוציא׳ס און מיר אונטערגעלייגט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב געזאָגט גענוג. איך בין שוין זאַט.

נאָכדעם האָט ער נעבן מיר זיך אוועקגעזעצט און אָנגעהויבן אויסצופרעגן, פון וואנעט איך קום, און וואו זענען מיין שוועסטער און ברודער, און אָנגעהויבן מיך צו טרייסטן, איך זאָל נעשט זאָרגן, דו וועסט זיין ביי מיר א פאָר טעג, וועסט זיך גוט אויסרוהען, וועסט קומען אביסל צו זיך, וועסטו אריינפאָרן נישט ווייט פון טאַשקענט אין א קליין שטעטל, דאָרטן זענען פאַראַן פאַבריקן און עס אַרבעטן דאָרטן פוילישע יידן, ס׳גייט זיי גאַנץ גוט, אזוי אַז דו וועסט זיך אויך קענען דאָרטן איינאָרדנען און לעבן.

מיין גליק איז דערווייל נישט צו באַשרייבן, עסן צו דער זעט, א שטוב ווי ביי זיך אין דער היים, און דערצו אַזאַ איבערגעגעבענעם „פאַטער״, וועלכער זאָרגט פאַר מיר, ער האָט פון מיר אַלע צרות און זאָרגן אוועקגענומען. אָבער לאַנג זיך פרייען איז מיר נישט באַשערט געווען, דעם צווייטן טאָג בין איך שטערבלעך קראַנק געוואָרן, מען האָט מיר גלייך געברענגט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט פעסט-געשטעלט א „סקרענט-קישעק״ און מיך געהייסן תיכף גען אין שפיטאָל אָפערירן. געוווסט האָב איך, אז צו אַזאַ קרענק איז נישטאָ קיין רפואה, און קיין מענטש איז נאָך נישט לעבן געבליבן נאָך אַזאַ אָפעראַציע. האָב איך געבעטן ר׳ מאירישן, אַז איך וויל ביי אים אין שטוב, ווו אַ מענטש שטאַרבן און ער זאָל מיך קובר זיין. ר׳ מאיריש האָט זיך גלייך פון מיר אַוועקגעדרייט און זיכער אַ פּאָר טרערן פאַר-גאָסן, איך זאָל נישט באַמערקן און מיר גאָרנישט געזאָגט. בין איך ביי אים גע-בליבן ליגן א טאָג מיט אַ נאַכט. די יסורים זענען געווען נישט איבערצוטראָגן, כ׳האָב נישט געקענט אין זיך מער דערשטיקן די קרעכצן און געשרייען, די בויך-קרעמפן זיינען געווען וואָס ווייטער אַלס שטארקער. איך האָב זיך באַדענקט, אז די מענטשן, פאַר זייער גוטס ליידן פון מיר, איך גיב זיי בייטאָג קיין רוה און ביי-נאכט שטער איך זייער שלאָף. האָב איך מסכים געווען און געבעטן מען זאָל מיך פירן אין שפיטאָל.

ערנא, די טאָכטער פון ר׳ מאירישן, האָט מיך גענומען און גלייך געפאָרן פון

איין שפּיטאָל צום צווייטן, עס איז קיין פּלאַץ געווען פאַר מיר, ביז מיר זענען געקומען צו אַ גרויסן שפּיטאָל. דער „זאַוויעדושטשע" (מנהל) א ײדישער פּראָפעסאָר, א קליין טיפּיש ײדעלע מיט א שפּיציג בערדל, אויף זיין פּנים א וואָרעמער שמייכל, האָט מיך גלייך אָנגענומען און מיך אונטערזוכט און אויך פעסטגעשטעלט דאָס זעלביקע, דאָס, מען מוז מיך גלייך אָפּערירן.

איך האָב זיך געזעגנט מיט ערנא שטיינבאַק און אויסגעטאָן מיין „רעקל" און איר געבעטן זי זאָל דאָס איבערשיקן צו מיין שוועסטער, וועט זי האָבן פאַרוואָס א שטיקל ברויט צו קויפן, און גלייכצייטיק וועט זי וויסן ווען און וואו איך בין געשטאָרבן, דען, איך בין געווען זיכער, אז איך וועל פון דאַנעט קיין לעבעדיקער שוין נישט אַרויס.

מ'האָט מיך אַוועקגעלייגט אין א ציכטיק ריין צימער, באַלד איז דער פּראָפעסאָר אין באַגלייטונג פון עטלעכע דאָקטוירים אריינגעקומען און מיך אונטערזוכט, אָפּגעהאַלטן א קאָנסוליום, עפּעס באַפוילן די קראַנקן-שוועסטער, און זענען ארויס.

באַלד איז די קראַנקן-שוועסטער צו מיר צוריק געקומען און מיר געמאַכט א איינשטיך, וועלכער האָט מיר די שמערצן באַרוהיקט. כ'בין איינגעשלאָפן אויף א פּאָר שעה, אויפכאַפּנדיק האָב איך זיך געפילט א ביסל געשטאַרקט.

צו מאָרגנס האָט מיר א קראַנקן-ברודער געבראַנגט אַ גרויסע ווייסע בילקע מיט א בריוול, דאָס האָט ערנא שטיינבאַק מיר געבראַנגט און מיך געבעטן תיכף מיטן זעלבן ברודער צוריקשיקן א בריוול, שרייבען וואו איך פיל זיך, און צו איך האָב די בולקע באַקומען, און זי וועט יעדן טאָג צו מיר קומען און ברענגען עסן, מ'האָט זי אין שפּיטאָל נישט אַריינגעלאָזט, האָב איך גלייך אַ בריוול אָנגעשריבן, אַז איך פיל זיך גאַנץ גוט. די בילקע האָב איך ערהאַלטן, פאַר וועלכע איך דאַנק איר זייער. דאָס בריוול האָט דער זעלבער „ברודער" נישט איבערגעגעבן ערנאַן.

דעם צווייטן טאָג האָב איך געוואַרט אויף ערנאַן, „געמיינט אפשר האָב איך די בולקע", אָבער ערנא איז נישט געקומען, דעם דריטן טאָג, דעם פערטן טאָג, מ'הערט נישט און זעט נישט. כ'האָב שוין נאָכגעקלערט עס האָט חלילה דאָרטן עפּעס פּאַסירט, ווייל סתם קיינער זאָל נישט קומען איז נישט מעגלעך.

* * *

אינצווישן דער צייט, איז דער פּראָפעסאָר דריי מאָל טעגלעך צו מיר געקומען, געטאָן אַלעס מעגלעכע פאַר מיר, יעדן טאָג איינשטיכע באַקומען. עס האָט אויסגעזען וואו איך וואָלט געווען דער איינציקער פּאַציענט זיינער, אַ חוץ צו מיר איז ער אין זאָל צו קיינעם צוגעקומען, דאָס איז געווען א מלאך אין א מענטשלעך געשטאַלט.

געווען איז דאָס אין חודש מערץ 1944 ווען די קרעמאַטאָריעס אין פּוילן האָבן טויזנטער ײדן טעגלעך איינגעשלונגען, אין רוסלאַנד זענען מענטשן וואו פליגן געפאַלן פון הונגער, די שפּיטעלער איבערפולט און עס זענען קיין מעדיצינען געווען מיט וואָס צו ראַטעווען, אַלעס איז געווען נאָר פאַרן פראָנט. די מענטשן זענען דאַמאָלס געווען די מינדערווערטיגסטע באַשעפענישן אין די אויגן פון די מענטשן-

חיות. אלע ערדישע גהינום׳ס האָבן דעמאָלס געפלאקערט, געבושעוועט און פאַרניכטעט, דאָס וואָרט „רחמנות״, וואו עס וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

אָבער די זון האָט זיך געטאָן אירס, זי האָט ווייטער געשיינט, וואו די וועלט וואָלט געווען א נאָרמאַלע וועלט, אויך צו מיר דורכן פענסטער האָט זי אַריינגעשיקט אַ פאָר ליכט שטראַלן, אין דער זעלבער מינוט, האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז אריין דער מלאך רפאל, דאָס קליינע שפּיץ-בערדלדיקע פּראָפעסערל מיט זיינע אַסיסטענטן. צו ערשט ער, נאָכדעם די אסיסטענטן. זיי האָבן מיך יעדער באזונדער גרונטלעך אונטערזוכט, און זענען ארויסגעגאנגען. באלד איז צו מיר געקומען די קראַנקן-שוועסטער מיט א גרויסע פלאַש און שפּריצער (איינשטיכע צו מאכן) און מיר גלייך געמאַכט אַ גרויסן איינשטיך. איך בין גלייך איינגעשלאָפן אויף אייניקע שעה. אויפוועקנדיק זיך האָב איך געפילט, אז איך בין אינגאַנצן געזונד. אין דער זעלבער מינוט האָט זיך די טיר אביסל געעפנט און איך האָב באַמערקט דורך דער שפּארע, ווי דער פּראָפעסאָר אָבסערווירט מיך, באַמערקנדיק, אז איך שלאָף שוין נישט, איז ער צו מיר צוגעקומען און מיך אויסגעפרעגט ווי איך פיל זיך יעצט נאָכן שלאָפן. איך האָב אים געענטפערט אויסגעצייכנט בעסער, שמייכלענדיק, האָט ער מיר געגעבן א גלעט און געזאָגט: יעצט ביזטו שוין אונזערער. ער האָט זיך צו מיר נענטער צוגעבויגן און מיך געפרעגט אויף העברעאיש: „אתה מדבר עברית ?...״ ער האָט געזעגנט זיך מיט מיר...

מער האָב איך אים שוין נישט געזען.

צו מאָרגנס האָט מען מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, אין דרויסן איז נאָך געווען קאַלט, איך האָב דאָס רעקל געהאַט אַוועקגעגעבן, ווען איך בין אריין אין שפּיטאָל, אזוי, אז איך האָב נאָר געהאַט דאָס העמד, א פּאָר הויזן און אלטע שיך. איך בין גלייך אריין צו א פאריקמאַכער (פריזירער) זיך אָפּגעשוירן, אָפּראזירט. אריינקוקנדיק אין שפּיגל, האָב איך דערזען א לענגלעך שקעלעטן פּנים, איך האָב נישט געגלויבט, אז דאָס איז מיין פּנים.

איך בין אַרויף אויף א טראַמוויי און צוגעפאָרן צו ר׳ מאיריש׳ן. דערזעהענדיק מיך האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן. פאַר איבעראשונג האָט ער נישט געקענט ארויסריידן קיין וואָרט. נאָכדעם האָט ער מיר דערציילט, ווען זיין טאָכטער איז צו מיר געקומען אין שפּיטאָל האָט דער קראַנקן-ברודער מיין בריוועלע איר נישט איבערגעגעבן, איז זי אַהיימגעקומען מיט דער בשורה: בן-אברהם איז געשטאָרבן. דאָס איז געווען די סיבה וואָס ר׳ מאיריש דערזעענדיק מיך האָט זיך דערשראָקן און עס האָט נאָר געפעלט ער זאָל שרייען „שמע ישראל״, גע אין דיין רוה אריין. דאָס איז אויך געווען די סיבה, פאַרוואָס איך האָב מער קיין בולקעס באקומען און איך האָב געמוזט יעדן טאָג צוהונגערן. זייענדיק דאָרט אייניקע טעג בין איך אַוועק אין א פּראָווינץ-שטעטל וואו איך האָב זיך איינגעאָרדענט אויף ארבעט.

*
* *

ר׳ מאיריש האָט איבערגעלעבט דעם גרויסן וועלט-שטורם און זוכה געווען שטאַרבן אין ירושלים, אין בית-המדרש ביי א ספר. מ. ש.

בערטאַ זאַלץ

איינער פון די חסידי אומות העולם

עס איז כדאי איך זאָל דאָ דערמאָנען איינעם פון די חסידי אומות העולם. דאָס איז דער לערער, וועלכער האָט געהאַט אויסבאַהאַלטן מיין שוועסטערן-טאָכטער. ער שטאַמט פון אַ פריצישער משפחה. זיין ווייב איז אויך געווען אַ לערערין. אַלט איז ער געווען אפשר פינף און צוואָנציק יאָר. די משפחה איז געווען פאַראָרעמט, די מוטער מיט אַ פּאָר טעכטער האָבן זיך געפונען נאָך אין אַ קליין גוט נעבן קראָקע, פון וועלכן זיי האָבן געצויגן אויף צו לעבן. דער זון, א לערער מיט אַ ברייטן קוק אויפן לעבן, אַ ליבעראַל, וויל אָבער נישט וויסן פון זיין אַלטן פאַרשימלטן יחוס. ער האָט ליב מענטשן בכלל און קאָן נישט פאַרטראָגן קיין אומרעכט. ער וויל נישט וויסן פון קיין ראַסן-אונטערשיד. ער איז אַ גוטער פוילישער פּאטריאָט, ער קען אָבער אַלע שוואַכקייטן פון זיין פאָלק. ער שעמט זיך נישט דאָס צו זאָגן און צו רעדן אָפן וועגן דעם. ראַסע און רעליגיע זענען ביי אים נישט קיין אָפּהאַלט צו טאָן טובות. ער אַליין, אַן אָרעמער מענטש, האָט צוגעלייגט זיין געלט אויף הוצאות, פּאַפּירן און אַנדערע זאַכן, כדי צו קאָנען אונדז העלפן.

באַקענט האָבן מיר זיך מיט אים, ווען מיר זענען געווען אין גראָדזשיסק. ער האָט דאָרט געהאַט אַ מומע, אַן אלמנה נאָך אַ דאָקטאָר. ער האָט געוווינט אין דעם צווייטן שטעטל — אין ליזשענסק, נישט ווייט און איז אָפט געקומען זי באַזוכן. מיר האָבן געהערט, אַז די פרוי האָט ביכער זענען אונדזערע קינדער אַהין געגאַנגען, זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיר זענען פון קראָקע און האָבן אַליין מיטגעבראַכט ביכער צו לייענען. אויב זי וויל קען זי פון אונדז נעמען ביכער צום לייענען און זי זאָל אונדז אויסבאָרגן אירע. דורך איר האָבן מיר זיך באַפריינדעט מיט דעם גוטן פוילישן יונגערמאַן.

אונדזערע פוילישע העלפער זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע טיפּן. אַזעלכע, וואָס האָבן צוגעזאָגט, גענומען פאַרמעגנס און, אָדער אַליין געהרגעט און באַגראָבן די קרבנות, אָדער גלאַט זיי איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ. די צווייטע זענען געווען די גאָר הייליקע, וועלכע האָבן זיך געשראָקן פאַר זייער גאָט און ביי דעם געמאַכט פאַרמעגנס. זיי האָבן יאָ אויסגעהאַלטן דעם צוזאָג. אַ דריטע קאַטעגאָריע איז געווען גלאַט לייכטזיניקע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע, וואָס האָבן פיל נישט אַריינגעקלערט. דאָס זענען געווען הפקר-מענטשן, גענומען געלט, פאַרמעגנס און זיך געטראַכט: אויב עס וועט גיין גלאַטיק — איז גוט, און אויב נישט — איז אַלעמאָל פאַראַן אַ וועג פּטור צו ווערן פון די דאָזיקע קרבנות. אין מיינע דערפאַרונגען האָב איך געהאַט צו טאָן מיט די אַלע מינים טיפּן. די פאַרזאָרגערין פון מיינע קינדער האָט געהאַט אין זינען געלט. און ווי אַ זייער פרומע קריסטין געוואָלט כאַפּן יידישע נשמות. איך האָב אָבער אין איר אַריינגעבראַכט אַ פחד, אַז עמעצער פאָלגט איר נאָך און גיט אַכטונג אויף מיינע קינדער פון דער ווייטנס. זי האָט זיך זייער געשראָקן און ביי אַלע אירע אויסרעכענונגען האָט זי געמוזט אָנגיין מיטן

אַכטונג געבן אויף די קינדער. דאָך בין איך אין אויף דעם גאַנצן לעבן דאַנקבאַר.

אָבער דער יונגער מענטש, דער לערער מיט דעם נאָמען שעליגא זיגמונט, האָט אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ אַנדערע אַפּפּערוווליקייט. נאָכדעם ווי מיר זענען שוין געווען אין געטאָ איז ער געקומען צו פאָרן בכדי אַריינצוקומען צו אונדז אין געטאָ. ער האָט אונדז געבראַכט דעם שליסל פון דער וווינונג, וואָס זיין משפחה פון לעבן קראָקע האָט אויפגעהאַלטן אין קראָקע. ער האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז אויב עס זאָל זיין עפּעס אַ געפאַר, זאָלן מיר זיך אַרויסקריגן פון געטאָ און זיך אויפהאַלטן אין דער וווינונג און אים תיכף לאָזן וויסן. ביי אַ געוויסער אַקציע אין געטאָ, האָט טאַקע די וווינונג געראַטעוועט מיינע קינדער און מיין שוועסטערן-טאָכטער סאַבינאַ. ער האָט דאָרט אויך געהאַט צוגעגרייט עסן. פון זיינס אַ שוועסטער, וואָס איז געווען אין כמעט דעם זעלבן עלטער ווי מיין שוועסטערן-טאָכטער, האָט ער צוגענומען די קען-קאַרטע, אַן איר וויסן, און זי געגעבן סאַבינען זי זאָל דאָס האָבן גרייט אין אַ נויט-פאַל.

דאַן האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַ פּלאַן ווי אַזוי אונדז אַלעמען צו ראַטעווען. ער האָט געפּלאַנט אונדז אַריבערצופירן צו זיינס אַ קוזין לעבן טאַרנאָ-פּאָל וואָס האָט געהאַט גרויסע גיטער און וועלדער. אונדזער פּויליש רעדן און אויסזען קאָט אונדז נישט פאַרראַטן — האָט ער געזאָגט. ער האָט געזאָלט דערציילן דעם קוזין אַז זיינע פריינד, צוויי פּוילישע משפחות, דאָס הייסט איך, מיין מאַן, קינדער און מיינע שוועסטערס קינדער, און מיין מאַנס ברודער און זיין משפּחה, זאָלן דאָרט אַהין קומען וווינען און אַרבעטן ביי אים, ווייל מיר, אַלס מיטגלידער פון פּוילישן אונטערגרונד, האָבן זיך פאַרזינדיקט קעגן דער דייטשער מאַכט און מוזן אַנטלויפן.

קענענדיק זיין קוזין ווי אַ גרויסן פּוילישן פּאַטריאָט האָט ער גוווסט, אַז דאָס וועט זיך איינגעבן. ער האָט געלאָזט דאָרט אויסאַרבעטן אַלע פּאַפּירן און אונדז אריבערפירן. ער איז געווען זיכער אין אַ גוטן רעזולטאַט. אַלע הוצאות האָט ער אַליין געדעקט. ער האָט זיך געלאָזט אין וועג קיין טאַרנאָפּאָל.

ביי זיך האָט ער געהאַט פאַרצייכנט פאַרשידענע נומערן, וואָס האָבן געמיינט די יאָרן פון יעדן. ער האָט אויך געהאַט פאַרשריבן דעם אַדרעס, ווו זיך צו קאָנען דורכשרייבן מיט אונדז, דורך אונדזערע פאַרבינדעטע. דעם נאָמען האָט ער זיך פאַרצייכנט לובלין, דלוגאָשאַ גאָס 14. אַהין האָבן געזאָלט קומען אַלע באַריכטן. ליידער איז ער ווייט מיט זיין פּלאַן נישט דערגאַנגען. מען האָט אים אין וועג אַריינ-געזעצט. מיר האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געוווסט וואָס מיט אים איז געשען. זיין ווייב האָט בכלל פון דעם גאַנצן פּלאַן נישט געוווסט. ער האָט איר נישט געטרויט.

מען האָט אים געהאַלטן אין אַרעסט לעבן לעמבערג אַ פּאָר וואָכן און אים שרעקלעך געפּייניקט, אויסגעהאַקט אים די ציין ער זאָל זאָגן, וואָס באַדייטן די נומערן און וואָס עס מיינט לובלין דלוגאָשאַ 14. אויף די נומערן האָט ער געזאָגט דאָס ער שרייבט זיך אויף זיינע אויסגאַבן. און דער אַדרעס איז אין לובלין אויף דער גאָס מיט דעם נומער, ווו ער האָט אַמאָל געהאַט אַ פריינד און אַז ער וויל פאָרן

אין יענער געגנט אים באַזוכן. מען האָט אים מערדערלעך געשלאָגן ער זאָל זאָגן וועלכע יידן ער העלפט. אָדער צי ער אַרבעט פאַר דער אונטערגרונד. ער האָט אָבער געשוויגן און מען האָט אים אַרויסגעלאָזט. ער איז געקומען אַ צעבראָכענער'מענטש. ער האָט נישט אַזויפיל געליטן פון דעם, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, נאָר פון דעם, וואָס זיין פּלאַן אונדז צו העלפן איז דורכגעפאַלן. ער איז ווידער אַריינגעקומען צו אונדז אין געטאָ. ס'איז אים נישט געווען צו דערקענען. מיר האָבן אים געדאַנקט און געטרייסט. אַ צעבראָכענער האָט ער זיך מיט אונדז אָפּגעזעגנט.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען אים נאָך דעם קריג. ער האָט זיך גע-מאַכט ביטערע פאַרוואורפן פאַר נישט קאָנען אונדז ראַטעווען.

אָבער אויך נאָך דעם קריג איז מיין לעבן ווידער געווען אין געפאַר און אַ דאַנק זיין וואַכן איבער מיר האָט ער מיך אָפּגעראַטעוועט.

אַ שוידער־נאַכט אין אַ קאַטוילישן קלויסטער

אָנגעקומען מיט דער באַן בין איך אַרום 11 ביינאַכט. מיט מיר צוזאַמען איז געקומען בלויז נאָך איין מענטש — אַ נאָנע פון דאָרטיקן גרויסן קאַטוילישן קלויסטער.

נישט האָבנדיק קיין פאַרדאַכט, אַז איך בין אַ יידישע, האָט זי מיך געפרעגט, צי איך גיי אין שטאָט, ווייל אַליין האָט זי מורא צו גיין, נאָך די געשעענישן וואָס קומען דאָ כסדר פאָר. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין אַ פרעמדע און דאַרף פאָרן אין דאָרף צו מיין משפחה, איך האָב נישט ווו די נאַכט איבערצונעכטיקן און מוז בלייבן אויף דער באַן-סטאַנציע. זי האָט מיך אָבער געוואָרנט, אַז אויך דאָ איז זייער געפערלעך צו זיין. זי ראָט מיר דעריבער מיטצוגיין מיט איר אין קלויסטער אַריין. זי איז די הויפּט-מוטער פון קלויסטער, זי האָט פאַר מיר אַ בעט און ווי אַ קריסט-לעכע פרוי, איז איר חוב מיך צו באַשיצן. עס זאָל מיר קיין שלעכטס נישט געשען; אַלע הייליקייטן וועלן אונדז באַגלייטן אין דעם וועג פון דער באַן צום קלויסטער.

ווידער געפין איך זיך דאָ אונטער דער שוץ, וואָס איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זי שוין קיינמאָל נישט דאַרפן.

אין דער פינצטערער נאַכט האָב איך נאָר געקענט זען די קאָנטורן פון די קלויסטער-מויערן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ גאָר גרויסן שטח. אַ קלונג, אַ מיסטע-ריעזער סקריפּ פון אַ שווערן טויער; געוועלבטע פינצטערע וועגן; באַלויכטן מיט אַ גאָר קליין לעמפּל; אַ באַגריסונג אין דער שטיל מיט „זאָל אייביק געלויבט זיין". ווייטער ווערט געעפנט אַ שווערע טיר און מ'האָט מיך גענומען ביי דער האַנט און צוגעפירט אין דער פינצטער צו אַ בעט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זיי מאַכן איבער-הויפּט נישט קיין ליכט, ווייל ליכט אין פענצטער קאָן נאָך ברענגען אַהער די רוסן, פאַר וועלכע זיי האָבן זייער מורא.

זי ווייזט מיר דאָס בעט ווו איך וועל שלאָפן, נאָר קודם, זאָגט זי מיר, וועלן מיר קניען פאַר דער זייער וויכטיקער פיגור, דאַנקען איר פאַר דעם איבערגעקומע-נעם וועג און בעטן אויף אַ רואיקע נאַכט.

מיין האַרץ איז געווען זייער פאַרקלעמט. שוין ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט קניען. איך האָב זייער געוויינט אין דער שטיל, נאָר געפרעגט און ווידער געפרעגט: — נאָך אַלץ נישט גענוג, גאָט?

ליגנדיק אין דעם בעט דורך דער נאַכט האָבן מיך די אַלע קלויסטער-שאָטנס נישט אָפּגעלאָזט. די בלוטיקע טאָרקוועמאַדאָס און אַנדערע רשעים, דורך אַלע דורות. אַ פאַרמאַטערטע האָב איך זיך גאַנץ פרי אויפגעהויבן און זיך אַרויסגע-שלייכט פון דעם אומהיימלעכן און פרעמדן פלאַץ.

ליזשענסקער הריגה און גראָדזשיסקער מאָרד

דער מאָרגן איז געווען אַ זוניקער. איך בין געגאַנגען צום מאַרק, ווו עס קומען פערד און וועגענער פון דער גאַנצער געגנט. איך האָב געהאָפט צו געפינען אויך פויערים פון דעם שטעטל גראָדזשיסק, איך זאָל קאָנען דאָרט צופאָרן.

די שעה איז געווען גאָר אַ פריע און איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ שענק קויפן אַ גלאָז טיי מיט אַ זעמל. אינצווישן זענען אַריינגעקומען אין דער שענק פיל שטעטלדיקע און דאָרפישע פּאָליאַקן און האָבן צווישן זיך געפירט אַ לעבעדיקן שמועס פון וועלכן איך האָב זיך צוהערנדיק אויסגעפונען וואָס עס איז דאָרט פאָר-געקומען אין די לעצטע טעג. זיי האָבן קאָמענטירט די הריגה פון די פאָר צוריק-געקומענע יידן קיין ליזשענסק.

עס זענען אין שטעטל צוריקגעקומען 9 יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין איין הויז. האָט מען ביינאַכט אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע און אַלע אומגעברענגט. איין צד האָט געהאַלטן, אַז מען האָט זייער גוט געטאָן, ווייל וואָס האָבן זיי נאָך דאָ צו זוכן? ווער דאַרף זיי דאָ? די אַנדערע האָבן צוגעגעבן, אַז אמת, מיר דאַרפן זיי טאַקע נישט, אָבער מען האָט זיי געדאַרפט זאָגן זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן, אויב נישט וועט מען דעמאָלט זען וואָס מ'האָט צו טאָן. זיי זענען אָבער געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז גאָר קיין שום שלעכטס נישט געשעז, און אויב עס לעבן נאָך מאַנכע פון זיי, וועלן זיי וויסן נישט צו קומען מער אַהער, ווייל מיר וועלן זיי אויסרויכערן ווי די מייז.

מיך האָבן זיי נישט פאַרדעכטיקט, ווער איך בין און, אַז איך הער מיך צו. איך האָב באַצאָלט און בין אַרויס. עס איז שוין גאָרנישט געוואָרן פון מיין פּלאַן צו גיין צום בית-עולם, אָדער זוכן לעבעדיקע רעשטלעך.

איך בין פאַרבייגעגאַנגען דאָס נייע חורבן-קבר, דאָס אויפגעריסענע הויז, ווו די 9 יידן זענען פון זייערע אַמאָליקע שכנים און זיכער אויך פון בעל-חובות — נאָך אַלע שרעקלעכע איבערלעבענישן און נאָך אַזויפיל יאָרן פון ליידן, אַזוי אַכזר-יותדיק אומגעבראַכט געוואָרן. איך האָב געמורמלט מיט די ליפּן אַ יתגדל ויתקדש...

איך האָב געפונען אַ בעל-עגלה וואָס איז געפאָרן קיין גראָדזשיסק און זיך געלאָזט קעגן נייע באַגעגענישן.

געקומען אין דעם פּיטשינקע שטעטעלע, ווו איך, מיין שוועסטער מיט אונ-דזערע קינדער, האָבן אין די חורבן-יאָרן פאַרבראַכט 20 חדשים און געזען און גע-

קענט דאָס לעבן פון די פּאָר צענדליקער משפּחות, און אויך געווען דער עדות פון זייער אומקום. איך האָב זיך דערנענטערט צו די יידישע הייזלעך און געסלעך מיט אַ פּלאָטערניש אין האַרצן. כאָטש איך האָב געוווסט דעם אמת, דאָך האָב איך גע-וואַרט, עס מוז דאָך יעדע רגע אַרויסקומען, זיך באַווייזן אַ גוט באַקאַנט יידיש פּנים. לײדער איז אַזוי נישט געווען.

דער פּויער, דער בעל-עגלה, האָט מיך צוריקגעבראַכט צום באַוווסטזיין — ער האָט מיך געפרעגט ווו ער זאָל מיך צופירן, ווו עס וווינט מיין משפּחה, צו וועלכער איך פאָר.

— צום לערער פון דער שולע — האָב איך אים געענטפערט (דער, וועלכער איז געווען דער איידלסטער און איין געשטרויכלט געוואָרן ביים וועלן אונדז העלפן).

ער האָט מיך צוגעפירט צום לערערס הויז. איך האָב אים געטראָפן אין דער היים. זיין פרייד איז געווען זייער גרויס צו זען מיך אַ לעבעדיקע. זיין ווייב איז אויך א צעפרידענע. פאָר זיינע אונטערגעוואַקסענע קינדער בין איך אָבער געווען אַ קרובה פון ווייט, וועלכער זיי קענען נישט.

איך בין אַריינגעגאַנגען מיט אים אין אַ צווייט צימער. ער האָט מיר דערציילט, אַז פון די דאָרטיקע יידן איז קיינער נישט צוריקגעקומען און ער איז זיכער, אַז זיי זענען נישט געבליבן לעבן. נאָר איין יונגער בחור פון דיין משפּחה, האָט זיך געהאָט אויסבאַהאַלטן אין וואַלד און איז באַלד נאָך דעם קריג געקומען אַהער, אָבער גלייך ווי מען האָט אים דערזען אויף דער גאַס האָט אים עמעץ פון הינטן דערשאָסן. איך בין געוואָרן זייער דערשיטערט דאָס צו הערן. דער עיקר — כ׳בין געווען אַזוי נאָענט צו האָבן עמעצן געפונען, ווי איך האָב מיר געהאָט פאָרגענומען, און דאָ האָט מען אים אַזוי ברוטאַל אומגעבראַכט. דאָס איז געווען דער 19-יאָריקער בחור שמעון, אַ זון פון מיינע משפּחה-מענטשן, ער איז אומגעקומען, ווייל די שכנים און „יורשים" האָבן נישט געוואָלט עפּעס צוריקגעבן פון דעם רויב, וואָס איז ביי זיי געווען.

דער לערער האָט מיר אָנגעבאָטן זיין הילף אויב איך וויל ערגעץ גיין. ער האָט אויפגעקלערט, אַז אַליין איז פּאָר מיר זייער געפערלעך זיך צו ווייזן אויף דער גאַס. איך בין מיט אים נאָר צוגעגאַנגען אויף איין אָרט, צו איינעם פון די רייכסטע און אַנגעזעענסטע באַלעבאַטים אין דער געגנט, ווו מיין שוועסטער האָט איבערגעלאָזט פעלצוואַרג פאַר אַ גרויס פאַרמעגן — בלויז טייערע פעלץ-פעלן. ווי ביבער, פיש-אָטער, מורמעל (מינק) פּערסיאַנער און אנדערע.

איך בין געקומען צו דעם פּויער מיט מיין באַגלייטער נאָכמיטאָג. מיין גוטער פריינד, דער לערער, האָט אים דערציילט אַז איך מיט מיינע צוויי קינדער האָבן זיך געראַטעוועט, אויך צוויי קינדער פון מיין שוועסטער, און אַז מיר זענען זייער אָרעם, און אַז ער זאָל מיר געבן וואָס עס איז אים געבליבן. דערצו, האָט ער צוגעגעבן, איז איין קינד פון מיין שוועסטער אַ קריפּל, אָן אַ פוס. ער האָט אויך דערקלערט, אַז ער קען דאָך מיך, ווייל איך בין שטענדיק געקומען מיט מיין שוועסטער און

געבראַכט די סחורה צו באַהאַלטן. דער פּויער האָט אונדז אָבער דערציילט פּאַרשידענע מעשיות, אַז מען האָט ביי אים אַלץ צוגענומען און ער האָט אונדז אָפּגעהאַלטן ביז עס איז געוואָרן בין-השמשותדיק. מיין באַגלייטער, דער גוטער מלאך, איז אָבער געוואָרן זייער אומרואיק. ער האָט עפּעס אַרויסגעפּילט און געזען עפּעס אַ צוגרייטונג, וואָס איך האָב גאָרנישט באַמערקט.

מיר זענען באַלד אַוועק פון דאָרט און נאָכדעם ווי מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר הונדערט שריט, האָט מיין באַגלייטער מיר געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ פון דעם פעלד-וועג, גלייך אין מיטן פעלד אַריין. מיט דער אַנדערער האַנט האָט אַראָפּגעריסן מיין העל טיכל פון מיין קאָפּ, ווייל מען קאָן עס זען פון דער ווייטנס אַפילו אין דער פינצטער און אויפדעקן ווו מיר געפינען זיך. ער האָט מיך געהייסן שנעל זיך לייגן אויף דער ערד און ער האָט אויך אַזוי געטאָן. עס האָבן טאַקע פון דער זייט, ווו מיר זענען פריער געווען, אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן. אַזוי אָפּליגנדיק אַ ביסל, האָבן מיר זיך פאַרקליבן אין אַ גאַנץ קעגנזייטיקער זייט און דורך אַן אומוועג צוריקגעקומען אַ היים.

אַריינקומענדיק אין הויז האָט ער מיך געהייסן וואַרטן אין פאָרהויז, אַליין איז ער אַריין אין הויז און אויסגעלאָשן דאָס גאַנצע ליכט. אַזוי פאָרזיכטיק איז ער געווען, ער האָט געוווסט פאַרוואָס. מער קיין ליכט האָט ער נישט אָנגעצונדן ווייל ער האָט פאַרדעכטיקט, אַז זיי זענען אין דרויסן און מיט דער הילף פונעם ליכט אינעווייניק וועלן זיי מיך זען און צו מיר שיסן.

איך בין איבערגעקומען די נאַכט אין צרות. דער מאָרגן איז גראָד געווען אַ שיינער און מיר האָבן געמאַכט צוגרייטונגען ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון דעם גיהנום.

יעקב קירשנבוים
מאָנטראל — קאַנאַדע)

לאזט מיך שטעלן די מצבה

"טוב שלא תדור משתדור ולא תשלם"

ס'וועט דער באַגראַף ליזשענסק זיין פעלערפול און נישט באַענדיקט, אויב מ'וועט נישט פאַרשטעלן די משפחה קאַרפּ, וועלכע האָט בייגעטראָגן אסך צום אימאַז' און געזעלשאַפטלעכן געשטאַלט פון איינדזער שטעטל.

מאָטל קאַרפּ דער פאָטער פון משפחה, א בעל הבית אין שטאָט און אין בית-מדרש — א מזרח וואנט-זיצער צווישן אַלע שיינע יידן. פרנסה האָט ער געצויגן פון דער בעקעריי, די ערשטע מאָדערנע בעקעריי, מעכאַניזירט ווי ביי „דייטשן", דאָס געבעקס איז געקניטן געוואָרן און פארמירט נישט מיט די הענט, נאָר מיט פארשידענע מכשירים, וואס מענטשן האָבן באַוועגט. קיין עלעקטריציטעט איז נאָך נישט געווען

אין דער בעקעריי האָבן שוין געאַרבעט מענטשן פון באַרוף, געבראַכטע פון א גרעסערער שטאָט, אין געשעפט האָבן געאַרבעט אַנגעשטעלטע, פארקויפערינס, און וואָגענס האָבן צעפירט דאָס געבעקס אין די ארומיקע דערפער.

דבורה, די מוטער פון משפחה האָט ווי אלע ליזשענסקער פרויען געהאָלפן דעם מאַן אין געוועלב, ביים פאַרקויפן און ביים אויפקוקן.

קאַרפּס הויז איז געווען אַ בית פתוח לרווחה, יעדער אָרעמאַן איז פון דאָרט אַרויס זאַט און מיט אַ נדבה אין טאַש. נישטאָ קיין פרייטיק צו-נאַכט, אז מאָטל זאָל אהיים גיין אָן א אורח צום טיש. דער שמש האָט געוווסט, אַז אפילו אין א וואָכנטאָג און אפילו ווען מאָטל איז נישט געווען צו מנחה ומעריב, מעג מען צום אים שיקן א אורח צו מאָלצייט און אַמאָל אויך צוויי.

משה קאַרפּ מיט נתנאלן, זיינע זון פלעגן העלפן אין געשעפט, זייענדיק שוין דערוואַקסענע בחורים. און ספּעציעל פרייטיק נאָך מיטאָג, סיי זומער, סיי ווינטער. ערב ימים-טובים איז דבורה זייער מוטער נישט געווען אין געשעפט. זי איז געווען באַשעפטיקט מיט פאַרזאָרגן די באַדערפנישן פון בכבודיקע פארבאָרגענע אָרעמע-לייט זיי זאָלן חלילה נישט הונגערן דעם יום-טוב. דבורה'ען האָט מען געקענט דאָן טרעפן אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקעלעך פון שטאָט, מיט א קויש אין האַנט, אַרומלויפנדיק „טיילן", אזוי אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן וועמען זי גיט און טיילמאָל אויך דער מקבל זאָל נישט וויסן ווער עס האָט אים געגעבן.

די צוויי זון האָט מען ערצויגן „צו גאָט און צו לייט" און אַ קרוין זייערע על-טערן, נישט איין מאַמע האָט קוקנדיק אויף זיי געבענטשט איר זון מיט דער ברכה „ישימך אלקים כאפרים וכמנשה" און געמיינט „כמשה ונתנאל קרפ".

* * *

משה האָט זיך וועניק געחברט מיט בחורים פון זיין עלטער. האָבנדיק זייער

א אַפּענעם קאָפּ האָט ער תמיד געזוכט עלטערע פון זיך, מייסטענס געפירט דיסקוסיעס מיט יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט וועלט-פּאָליטיק און שטאָטאיש-קהלישע ענינים און האָבן געזאָרגט פאַר א נייער יוגנט. משה איז שוין דאָן געוועזן א מיטגליד אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ליזשענסק, צוזאַמען מיט „משכילים" פון חסידישער אָפּשטאַמונג. צוזאַמען מיט זיי אויך אָבאַנירט דאָס לעמבערגער טאָג-בלאַט און זיצנדיק ביי דער גמרא אין בית-מדרש, געכאַפּט אקוק אין ספרים חיצוניים, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן. די יונגעלייט האָבן געמוזט אַנגיין פאר חסידים, כדי צו דעקן זייער ציל! אריינברענגען ליכט אין דעם יידיש זעלבסט-געמאַכטן געטאָ.

* * *

אַזוי איז ענטשטאַנען די ערשטע העברעאישע שולע „השרון", א רעוואָלוציע אין ליזשענסקער וועלט און א נייאונג אין אירע באַגריפן.

אינגאַנצן האָט זי אָנגעהאַלטן פון 1912 ביז 1914, דאָס יאָר ווען די ערשטע מלחמה האָט אויסגעבראָכן. אָבער אין די פּאָר יאָר האָט זיך משה קאַרפּ ענטפּלעקט מיט זיין פולן פּאַרנעם, אלס מוטיקער רעאַליזאַטאָר פון זיינע שטרעבונגען און אידעען, אַלס אָרגאַניזאַטאָר און מינטש פון ברייטן פּארנעם.

נאָך דעם רעוואָלוציאָנערן אַקט, זענען זיי ווייטער געגאַנגען, זיי האָבן געבראַכט לערערס מיט וויסן פון קראַקאָוו און לעמבערג, צווישן זיי די צוויי גלענצענדע פּעדאַגאָגן פאלקוס, וועלכער האָט געלערנט עברית און הירשהאָרן, וועלכער האָט געלערנט גמרא עברית-בעברית. זיי האָבן דאָס געמאַכט אַזוי שנעל, אז ביז די פּאַנאַטיקער האָבן זיך נישט באוויזן ארומצוקוקן, און שרייען, אז דאָס איז די סטרא-אחרא אַליין, האָבן מיר שוין געקריגן די ערשטע תעודה און דאָס נאָך עקזאַמענעס, אונטער דער אויפזיכט פון גרויסע לעמבערגער פּעדאַגאָגן.

משה מיט נתנאלן האָבן נישט געלערנט אין „השרון", זיי האָבן שוין דאָן געלערנט גמרא ביי משה חיים, ביים בעסטן מלמד. אָבער זיי האָבן געשטיצט מיט זייער גייסט די אַלע וואָס האָבן די שולע אויסגעהאַלטן.

ווען די רוסן זענען אריין, האָבן משפחות פון ליזשענסק געפליכטעט און צווישן זיי אויך די קאַרפּ׳ס. זיי זענען אוועק קיין צעכיען. דאָרט האָבן די צוויי זון געלערנט אין א דייטשער שולע און נאָך צוויי יאָר, ווען זיי זענען צוריקגעקומען האָבן זיי שוין נישט באַזוכט א חדר נאָר געזעסן אין שטוב און שטודירט צוזאמען יידיש-עברעאישע ליטעראטור.

ווען ס׳האָט זיך געגרינדעט די ערשטע ביבליאָטעק איז משה אריין אין ועד, הגם נאָך דאָן זייער יונג, דער יינגסטער פון אַלע איז ער געוועזן דער רוח החיה פון דעם קאָמיטעט און האָט זייער אסך בייגעווירקט צום ענטוויקלען די ביבליאָטעק, משה איז געוועזן דער לעבנס-נערוו פונעם ציוניסטישן לעבן אין שטאָט, ער האָט געהאַלטן לעקציעס, פאָרטראַגן און אויסגעפירט אַנדערע טאָטן צו ערציען א ציוניסטישע יוגנט ברייט דענקענד און געזעלשאַפטלעך אינטעליגענט.

מיט מיר האָט ער אסך פארבראכט, יעדן שבת נאָכמיטאָג בין איך צו אים

געקומען און געלערנט ביי אים עברית. אלס זעלטענער פעדאַגאָג האָב איך שוין דעם ערשטןווינטער באַקומען פון אים „על פרשת דרכים" פון אחד העם און ער האָט מיר אָנגעהויבן איינצוקויפן עבּרעאישע שטיבּל-הוצאה.

**
*

אין דער לעצטער מלחמה בין איך פאַרשלעפּט געוואָרן קיין רוסלאַנד. איבער-געקומען די רוסישע לאַגערן בין איך ענדע 1942 אָנגעקומען קיין מיטל-אַזיע. זיי-ענדיק אַליין פלעג איך ארומפאָרן אַסך, געוואָלט געפונען, אייגענע, באַקאַנטע מענטשן פון שטעטל. אין יולי 1944 האָב איך זיך דערוווּסט, אין דזשאַמבול-קאַזאַכסטאַן, אז די טייערע משפחה קאַרפ געפינט זיך אין אוזבעקיסטאַן און אנדיזשאַן און איך בין פאַרפאָרן אַהין אין סעפּטעמבער. איך האָב זיי געזוכט און מיט שווערע מיה זיך דערפרעגט, אז זיי געפונען זיך אפשר נעבן בית-עולם, ווי יידן בעזשענ-צעס זענען גרופּירט.

ס'איז געווען אַוודאי 12 בייינאַכט איך געדענק עס ווי יעצט, די לבנה איז געווען גרויס און ליכטיק איז געווען די ערד, אויפן בית עולם האָב איך דערזען קאַמערליך מיט אָפענע טירן, איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען ביי די טירן, מיטאַמאָל הער איך א קויל פרעגט:

— ווער איז דאָרט?

איך האָב געענטפערט, ווער איך בין און וואָס איך זוך.

באַלד איז אַרויס, ווי פון א פינסטערער טיפעניש, א געשטאָלט פון א מענטש.ביים שיין פון לבנה האָב איך געזען עס שאָרט זיך ארויס א מענטש-באַשעפעניש אין א לאַנגן מאַנטל, דער קאָפּ — א מענגע צעשויבערטע האָר, ווען זי איז צו נאָענטער האָב איך געזען צוויי גרויסע אויגן שפּיזען מיך אַדורך, דער קוק פון די צוויי זעלטן שאַרפע קוקערס לאָזט מיך נישט אָפּ נאָך איצט אין געוויסע מאָמענטן. איך האָב נישט געוווּסט ווער דאָס איז, אין דעם איז דאָס ארויפגעפאַלן אויף מיר ארומגענומען מיך און אויסגעשריגן:

— שייע, וואָס טוט איר דאָ?

דאָס איז געווען לייקע, משה קאַרפּ'ס ווייב, איך האָב זי געבעטן, איך וויל זען משה'ן מיט נתנאלן און זי האָט געענטפערט:

— קומט, וועל איך זיי אייך ווייזן.

א שריט 25 אַדער 30 פון דער טיר האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אפּאָר אויפ-געשיטע בערגלעך און געזאָגט:

— איר זעט שייע, רעכטס איז מאָטל קאַרפּ, דאָ לינקס איז דבורה, אביסל אָפּגעריקט צופוס איז משה און נעבן אים נתנאל.

דוכט מיר, אז זי האָט מיר געוויזן נאָך א קבר'ל נתנאלס קינד.

די שיינע יידיש-פיינע משפחה קאַרפּ האָט דאָ געפונען איר אייביקע רוה. זיי זענען געשטאָרבן פון הונגער און אויפן פּלאַץ באַגראָבן געוואָרן איינס נאָכן אנדערן, און איינס דורכן אנדערן, דאָ אין די בערגלעך אָן מצבות. עמיצער זאָגט, אז אונדזער גאָט וויל אַזוי, אפשר?

איך בין די נאַכט איבערגעשלאָפן אין א נעבענדיקער קאַמער, אויף מאָרגענס האָב איך זיך געזעגנט מיט איר. זי האָט זיך נישט געקלאָגט אויף גאָרנישט, נאָר דאַרויף, וואָס קיינער פון אירע טייערע האָט נישט קיין מצבה.

איך האָב איר צוגעזאָגט, אז איך וועל זען זיך צוזאַמענרעדן מיט באַקאַנטע מ׳זאָל נישט לאָזן די קברים פאַריתומט.

ליידער האָב ז נישט פאַראויסגעזעענע אומשטענדן מיך געצווינגען, וואָס גיכער פטור ווערן פון רוסישן גן-עדן. און מיין צוזאָג איז נישט מקוים געוואָרן.

ווער ווייסט ווען איך וועל דאָס קאָנען טון. זאָל אָבער דער זכרון פון דער ליזשענסקער מענטשן שיינהייט נישט פארגעסן ווערן פון ליזשענסקער בוך און ליזשענסקער מענטשן.

משה הוף

אליין אין די וועלדער

אַמאָל, אז יידן האָבן געדאַרפט דורכפאָרן דורך די וועלדער נישט בלויז ביינאַכט, נאָר אַפילו בייטאָג האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד. אייביג איז מען געווען באַדראָט מיט גניבות, איבערפאַלן און אפילו מערדערייען. אינצווישן האָבן זיך באַגריפן געענדערט און „וואַלד״ איז געוואָרן פלוצים אַ באַגריף פון זיכערהייט און אויסבאַהאַלט פון טויט פון נאַצי-אוקראַינישע מאָרדן און אכזריות.

אין 1942 יאָר, האָבן זיך אסך יידן גרופענווייס אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן אין די געדעכטע וועלדער, וואָס האָבן זיך אויסגעברייטעט אַרום ליזשענסק, אָבער יעדן טאָג האָט מען געטראָפן ערמאָרדעטע יידן, וואָס דאָרפס-פויערים האָבן ערמאָרדעט. א גוי אָן אַ האַנט פון וואלע איז געלאָפן דערציילן דער קאָמאַנדע, אז אין וואלד באַהאַלטן זיך דריי יידישע מיידלעך און מ׳האָט זיי גלייך געשאָסן, די יידן פון ד׳ ארומיקע דערפער האָט מען געיאָגט קיין בריזע און דאָרט אויסגעהארגעט. משה, וועלכער איז געווען שטאַנדהאַפטיק און מיט גייסט צום לעבן האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן באַקעמפן פון די באַנדיטן. און טיילמאָל מיט זיין העלדישקייט אָנגעוואָרפן א מורא אויף די פויערן.

אין אָנפאַנג איז ער געווען צוזאמען מיט דער פרוי און א ברודער און אָפּגערעט, אז אויב זיי וועלן זיך מוזן שיידן, זאָל מען זיך טרעפן אין א באַשטימטן טאָג ביי לעשנעס הויז מיטן נאָמען לוריש. ווען משה האָט זיך אין אַ באשטימטער צייט דערנאָענטערט צום הויז פון לעשנע האָט ער גלייך דערשמעקט, אז ס׳איז עפעס נישט אין אָרדנונג. פון דער ווייטענס האָט ער געטראָפן הענגען אין דרויסן דעם ברודערס מלבושים צום רייניקן, האָט ער פאַרשטאַנען, אז זיי האָבן שוין אויך דעם ברודער ערמאָרדעט און מער קען ער דאַ זיך נישט געפונען. אָבער ווי גייט מען מיט ליידיקע הענט. אָן געווער האָט מען קיין ווערט, אפילו זייענדיק א קרעפטיקער מענטש מיט גוטע מוסקולן און שטאַרקע הענט, אָבער געווער איז מער ווי אַלעס.

ער האָט אויך ערפאַרן, אז דעם לעשנעס זון יולעק האָט ערמאָרדעט זיין ברודער, דאָס האָט אים דערציילט א חבר פון יולעקן אויף וועלכן משה האָף האָט אין וואַלד אָנגעוואָרפן א מורא, אָבער ווי נעמט מען געווער ? דאָס איז געווען דער הויפט פערלאַנג און הויפט אָנשטרענגונג פון משה האָף. ער האָט נישט געפונען קיין רו. דעם ברודער פארלוירן אליין יעדער מינוט אין געפאר, ווען דער לעשנע מיטן זון זענען נישט געווען אין הויז זענען געבליבן בלויז די צוויי טעכטער, האָט ער זיך ארויפגעדראפעט אויפן בוידעם און געפונען פארשטעקט אין א זייט א געווער מיט דרייסיק קוילן. מיט דעם רייכן און גרויסן געווינס האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט פון בוידעם און אריין צוריק אין וואַלד. זיכער האָט דער לעשנע מיטן זון פארשטאַנען ווער עס האָט ביי זיי צוגענאָמען דאָס געווער און יולעק האָט שפּיאָנירט אויף טריט און שריט צווישן דיביימער. אומפאַרזיכטיק האָט משה דאָס געווער אַמאָל פארשטעקט צווישן קשאַקעס, דער שגץ האָט דאָס באַמערקט פון צווישן די ביימער

און עס פאַרכאַפּט. צוריקקומענדיק ווידער צו דער פריערדיקער לאַגע: וואו נעמט מען ניי געווער און די לאַגע איז נאָך ערגער געוואָרן. דער שגץ פאַרפּאָלגט זיי און פון צווישן די קשאַקעס קאָן ער שיסן. מען מוז מאַכן א נייעם שריט צו געפינען געווער, געוווסט, אז ביי א פויער אין א צווייט דאָרף געפינט זיך געווער איז ער דאָרט געגאַנגען אַנגעקלאַפּטביים פויער, יענער מיינענדיק, אז ער וועט כאַפּן אַ מציאה און איבערגעבן אים דער געסטאַפּאָ. משה האָף האָט פאַרשטאַנען זיין כונה און האָט זיך גלייך אנטשלאָסן און געגעבן א מתנת יד מיט זיין שווערע האַנט און געזאָגט צום פויער פאַרקויף מיר געווער, איך בין גרייט צו געבן די לעצטע פיפצן דאָלאַר. דער פויער האָט געגעבן דאָס געווער פאר די פיפצן דאָלאר מיט דעם געדאַנק, ממילא קיין קוילן גיט ער נישט דעם ייד און אַזוי ווי ער וועט ארויס פון הויז וועט ער שיסן, אַבער אַנדערש האָט געקלערט משה האָף. עטלעכע קוילן האָבן זיך געפונען אין די קעשענע און געלאָדעט דאָס געווער און געוואָרנט דעם פויער זיך נישט צורירן ביז ער וועט אַוועק, ווען נישט שיסט ער, דער פויער האָט פאַרשטאַנען די ערנסטע לאַגע און געבליבן שטיין ביז זיין אָפּגיין. משה האָף איז צוריק אוועק אין די וועלדער און געזוכט דעם יונגן שגץ יולעק, נקמה צו נעמען פארן ברודער.

ביידע האָבן זיך געזוכט, איינער דעם צווייטן אין דעם זעלבן וואַלד, איינמאָל זונטיק פריִ, די פרוי פון משה האָף איז אַרויסגעגאַנגען צום שאָסע זוכן דעם מאַן האָט דער שגץ זי דערזען און זי פאַרהאַלטן, געשיקט זיין פאָטער דעם לעשנע נאָך דער געסטאַפּאָ. ער האָט זי געקענט אַליין דערשיסן, אַבער ער האָט געוואָלט פאַרדינען דאַביי געלט פאר א יידישן לעבעדיקן קאָפּ. אינצווישן האָט משה האָף דאָס באַמערקט און דעם שגץ גלייך דערשאָסן און מיט דער פרוי זענען זיי גלייך אנטלאָפן ביי א צוואנציק קילאָמעטער קיין קריאַבקע. ער האָט געוווסט, אז מען וועט זיי גלייך זוכן. און ריכטיק, עס זענען געקומען פיל געסטאַפּאָ פון לאַנצוט, פוילישע פּאָליציי, פויערן פון די גאַנצע געגנט מיט הונט, זיי זענען געווען זיכער, אז זיי וועלן דאָ טרעפן די יידן, אַבער געטראָפן האָבן זיי דעם טויטן שגץ, אויך דעם יידיקן בונקער. דער לעשנע האָט געשריגן, אז משה האָף האָט דעם זון געהארגעט מוז ער אים אויך באַגראַבן. אויך די פויערן האָבן פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער שגץ איז ערמאָרדעט געוואָרן.

די פראַגע איז יעצט געוועזן וואו נעמט מען עסן ?

ווען דער ברודער האָט געלעבט האָבן זיי זיך א עצה געגעבן. טייל פויערן האָבן געהאָלפן פאר געלט אָדער טייל אָן געלט. ביי א פויער מיכאל רומנסקי פון יודאשובקע, האָבן זיי געהאַט אַ היים. ער האָט זיך מיט זיי שיין באַגאַנגען, זיי אַ לאַנגע צייט אויסבאַהאַלטן און געגעבן עסן, אַבער מערסטענטייל האָט מען געמוזט זיך אליין נעמען, אויך דאָ האָט געהאָלפן די שטאַרקע מוסקולען. אויף פאַרשידענע וועגן געעפנט די סטאָדאָלעס קאמערן. קודם געמוזט איינשטילן די בליִנדיקע הונט און זיך צודראפּן אויף אלע פיר צו די טיר אָדער פענסטער פון סטאָדאָלע, אפרייסן די קייטן פון די פאַרמאַכטע טיר און ארויסנעמען עטלעכע הינער

און טיילמאָל אפילו אַ בהמהלע. איינמאָל זענען זיי געקומען צו א סטאַדאָלע און דאָרט אויפן פלאַץ געשאָכטן אַ קעלבל, צעשניטן אויף צוויי טיילן. דער פויער ארויסגייענדיק פון שטוב און נישט געפאלן אויפן געדאַנק, אז ביי אים אין סטאַדאָלע צעשנייט מען אין דער פינצטער אַ קעלבל. אויך ברויט האָט מען געדאַרפט און דאָ האָט מען שוין געמוזט אַריין אין די הייזער, נעמען אַדער בעטן. פיל פויערן האָבן מורא געהאַט פאַר אים. פון אַנפאַנג האָבן זיי אַנגעהויבן שרייען, נאָר באַקומענדיק עטלעכע קלעפּ, אָדער מורא האָבנדיק פאַרן טויט האָבן זיי אים געגעבן ברויט.

אריינרייסענדיק זיך אַמאָל דורך פארמאכטע פענסטער צו א פויערטע, כדי צו בעטן ברויט האָט ער באַמערקט א אָנגעפּאַקטן קאָפער מיט געראַבעוועטע יידישע קליידער, האָט ער דאָס גענאָמען, זי האָט גערופן הילף איר זון שרייענדיק, אז באַנדיטן זענען איר באַפאַלן, האָט ער געגעבן דעם שגץ א קנאַק אין קאָפּ און אים פארצמעלט. די פויערטע האָט געזען זיין שטאַרקע האַנט, האָט זי אים שוין געוואָלט געבן עסן, אבי ער זאָל די זאַכן נישט נעמען. אַבער ער האָט זי געוואָרנט דאָס צוויי שעה זאָל זי זיך נישט רירן, אנישט וועט ער זי דערשיסן.

* *
*

קומענדיק מיט זיין פרוי קיין בריזע, וואָס איז געווען זייער באַדראָט, ווייל דאָרט איז געווען א קאָמאַנדאָ פון געסטאַפּאָ, האָבן די הונט אָנגעהויבן צו בילן. די פויערן האָבןפארשטאַנען, אז פרעמדע זענען פאראן אין דאָרף. דערזעענדיק דעם מצב איז משה ארויפגעשפרונגען נישט באַמערקענדיק אויפן בוידעם פון וואלעק דזעדזיץ און די פרוי האָבן 20 פויערן געכאַפּט און געפירט צו דער געסטאַפּאָ. ער האָט פאַרשטאַנען, אז ס'איז שלעכט איז ער צוריק אַראָפּגעשפּרינגען זיי נאָכגעלאָפן און געשריגן אויף פויליש שטיין בלייבן, ער האָט עס געמאַכט ענערגיש מיט מיליטערישן אַקצענט. די פויערן מיינענדיק, אז דאָס זענען פארטיזאַנער האָבן זיך דערשראָקן און זיך צעלאָפן און זי געלאָזט שטיין.

* *
*

איינמאָל שבת ביינאכט, געווען זייער ערשעפּט, אָן כוח און געזוכט א פלאַץ זיך אויסרוען, געקומען צו א סטאַדאָלע ווי זיי זענען געווען אַמאָל אין גוטע באַציאונגען מיטן אייגענטימער. דער שגץ האָט זיי געבעטן זיי זאָלן גלייך אַוועקגיין, אויב זיי ווילן לעבן, אָבער נישט געזאָגט די סיבה. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן איז ער געווען פון די א.ק. און עס האָבן געדארפט קומען צו אים פארטיי-חברים. זייענדיק שטאַרק פארמאטערט און נישט פארשטאַנען דעם געדאַנק פון שגץ האָבן זיי זיך געלייגט אין דער סטאַדאָלע אויפן היי שלאָפן. אינמיטן דער נאַכט, מען באַלייכט זיי מיט עלעקטרישע לעמפּלעך און צוויי שקצים פון די א.ק. אַנטעק און יוזעק האָבן מיט פרייד געשריגן „יידן מיר זוכן אייך שוין א לאנגע צייט”, אַבער משה האָט זיך גלייך ערמוטערט און זיי געזאָגט, אז עטלעכע סטאַדאָלעס ווייטער געפונען זיך נאָך יידן מען זאָל זיי אויך נעמען צוזאמען. איין שגץ איז געבליבן היטן משה האָף און דער צווייטער שגץ האָט געהייסן דאָס ווייב זאָל גיין מיט אים ווייזן די סטאַדאָלע, ווי דער שגץ איז ארויס פון דער סטאַדאָלע מיטן ווייב האָט ער גע-

כאַפּט די שיך און דאָס געווער און אַנטלאָפן. דער שגץ אין דער פינסטער נאָכלויפענדיק האָט גערופן צו הילף דעם צווייטן שגץ, אינצווישן איז אויך די פרוי אַנטלאָפן. ער האָט די צוויי שקצים געטראָפן אין א דאָרף און זיי געוואָלט שיסן, אָבער אויך זיי זענען אים אַנטלאָפן.

זיי האָבן געטראָפן א אָפּגעזונדערטע סטאַדאָלע, א פויער האָט אפילו געוווסט און זיי נישט אויסגעגעבן, אָבער דאָרט איז געווען זייער שווער ווינטער, מ׳האָט געמוזט זיין פאַרזיכטיק נישט איבערלאָזן קיין שפורן אין שניי, פארהילט מיט שמאָטעס האָט מען שוין נישט געקלערט, אז מען וועט דאָס אויסהאַלטן.

ס׳איז נמאס געוואָרן דאָס לעבן, דאָס אויסבאַהאַלטן זיך, דער שטענדיקער פחד א.א.וו. געדאַנקען פארשידענע זענען אָנגעקומען אויפן געדאַנק. אָבער די קריג האָט זיך אינצווישן געענדיקט. מ׳האָט אָנגעהויבן צוריקקומען קיין ליזשענסק. איינציקווייז האָט זיך יעדעס מאָל באַוויזן א פארמאטערטער געשטאַלט. אלע זענען געווען אויסגעדארט, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס און דער ווילן צו לעבן האָט אויפגעלעבט פון דאָסניי.

ער האָט ליזשענסק נישט פארטראָגן, דער חורבן, דער אומעט, די טריומפירענדע יידישע שונאים, וואָס באַהאַלטן נישט זייער צופרידענהייט צו אונדזער גרויסער טראַגעדיע, האָט אים געבראַכט מיט דער פרוי אין אַנדערע אומשטענדן קיין קראָקע.

אָבער עס האָט זיין האַרץ געווייטיקט דאָס איבערלעבן און ערמאָרדן פון די שטאָטישע ברודער דורך די קריסטן און פויערן, אָדער מיט זייער הילף. די דייטשן האָבן נישט געוווסט ווער עס איז אַ ייד. זיי זענען אָנגעוויזן געוואָרן דורך די שטאָטישע שקצים און די מערדערישע שקצים האָבן זיך געדרייט פריי און אָנבאַשטראָפט. און ער האָט באַשלאָסן נקמה צו נעמען פון די רוהיקע מערדער.

נישט דערציילנדיק זיין פרוי, זייענדיק א אָפיצער אין דער פוילישער אַרמיי האָט ער געבעטן נאָך א אָפיצער פון די או.ב. מיט דרייסיק זעלנער און צוזאַמען געפאָרן קיין ליזשענסק און גלייך אריין צו איינעם פון א.ק. קצמרציק זיגמונד פון דער שעדלענקע. ער איז אייביק געווען א אַנטיסעמיט, זיי האָבן ארומגערינגעלט דאָס הויז וואָס איז געווען פארשלאָסן. משה האָף האָט אויפגעריסן די טיר, געוווסט אז קצמרציק האָט געווער און געמוזט זיין פאַרזיכטיק. טרעפנדיק ביים אריינקומען די פרוי האָט ער איר געזאָגט, אז ער וויל זיי געבן געלט, זי זאָל רופן דעם מאַן. זי האָט געשריגן צום מאַן, קום אַרויס, דאָס זענען אייגענע, נישט קלערנדיק פון קיין געפאַר און נישט האָבנדיק קיין חשד, אז א ייד וועט זיך וואַגן צו קומען אין זיין שטוב איז ער ארויס נישט באַוואָפנט. משה האָף האָט אים גלייך אַנידערגעוואָרפן און אים געדריקט צו דער ערד, ער זאָל זאָגן וואו ער האָט דאָס געווער. נישט קאָנענדיק פון אים עפעס ערפאָרן, מורא האָבנדיק אים צו באפרייען ער זאָל נישט כאַפּן קיין געווער האָט משה האָף אים דערשאָסן, כאָטש עס איז געווען אַ באַפעל פון פוילישן אָפיצער פון די או.ב. נישט צו שיסן, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. אים זענען געשטאַנען פאר די אויגן די אלע קרבנות וואָס די

א.ק. האָבן אומגעבראַכט אין שטאָט און אין די דערפער, ספּעציעל ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אז נאָכן צוריקטריט פון די דייטשן האָבן די א.ק. געוואָרפן א באָמבע אויף די עטלעכע געבליבענע יידן אין שטעטל און אומגעבראכט דאָס לעצטע ביסל יידן.

דער חבר זיינער האָט אים פארשטאַנען.

פון דאָרט, געגאַנגען זוכן די ווייטערדיקע שקצים פון א.ק. אין ליזשענסק דאָס הויז פון קעלבוביצ׳יק אויף דער שעדלענקע איז אויך געווען פארמאַכט, אויך דאָ האָט ער מיט כוח אויפגעמאַכט די טיר, ביי קעלבוביצ׳יק איז געווען אסך געווער, אַנפּאַנגס מיט אים געמאַכט, וואָס מיט דעם פריערדיקן און אים געוואָלט מיט זיך מיטנעמען קיין ליזשענסק צו דער פּאָליציי, אָבער דער שגץ קעליביביק האָט געבעטן דעם פוילישן אָפיצער ער זאָל אים ערלויבן נעמען די קורטקע, אריינגעטאָן די הינט אין דער קעשענע און ארויסגענומען א רעוואָלווער און געשאָסן אויף משה האָף צוויי קוילן, אים שטאַרק פארוואונדעט אין האלדז און קערפער, אויך פון בוידעם ווי עס זענען געווען נאָך שקצים פון דער א.ק. זענען געפאַלן שאָסן אויף משה האָף.

דאָס הויז האָט מען אונטערגעצונדן און מען האָט משה האָף געבראַכט קיין ריישע אין שפּיטאָל אין א זייער שווערן צושטאַנד אין א צושטאַנד פון גסיסה. די קראַנקע, האַלטנדיק אים פאר א קריסט האָבן גערופן דעם גלח און האָבן שוין געציילט זיינע לעבנס-מינוטן. אָבער זיין ווידערשטאַנד פון קערפער האָט איבערגעקעמפט אלע ווייטיקן און באַקומענדיק איינשפּריצונגען איז ער נאָך א קורצער צייט געזונט געוואָרן.

דאָן האָבן זיי זיך דערוווּסט אַז ער איז א ייד. אויך ער איז אַוועק ביי דער ערשטער מעגלעכקייט קיין ישראל.

אַ קריסטן
(מאַניע ריבנפעלדס אַ חברטע)

וואס האב איך געזען און געהערט

סנדר שאנק האָט זיך באַהאַלטן אויפן בית הקברות. אובשיק האָט אים נאָכגעיאָגט און מיט דער לאָפּאַטע אים געהרגעט.

נאָכער האָבן די רוסן געכאַפּט אובשיקן און דערשאָסן.

אַ דייטש האָט געכאַפּט מאַטל שאנק, זי געשלעפּט איבער דער גאַנצער גאַס און קיינער האָט נישט געקאָנט העלפן.

ר' נחמיה האָף האָט דורכגעלעבט די קריג אין די וועלדער, געקומען קיין ליזשענסק צוריק נאָך דער קריג און זיצנדיק אין פּאטאשערס הויז, האָט אויפ־געריסן אַ באָמבע, וואָס די א.ק. האָבן אַריינגעוואָרפן, און ער איז דערהרגעט געוואָרן.

יושי זייבל און איצי שערער זענען געווען באַהאַלטן אין זאבילסקיס אַלט הויז אויף דער ריישער גאַס. עסן האָט זיי געבראַכט טושעק קאראשונסקי און זיגמונט פשיבילסקי. נישט זייענדיק פּאָרזיכטיק, האָט די געסטאַפּאָ זיי באַמערקט און געכאַפּט. איצי האָט געהאַט אויף די צוגעבונדענע הענט א שטיקל ברויט, וואָס זיי האָבן אָנגעבונדן. ער איז געווען זער מוטיק און געזאָגט צו די געסטאַפּאָ: ס'וועט קומען אויף אייך אויך דער טאָג. לודביג מארושאק, פון הינטערן קלויס־טער, האָט זיי געהאָלפן שיסן.

דעם זעלבן מארושאק'ן האָבן נאָכער די פּאַרטיזאַנער דערשאָסן.

קעלבוביצען האָבן די רוסן געשאָסן.

מאַרגושקיס א זון איז געווען אין די א. ק.

דער קריסטליכער בעקער סלאָבינסקי מיט זיין טאָכטער האָבן זיך איינ־געשטעלט דאָס לעבן טאָג איין, טאָג אויס און אַריינגעגעבן ברויט אין געטאָ אָן שום געצאָלטס.

ביים אויפגראָבן דעם רבין ר' אלימלך'ס קבר האָט יוזעק אובשיק אָנ־געפירט דערמיט.

שטשעפּאַנעק, וואָס איז געווען אַן אויטאָבוס־שאָפער, האָט געהרגעט אַ סך יידן. דער סטרוזש פון פראשוויטע האָט זיי באַגראָבן. טששעפּאנעק האָט זיך נאָכער אויסבאַהאַלטן אין קולבעשוב, אָבער די מיליץ האָט אים דערשנאַפּט. האָט ער זיך אַליין געהאָנגען.

פּרעדעק און יוהאַן קייפּער האָבן גערודפט יידן.

עדעק קייפּער מיט זיין פרוי מארינע, האָבן יאָ געהאָלפן יידן. זייער שוועס־טער קריסטינה האָט אויך טיילמאָל געהאָלפן.

לייבעלע כץ איז געלאָפן און געבראַכט עסן אין געטאָ און זיך נישט געגרע־כנט מיט גאָרנישט. ער האָט באַגראָבן די טויטע. זיך אַליין האָט ער אויסגעגראָבן

א קבר. די דייטשן האָבן אים געשאָסן און נישט דערשאָסן, האָט יוזעק אובשיק אים מיט דער לאָפּאָטע צוגעשלאָגן.

נחמן כץ פון אָזשעכאָוו האָט מען געהייסן אויסגראָבן א קבר פאַר זיך און אים דערשאָסן.

משה כץ פון ארזעכאָב האָט מען געשאָסן אין ארזעכאָב.


נחמן כץ'ס פרוי און דעם רויטן מענדלס צוויי טעכטער פון די וואדניקעס האָט מען געשאָסן אין שינאווע אונטער דער בריק.

חימיל בוגאַץ האָט מען געשאָסן אין לעמבערג.

יעקב כץ פון ארזעכאָב, אים מיט זיין משפחה, האָט געהרגעט פראַנעק בורקובסקי און מאַריאַן קובלטשיק פון די ווידנאַקעס. זיי דרייען זיך אַרום ביי היינטיקן טאָג פראַנק און פריי.

אברהם גרינפעלד פון ארזעכאָוו האָט מען אין סאַן געוואָרפן. מען האָט אים געהאַלטן אויף אַ באַסוק און געצילעוועט צו אים אַזוי לאַנג, ביז מה'אָט אים דערהרגעט. זיינע קינדער האָט מען געשאָסן אין דער אָכראַנע אין אָרזעכאָוו.

דער פּאָליציאַנט נאַבוזעני האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און מיט אייגענע הענט דערמאָרדעט אַ סך יידן. דער פּאָליציאַנט גלאַבאַלע איז געווען פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין בריזער ראַיאָן־פּאָליציי פון אַלע אַרומיקע דערפער. ער האָט געהרגעט יידן. איצט זיצט ער אין קרימינאַל.



...ביים שעכט שטיבל אמאָל

* *
*

דאָס זענען די הייזער, וואָס די דייטשן האָבן פאַרניכטעט: לייבעלע אַלטמאַנס הויז, אברהם שפרגל׳ס, אשר שיף, וואָלף וואקס, בער שטראוך, זלמן נארציזנפעלד, קלמן קירשנבוים, זישע גרינבערג, פסח שטראוך, הרב מנשה פרנקל, נפתלי ראט, ליבע גולדשטיין, פתחיה וואכטעל, משה חיים בעק, יוסף קראוס, בונים לאוב, חיים אייזן, מזרחי שולע, עזור ראָזענבליט (די חורבה), יוסף אויסאיבל, הירש אדער, משה קויפמאַן, מאיר שטראוך (פון ריישער גאס). די הויפט אַרבעט פון צולייגן די הייזער האָבן געמאַכט די מיעשצ׳אַנעס און דאָס וואָס איז געווען פון די געביידעס פאַרקויפט.

מיט דעם באַרג פון בית הקברות האָט מען פאַרשיט דעם טאָל און אַלעס אויסגעגלייכט. דאָרט איז איצט דער מיסט־פּלאַץ. אין דער זייט פון קריסטלעכן בעקער שטייען די כורמאַנקעס. אויפן בית הקברות ווייטער פּאַשען זיך בהמות. אין דער צווייטער זייט בית הקברות, אונטערן שעכט-שטיבל, האָט וואלערעק צוקערדי פארברייטערט זיין גאָרטן. אַ קריסט האָט געקויפט באָדן פון אונטערן בית הקברות, האָט אים די געמיינדע געגעבן אַ פּאַס פון 5—4 מעטער די ברייט אין מיטן פון בית הקברות, פאַר אַ דורכפאָר.

דעפאַבסקי יוזעף, א לערער, יוזינצאווא די פריזירערין, אורבנסקי פראנ- טשישעק פון חזיר־פּלאַץ און זדזיסלאוו זאבילסקי, האָבן געהאָלפן יידן.

ביי פּאטאשערין אין הויז, ווען מ׳האָט אַריינגעוואָרפן די באָמבע, זענען דאָרט געווען ביז 40 יידן, געראַטעוועטע, פיל נישט ליזשענסקער. 13 פון זיי זענען געהרגעט געוואָרן. לעבן מאגיסטראט זענען באַגראָבן סאָוועטישע זעלנער פון ערשטן פאטרול.

מאָטל שפרונג האָט געפּאַקט אין וואַלד דעם פאָלקס-דויטש מאָטיוס פלוס פון קעניגסבערג (נעבן וואליע) און האָט אים מיט אַ האַק איבערן קאָפּ געהרגעט.

חנה שטילער פון בריזע און איר ברודער, ווי אויך אלי שפרונג און טוביה שפרונג האָבן פוילישע פּאָליציאַנטן נאָכשפּיאָנירט און זיי דערמאָרדעט שלאָפנ־ דיקערהייט. זיי האָבן אויך דערמאָרדעט די פויערים, וואָס האָבן זיי אויסבאַהאַלטן. דאָס איז געווען אין יאָר 1943.

יידישע מיידלעך און פרויען האָבן זיך אָנגעטאָן ווייסע פלאַכטעס. זיי זאָלן אויסזען ווי שיקסעס, און האָבן געקליבן הויבסט אין די פעלדער. די דייטשן האָבן זיי נישט דערקענט און זיי וואָלטן זיך געראַטעוועט, נאָר די גויים האָבן זיי געמסר׳ט. לייביש שוואמענפעלד האָט נאָכער די מיידלעך געראַטעוועט, אָבער אים אַליין האָבן זיי דערשאָסן.

אַ קריסט, איינער א קאשקע, האָט אויף מאָרגן געזוכט די יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרשטעלט אין די ווייסע פלאַכטעס, אָבער זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ גרוב מיט וואַסער. די גויים האָבן זיי געזוכט מיט הינט.

אָבלאַוועס האָבן די דייטשן געמאַכט תמיד אין אָנוועזנהייט פון די גויים.

די בריזער גויים זענען אָנפאַנגס געווען גוט צו ייִדן, ביז גלובאלע איז אַהיינגעקומען.

די קעניגסבערגער דייטשן האָבן געראַבעוועט ביי די וואַלער ייִדן.

שטראָוך'ן האָט מען אויסגעריסן די באָרד אין זיין שענק.

שיינדל פון בריזע מיט די קינדער, האָט אַ גוי פאַרנאַרט אין דער געסטאַפּאָ און דאָרט האָט מען זיי געהרגעט.

זושקע פון וואלע האָט אויסבאַהאַלטן די שפּרונג'ס.

ווירצער ייִדן האָט מען איינגעשפּאַרט אין שינאָוער געטאָ.

די שוויגער פון יושי לויפער, אַ פרוי פון 90 יאָר, האָבן די דייטשן איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן מיט אַ פערד צוזאמען, זי זאָל שלעפּן דעם וואָגן. זי האָט אַזוי געשלעפּט דעם וואָגן, ביז אין שטאָט אַריין. דאָרט האָבן זיי זי אויסגעשפּאַנט און אַריינגעזעצט אין דער וווינונג פון אברומצ'ילי רוקח, די אַלטענקע נעביך, האָט זיך אַוועקגעזעצט אָן כוחות זיך אָפּרוען, האָבן זיי געצילעוועט צו איר דורכן פענסטער און זי צוביסלעך דערשאָסן.

מאנעק לויפער, יושי לויפער'ס זון, האָט יוזיק אפשיק געטראָפן אין מאַרק און אים דערשאָסן אין מיטן מאַרק.

א יינגעלע, יעקב ווסטריך, דער זון פון יצחק און גאָלדע ווסטריך, האָט זיך געהאַלטן אַלס אַ פּאַסטוך אין אַ דאָרף נעבן יאַראָסלאַוו. מיט אים זענען אין דאָרף געווען נאָך ייִדן. דאָס יינגעלע האָט נעבעך זיך פאַרגעסן, געווען נישט פאָרזיכטיק — האָט מען אים באַמערקט און פאַרניכטעט צוזאַמען מיט אַלע אויסבאַהאַלטענע ייִדן.

מתתיהו שפּרגל

א באַזוך אין ליזשענסק 1950

אָנקומענדיק אין מיטן טאָג אין מאַרק-פּלאַץ, בין איך געבליבן שטיין, אָדער בעסער געזאָגט, איך בין געוואָרן ווי א שטיין, פאַרשטיינערט. וואו בין איך ?! וואָס טו איך דאָ ?! קומענדיק צו זיך, ביסלעכווייז, כאַפּנדיק דעם געדאַנק, קוק זיך ארום, און זע נישט דאָס, וואָס איך בין געווינט צו זען, א פוסטער, ליידיקער מאַרק, דער זעלבער מאַרק! ארום דעם מאַרק די זעלבע הייזער, אלעס שטייט ווי געשטאַנען. אָט קלינגט דער מאַרק זייגער, די זעלבע קלאַנגען, וואָס ער האָט אַמאָל געקלינגען. וואָס טוט זיך דאָ ? צו איז דאָס א חלום, אָדער ווירקלעכקייט ? יאָ, דאָס איז די טרויעריקע ווירקלעכקייט, וועלכע דערמאָנט די פאַרגאַנגענהייט. ווי א חלום.

איך שטיי אין דעם ווינקל מאַרק, וואו איך בין אויסגעשטיגן פון דעם פאַרמאַכטן לאַסט-אויטאָ — וועלכער דינט אלס אויטובוס — מיט וועלכן איך בין געקומען פון ריישא צופאָרן. מיין ערשטער בליק פאַלט אויפן צווייטן ווינקל פון מאַרק, וואו איך זע א שיין גערטנדל מיט א אייזענעם געמאָלטן פלויט ארומגעצוימט, איך גיי צו נאָענטער, זע איך אייניקע מצבות מיט שטערנס, אויף אייניקע קברים, האָב איך זיך דערוווסט נאָכדעם, אַז דאָ ליגט דער ערשטער רוסישער פּאַטרול, וועלכער האָט זיך צוזאמענגעשטויסן מיט די לעצטע אַנטלאָפענע דייטשן.

* * *

איך שטיי אַלץ אויפן זעלבן פּלאַץ, און קוק זיך ווייטער אַרום, עפּעס לויפן פאַרביי איינצעלנע געשפּענסטער אין געשטאַלט פון מענטשן, אומבאַקאַנטע, פרעמדע — צוגערייזטע, זיי קוקן זיך אפילו אויף מיר נישט אום, וואו איך וואָלט געווען איינער פון זיי: איך האָב לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו גיין איבערן מאַרק, קוקנדיק אויף די שורות מערסטנטייל — ליידיקע הייזער, איינצלנע באַווױנט דורך איבערגעזידלטע פון לעמבערג און אומגעגנד. די איבריגע טיילווייזע די פענסטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, ווי אויך א טייל האַלב חרוב.

גייענדיק אַזוי נעבן די הייזער, האָב איך געפילט וואו די ליידיקע שטיבן קוקן צו מיר טרויעריק דורך זייערע פענסטער, ווי שקעלעטן דורך זייערע ליידיקע אויגנלעכער, און שעפּצען צו מיר: קוק מאַטוס, וואָס עס איז פון אונדז געוואָרן, געדענקסט זיכער די צייטן, ווען דאָ האָט געהערשט פיל יידיש לעבן? יאָ, יאָ! איך געדענק, ווער עס האָט אין יעדן הויז געווינט, ווי אזוי, יעדער האָט זיך געלעבט זיין אייגנאַרטיק לעבן. יעדעס הויז האָט צו מיר גערעט, און דערציילט זיין פאַרגאַנגענהייט, יעצט קלאָגן זיי אויף זייער פאַרלאָזטן אויסזען, אויף די יידישע דורות וועלכע האָבן אין זיי געלעבט, אין פריידן און ליידן, ביז ס'איז געקומען דער גרויזאַמער שטורם און זיי פון זייערע נעסטן אונברחמנותדיק ארויסגעטריבן, דעם גרעסטן טייל פון זיי גרויזאַם פאַרטיליקט, און די איבעריקע האָט דער שטורם צעשפּרייט איבער רוסלאַנד, איינצלנע זיך אויסבעהאלטן ביי קריסטן אין די דערפער א.א.וו.

גייענדיק ווייטער, צוקומענדיק צו מיין טאַטענס הויז, א חורבה, א קיפּע אַלטע ציגל. אויף דער גאַנצער זייט די הייזער נישט באַוווינט, די געשעפטן פאַרמאַכט. אויף דער אַנדערער זייט, פון ר׳ דודל רויטמאַן ז״ל ביז יוסף קאַנערס הויז זענען נאָר אָפען צוויי רעגירונגס-געשעפטן. איינס ר׳ יוסעלע סובעלס ז״ל, שענק, איז א שניט געשעפט וואו וואָלאַדעק דאַלענגעס טאָכטער פאַרנעמט דעם פּאָסטן פון א דירעקטאָר און לעיע דעם שוסטערס טאָכטער איז קאַסירערן, דאָס צווייטע געשעפט געפונט זיך אין ר׳ שמעלקע הורביץ ז״ל שיך געשעפט, א ירקות געשעפט, און פון די גאַנצע שורה הייזער האָב איך באַמערקט איז נאָר ר״ בינעם זונענבליקס הויז באַוווינט.

אין דער זייט פון מיין פעטער קלמן קירשנבליט ז״ל, ר׳ זלמן נאַרציזנפעלד ז״ל, ר׳ בער שטרוך ז״ל, ר׳ וולף וואקס ז״ל, ר׳ מאיר שטרוך ז״ל, די אלע הייזער זענען אינגאַנצן ארונטערגענומען, און אויף דעם פּלאַץ איז יעצט א שיינער גאָרטן. אזוי אז פון מאַרק זעט מען יעצט די פּראַשוויטע מיטן גלח׳ס הויז.

צוקומענדיק צו מנדל שפּרגעלס הויז, דאָס געשעפט איז אָפען, דאָס איז דאָס איינציקע לעדער געשעפט, עס געהערט אויך צו דער רעגירונג, דער פאַרוואַלטער איז דער יונגסטער קראַוציק, פון די דריי ברודער, וועלכע האָבן געוווינט דאָס צווייטע הויז פון ר׳ חיים מילער ז״ל, איך בין אַריין אין געשעפט, קראַוציק האָט מיך דערקענט, און געבעטן זיצן, עס איז געווען געגנוג צייט צו רעדן, קיין קונים האָבן אונדז נישט געשטערט, ווייל זיי זענען נישט געווען. אויף מיין באַמערקונג מ׳זעט נישט קיין קונים, האָט ער געענטפערט, אז די פויערן קומען נישט אין שטאָט אריין, עס זענען פאַראַן אין אַלע דערפער קאָפּעראַטיוון, וואו מען באַקומט אַלעס צו קויפן. אין אַ ווייטערדיקן שמועס מיט אים האָט ער מיר געזאָגט, אז אויבן אין די צימערן פון מענדל שפּערגעל איז די שטאָטישע ביבליאָטעק. ס׳איז מיר איינגעפאַלן א געדאַנק ארויפצוגיין, מעגלעך, אז דאָרט געפונען זיך די ביכער פון אונדזער „תרבות״-ביבליאָטעק, אָדער, פון דער „ארבעטער ביבליאָטעק״, וועלכע איז זיינער צייט געגרינדעט געוואָרן פון לייביש רייכענטאַל. ארויפקומענדיק האָב איך ווירקלעך געטראָפן זייער א רייכע ביבליאָטעק, די ביבליאָטעקערן, האָט אויף אלע מיינע פראַגן, זייער העפלעך געענטפערט, אָבער צום באַדויערן האָב איך גאָרנישט געפונען, וואָס איך האָב געזוכט. אויף מיין פראַגע אפשר ווייסט זי עפּעס וועגן די ביכער פון אונדזער „תרבות״-ביבליאָטעק, זי האָט איבערהויפּט דערפון נישט געוווּסט.

* * *

גייענדיק איבערן מאַרק, דערהער איך פּלוצים א רוף שפּערגעל! שפּערגעל! איך קוק זיך ארום, פון דער ווייטענס זע איך עמיצער רופט מיך, און האלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, איך קום צו, דערזע איך דעם בלינדן דזידוך, א שוסטער פון פּאַד-אולשין. זיין פּרצוף שמייכלט זיגעריש, און דאָס איינציקע אייגל פינקעלט ביי אים. ער גיט אווייז מיטן פינגער אויף דער ערד, און פרעגט, ווער איז דאָס ? פאַר מיינע אויגן באַווייזט זיך א אויפשריפט אויף א מצבה : „שמעון מוס-

לער". איך דערזע פאר זיך אויסגעפלאסטערט דעם מאַרק מיט מצבות, מיט די אותיות צו דער ערד, אין די ריקענס פון אויבן. אויף אייניקע מצבות זענען אויס-געקריצט די נעמען אויף דער צווייטער זייט. איך גיי ארום אין דער זייט נישט צו באַטרעטן מיט מיינע פיס אויף דעם לעצטן איבערבלייבעכץ פון פילע דורות יידן, וואָס זייערע קברים זענען געשענדעט געוואָרן דורך די דייטשע נאַציס. נעבן דער מצבה פון שמעון מוסלער ז"ל האָב איך געזען א צווייטע אויפשריפט: חיים שאַנק, זיי ליגן צו דער זייט פון דער באַן-גאַס, גייענדיק ווייטער ביז צו יוסף קאנערס הויז זע איך ווידער אויף א מצבה: הענע קאַנער ז"ל און נעבן איר רחל בערגער ז"ל. ווייטער נעבן בונעם זאנענבליק'ס הויז אויף א מצבה: שיינדל זאנענבליק ז"ל א.א.וו. עס איז צו פארשטיין, אז ליזשענסקער יידן, די לעצטע טראגיש אומגע-קומענע, אונטער דער קומאַנדו פון דייטשן האָבן ארויסגעריסן די מצבות פון די קברים און מיט זיי דעם מאַרק געפלאסטערט, און לויט די מעגלעכקייטן אייניקע מצבות געלייגט נעבן די הייזער וואו די מענטשן האָבן אמאָל געלעבט.

נאָכן טרויעריקן אויסזען פון מאַרק, בין איך געגאַנגען אין דער שוהל-גאָס, א גרעסערע העלפט גאָס צוזאמען מיט דער שוהל, בית המדרש, די קלויז פון רבין ר' חנן אלימלך ז"ל איז אינגאַנצן קיין זכר נישט געבליבן, נאָר די נייע קלויז, וואָס דער רבי ר' ברוכיל האָט אויפגעבויט, האָבן די דייטשן פארוואנדעלט אין א מיהל. די הייזער פון די העברעאישע שולע ביז נאָכן בית המדרש זענען צענומען געוואָרן, און אויף דעם פלאַץ וואָס איז יעצט לעדיק צוזאמען מיט דעם אונטערשטן פלאַץ, וואָס ציט זיך ביז צו אליה מעצקערס הויז, איז יעצט א מאַרק פאר די פוילישע פירן. די הייזער לייבצי ביירילס, יעקל זאלעס, פאלעק גאָלדברענערס זענען איינ-געפאַלענע חורבות. דאָס הקדש איז אין בעסטן אָרדנונג, עס איז באַוווינט דורך צוגערייסטע פאַליאקן פון לעמבערגער געגנט. דאָס באָד שטייט אויך גאַנץ, די פענסטער זענען פארקלאפט מיט ברעטער, די טירן אָפגעשלאָסן. צוריקגייענדיק דורך דער גאָס האָב איך באַמערקט אויף משה ניימאנ'ס הויז, דאָס גאסן שילדל, אויף וועלכן עס איז געווען אַמאָל אויפגעשריבן: אוליצאַ באָזשניצאַ, איז יעצט אויפגע-שריבן „אוליצא רואינא".

* * *

דורכגייענדיק די ריישע גאָס, טויט, ווי אין דער גאַנצער שטאָט. נישט זעענדיק קיין לעבעדיקן מענטש, איז ווי אויסגעוואַקסן פאַר מיר וולאַדעק קאראשינסקי מיט זיין פרוי, דערזעענדיק מיך איז די פרוי ארויס מיט א דערשטיקט געוויין.

— וואו איז דער אָרימער פרומער עקיבא גורפיען. א פרומער ביז גאָר געווען. ער האָט געוואוינט ביי מיר ער האָט געהאָט, האָט ער געצאָלט, האָט ער נישט געהאָט האָב איך נישט גערעט.

וואָס איז געשען, וואָס האָט אונדז געאָרט, אז יידן זענען דאָ געווען.

און די טרערן, אמת'דיקע טרערן זענען פון אירע אויגן גערונען, און דער מאַן איז דערביי געשטאַנען און נישט קיין וואָרט אויסגערעט, נאָר צוגעשאָקעלט טרוי-

עריק מיטן קאָפּ. דאָס זענען די איינציקע קריסטן, וואָס איך האָב באַגעגנט, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן זייער מיטגעפיל צו אונדזער חורבן.

גייענדיק אַראָפּ צו דער וואלאווא, וואו גאלער פּיניע האָט געוווינט, דער טאָל אינגאַנצן פאַרשיט, א אויסגעגלייכטער ברייטער שטח, די גאַס מיטן הייליקן-אָרט, בילדן איין ברייטער שטח.

דאָס צווייטע הויז פון פּיניע גאלער וווינט די קריסטן מאַרגושקאַ גדולה מיט אין זון מאַניעק און טאָכטער זאָשקאַ, א געוועזענע חברטע פון שפּרינצה גאלער, פּעניס טאָכטער. נעבן זייער הויז האָב איך באַמערקט אייניקע קינדער זיך שפּילן. איך האָב זיי געפרעגט, ווער עס געפונט זיך אין שטוב, האָבן זיי געענטפערט, זייער מוטער און באַבציע, כ׳האָב באַלד פאַרשטאַנען ווער זיי זענען און געהייסן זיי אַרויסרופן, באלד איז די מאַרגאָשקע מיט איר טאָכטער זאָשקע אַרויסגעקומען, זיי האָבן מיך גלייך דערקענט און אָנגעהויבן דערציילן פאַרשידענע פּאַסירונגען, איינע ענלעך צו דער צווייטער, וועלכע כ׳האָב זיך שוין געגנוג אָנגעהערט, אַזוי אַז דער קאָפּ איז מיר שוין געוועזן פול פון זיי. איך בין שוין געוואָרן טעמפּ, נישט פיל-באַר געערנדיק די גרויל איינע גרעסער פון דער צווייטער.

נאָכער האָבן זיי אָנגעהויבן ווידער צו דערציילן, ווי זיי זענען געשטאַנען אויף דער שוועל, פון וואנעט זיי האָבן געזען קעגנאיבער אויפן בית-הקברות, האָט אַ דייטש זיך געאַמפּערט מיט צוויי יידישע מיידלעך, איינע איז געווען שפּרינצע,



פּנחס געלער׳ס קינדער

פיני גאלערס טאָכטער, וועלכע האָט אַרויסגענומען פון ביזעם א פעקעלע געלט, אָדער אַנדערע ווערט-זאַכן און געוואָלט זיך אויסלייזן. דער דייטש האָט דאָס צוריקגעוויזן, נישט געוואָלט נעמען. די צווייטע איז געווען ר׳ שאַיע שטילערס ז״ל אַ אייניקל, די וואכהולדערס אַ טאָכטער, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין איין ציילעמען און נישט אויסגעגעבן זיך אַלס יידישע, אָבער ליידער האָט עסביידע גאָרנישט געהאָלפן, דער דייטש האָט זיי ביידע אומגעבראַכט...

דורכגייענדיק די באַן-גאַס, האָב איך באַמערקט, אז אין פאָטאַשערס הויז איז די שענק האָפן, איך בין אריינגעגאַנגען, אורבאַנסקי פון חזר-מאַרק שטייט ביים בופעט און גיסט גלעזלעך משקה פאר פויערים. דערזעענדיק מיך איז ער צו מיר צוגעקומען, זיך באַגריסט, און געבעטן זיצן, ער האָט גלייך געבראַכט אַ פלעשל משקה מיט גלעזלעך און געבעטן איך זאָל מיט אים אויסטרונקען. ער האָט געדענקט אז איך בין אים חושד, אז ער האָט זיך זעלבסט פאראייגנט פאָטאַשערס אייגענטום, האָט ער גלייך אָנגעהויבן דערציילן, אַז יחזקאל פאָטאַשער האָט אים דעם שענק פארדינגען, און ער צאָלט יעדן חודש דירה געלט צו אדוו. יעשאַוויעצקי, וועמען יחזקאל פאָטאַשער האָט געמאַכט פאר אַפיטרופוס איבערן הויז.

אזוי זיצנדיק און שמועסנדיק מיט אים, צווינגענדיק מיך צו טרינקען נאָך אַ גלעזעלע האָט ער מיר אָנגעהויבן צו דערציילן, דאָס אין א שפעטן אָוונט האָט מען צו אים אָנגעקלאַפט אין טיר, עפנענדיק, האָבן זיך אַריינגעשטעלט צוויי געשטאַלטן, דאָס זענען געווען יושה זייבל מיט זיין קוזין, יואל שערס א יונגל, ער האָט זיך דערשראָקן, ווייל ער האָט מורא געהאַט די דייטשן זאָלן זיך נישט באַווייזן, ער האָט זיי געגעבן צו עסן, אויך ברויט מיטגעגעבן. ער האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן צו אים מער נישט קומען, ווייל ער האָט מורא, נאָר יעדער נאַכט וועט ער אין דרויסן פאר זיין שוועל אָוועקלייגן ברויט, און זיי זאָלן ביינאַכט קומען דאָס נעמען, און אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, ביז... זיי האָבן שוין נישט געדאַרפט קיין עסן.

* *
*

ביי א באַגעגעניש מיט מיינס א שול-חבר, האָט ער מיר איבערגעגעבן, אז קורץ פארן סוף פון דער מלחמה, האָט ער געזען, ווי א דייטש האָט געפירט יושע זייוול מיט זיין קוזין יואל שערס יונגל איבערן מאַרק. יושע באַוואַקסן מיט אַ לאַנגע באָרד און שערס יונגל האָט געהאַט צוזאמענגעלייקטע הענט און צווישן זיי אריינגעדריקט א שטיקל ברויט. פירנדיק זיי אויף זייער לעצטן וועג, זאָל יושע האָבנדיק געזאָגט צו זיין מערדער, היינט פירסטו אונדז צום טויט, מאָרגן וועט מען דיך פירן צום טויט.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָבן זיי זיך די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם פון דזיק זאווילסקיס הויז, אין דער ריישער גאַס, זיי האָבן זיך דורך אַ קליינעם נישט פאַרזיכטיקייט פארראַטן, זיי האָבן אַרויסגעהאַנגען צו טריקענען אַפאָר שטיקלעך שמאַטעס, א דייטש איז דורכגעגאַנגען און האָט דאָס באַמערקט, האָט ער זיי גלייך אנטדעקט און זיי גענומען, אוועקגעפירט אונטער בערגערס

גאָרטן, אונטערן פלויט זיי דערשאָסן, זייער קבר געפינט זיך דאָרטן ביזן היינטיקן טאָג.

שעדלאנקע

אויפן מאַרק האָבן מיך באַגעגנט צוויי באַקאַנטע קריסטינס, א מוטער מיט אַ טאָכטער, זייערע נעמען געדענק איך נישט. זיי האָבן מיר דערציילט, דאָס זיי ווויִנען אויף דער שעדלאָווקע אין ר׳ ישראל קעסטען ז״ל (קישקאַלע מאַכער) הויז. אין גאָרטן, אונטערן פענסטער געפינט זיך א פאַמיליען קבר, די קריסטינס האָבן פאַר מיר געוואָלט ארויסווייזן זייער צער, און מיטגעפיל צום יידישן אומגליק, האָבן זיי געזאָגט, אז זיי היטן אָפּ דעם קבר, זיי האָבן אויך פאַרזעצט דארויף בלומען, „און די בלומען וואַקסן זייער שיין״.

אינעם קבר אונטער די „שיינע בלומען״ רוהען: ר׳ ישראל קעסטען, זיין פרוי, די עלטערע טאָכטער און אייניקל, וועלכע די נאַציס האָבן אומגעבראַכט און דאָרט קובר געווען.

אויך זייער צווייטע טאָכטער, פייבל וואַגנערס פרוי און צוויי קינדער, האָבן די רוצחים אומגעבראַכט אין וואַגנערס גאָרטן, און זענען אויך דאָרט צו קבורה געקומען.

אַלטשטאָט

אַ פויער פון אַלטשטאָט האָט מיר דערצויילט, דאָס אין א געוויסן טאָג, האָט מען צוזאמענגענומען אַלע יידן פון אַלטשטאָט, מענער, פרויען און קינדער, מ׳האָט זיי אריינגעטריבן אין גאָרטן פון מיילעך שפיגל, ביי דער סטאַדאָלע האָט מען אויסגעגראָבן אַ גרויסן קבר, מען האָט אלעם אויסגעשאָסן און אריינגעוואָרפן אין דעם מאָסן-קבר.

נאָכדעם, ווי איך האָב שוין געזען אונדזער שטעטל, אין דעם היינטיקן אויסזען, איז מיר נאָר פאַרבליבן צו גיין זען דעם בית הקברות.

צוקומענדיק האָב איך באַמערקט אַ פעלד-וועג, די פויערים פאָרן איבערן הייליקן אָרט אין זייערע דערפער. דעם פלאַץ האָב איך נישט דערקענט. צו איז דאָס אמאָל געווען א בית הקברות!

דער פארקן אינגאַנצן צענומען, קיין שום צייכן געבליבן, די גרויסע געדיכטע בוימער, וועלכע האָבן פארשטעלט די מצבות זענען מיטן וואָרצל ארויסגעריסן צוזאמען מיט די מצבות, קומענדיק זעט מען אַ וויסטן ליידיקן באַרג, אפילו קיין גרעזל וואַקסט נישט.

אזוי ווי איך בין א כהן, און בין קיינמאָל אויפן ליזשענסקער בית-הקברות געגאַנגען, בין איך געשטאַנען פון דער ווייטענס און געקלערט צו איך זאָל ארויפגען, אזוי שטייענדיק, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק — א יידישע לויה; די רולעטן פון די געשעפטן האָבן זיך מיט אַ רעש אָנגעהויבן אראָפּלאָזן, די טירן צו פארקלאפן איינס נאָכן צווייטן, די מענטשן אין לאַנגע איבערצירן; די קעפּ גע-

בויגן צו דער ערד, געשטעלט זיך אין רעדלעך, און יעדער באַזונדער האָט זיך דערמאָנט א שבח נאָכן פארשטאָרבענעם.

פלוצים, א האַרצרייסענד געוויין, די מענטשן הויבן אָן צו מורמלען; מ׳גייט שוין. עס האָט זיך געגעבן א רוק ,ארויס א ארון אין שווארצן געהילט, אויף די אַקסלען פון 4 יידן, און די מלווים האָבן אָנגעהויבן נאָכגיין, אינצווישן האָט זיך באַוויזן דער אַלטער בעגרעבער, מיט צוויי שווארצע ערדענע טעפּ און מיט אַ שטילן טרויער אויסגעזונגען: צדקה תציל ממות, צ.ת.מ. צ.ת.מ. די מלוים האָבן געטאָן די הענט אין די געשענעס, ארויסגענומען קליין געלט, געוואָרפן אין די ערדענע טעפּ.

צוקומענדיק צום טויער פון בית הקברות האָט ר׳ גרשון געשליידערט די טעפּ אויף דער ערד, זיי צעבראָכן, און גענומען אייניקע שאַרבענס דעם מת די אויגן צו פארדעקן.

יאָ, יאָ! דאָס אלעס געהערט צו דער פארגאנגענהייט, עס זענען דאָ געווען יידן, מ׳האָט געלעבט, און עס האָט געהאט ווער צו שטאַרבן. יעצט איז גאָרנישט דאָ. אזוי ווי עס וואָלט דאָ קיינמאָל קיין יידן געווען. איך זע די פארגאַנגענהייט ווי א חלום.

איך באַשליס און גע ארויף אויף דעם „פארוויסטן בערגל״, וועלכעס איז אַמאָל געווען פאַרהייליקט אונטערן נאָמען דאָס „הייליקע אָרט״, איך זיך עפּעס אַ צייכן, אַלע קברים אויסגעגלייכט מיט דער ערד. איך קום צום פּלאַץ ווי עס איז געשטאַנען די מערה פון אונדזער הייליקן רבין ר׳ אלימלך ז״ל, דער קבר אויסגעגלייכט ווי אַלע אַנדערע קברים, קיין שום צייכן נישט צו זען. געבליבן איז נאָר דער פונדאמענט פון דער מערה.

ליזשענסק ת.נ.צ.ב.ה.

מ. ש.

מענדעלע לאַקס׳ס טויט

ביירל מענדל׳ס פאָטער איז מיט זיין משפחה ארויסגעטריבן געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע יידן קיין שינעווע. די מוטער זיינע גיטל לאַקס, וואָס איז געווען פּאַראַליזירט און זיין ברודער עזריאל, וואָס איז געלעגן קראַנק, זענען געבליבן אין ליזשענסק צוזאַמען מיט עזריאל׳ס פרוי און צוויי קליינע קינדער.

אין וועג האָט ער זיך דערוווסט, אַז זיין ברודער איז געשטאָרבן, דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. ער האָט זיך געמאַכט פאָרוורפן, גלייך ווי ער וואָלט שולדיק געווען אין זיין טויט און ער האָט באַשלאָסן שמוגלען די גרעניץ צווישן שיניעווע און ליזשענסק, אריבער צום דייטש, כדי צו ראַטעווען זיין משפחה. דער ווינטער איז דאַן געווען אַ שווערער, ביירל האָט אָפּגעפרוירן די פינגער פון די פיס און אין ריישער שפּיטאָל האָט מען זיי אַראָפּגענומען. א אינוואָליד איז ער פאַרבליבן צוזאַמען מיט זיי אין געטאָ ליזשענסק און אומגעקומען צוזאַמען מיט אלע.

ביירלס פאַמיליע, די פרוי מיט פינף קינדער זענען דערווייל פאַרנומען געוואָרן קיין סיביר אין די וועלדער אויף אַרבעט.

דער עלטסטער זון מענדל, א געזונד בחורל, א לעבענסלוסטיקער האָט אויף זיך גענומען דעם יאָך פון ערנערן די משפחה. אלץ סטאַכאַנאָוויעץ האָט ער נאָכדעם געאַרבעט אין א סאָוויעטישן אַרבעטס-לאַגער און געווען פּריווילֶיגירט. ווען די קריג האָט זיך געענדיקט האָט ער באַקומען א ערלויבניש פאָרן קיין ליזשענסק, כדי אויסגעפונען דעם גורל פון זיין פאָטער, וועלכן ער האָט זייער ליב געהאַט און געגלויבט, אז ער לעבט נאָך.

אין יאַראָסלאָוו אויף דער באַן סטאַציע האָט ער געטראָפן דעם ליזשענסקער שוסטער, דעם בלינדן דזידוך און ער האָט אים געזאָגט, אז דער פאָטער לעבט אין ליזשענסק און ס׳איז כדאי ער זאָל פאָרן אַהין. די יידן אין באַן האָבן אים צוריקגעהאַלטן, אים געוואָרנט ער זאָל נישט פאָרן, אָבער ער האָט געוואָלט גלויבן דעם גוי און איז געפאָרן.

אין ליזשענסק האָט ער זיך באַלד געכאַפּט, אַז דער גוי האָט אים אָפּגענאַרט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטעטל איינזאַם און דערדריקט האָט ער באַמערקט ס׳דרייען זיך ארום אים פאַרדעכטיקע טיפּן. אינצווישן איז די נאַכט צוגעפאַלן און קיין אויסגאַנג פון שטעטל איז נישטאָ. ער איז אריין אין מיליץ און געבעטן מ׳זאָל אים לאָזן איבערנעכטיגן, זיי האָבן אים דאָס ערלויבט, אָבער אין דער נאַכט זענען אַריין די א.ק.-לייט,פאָליאַקן, מיט פינסטערע געוויסנס און אים ארויסגעשלעפּט פון בעט.

ווי דאָס האָט געקאָנט געשען אין דער מיליץ, ווייסט מען נישט. אָבער איינס ווייסט מען: די פוילישע מערדער האָבן אים אַרויסגעפירט צום אַלטן שעכט-הויז אין טאָל אונטער הערצקע באַקונ׳ס הויז און אים דאָרט ערמאָרדעט.

אַזוי איז מענדעלע ביירלס, נעבעך געפאַלן א אומזיסטער קרבן, א קרבן פון פוילישער בלוט דורשט.

מ. שפּרגל

א מעשה מיט א גויע

נאָך דער וועלט-מלחמה האָב איך זיך דערוווּסט, אז אין אַ שטעטל אין נידער-שלעזיע געפינט זיך די גויע, וואָס האָט געאַרבעט אַלס עוזרת ביי מענדל שפּערגל ביז צו דעם קריג. לויט דער ידיעה האָט זי ווידער געאַרבעט ביי יידן. איך בין אַוועק צו דער פרוי, כדי עפּעס וואָס צו הערן איבער די לעצטע טעג און מינוטן פון מיינע אומגעקומענע קרובים.

איך האָב אויך געמיינט, אַז אַלס א קורולובקער אַפּשטאַמיקע דאַרף די קריסטן וויסן אַסך אויך וועגן אַלע ליזשאַנסקער אומגעקומענע.

זי האָט מיר דערציילט זייער ווייניק, אַ קנאַפּרעדנדיקע. איך האָב געדאַרפט אסך אַנשטרענגונג מאַכן, כדי ארויסציען פון איר אַ וואָרט, אָבער לויט איר אַליין, איז זי זייער אָפט געקומען אין געטאָ-ליזשענסק און אויך נאָכער אין געטאָ לעמ-בערג צו מענדל שיען און זיין שוועסטער איטקע שפּערגל.



איטקה שפּרגל און איר מאַן

צווישן אנדערע האָט זי מיר געוויזן די לעצטע בריוו פון איטקען, ווי זי שרייבט איר, אַז זי זאָל זיך דערבאַרמען אויף איר קליין קינד און דאָס קומען ארויסראַטעווען. זי אַליין שרייבט זי — ערוואַרטעט יעדע מינוט די דייטשן, וואָס וועלן מסתמא קומען באַלד און אַלעמען אויסשיסן א.א.וו.

ס'איז געווען א הארצרייסנדע בריוו פון א מאַמע, א יונגע א אָפּגעשלאָסענע פון דער וועלט, וואָס דער טויט וואַרט אויף איר יעדע מינוט און זי אויף אים. דאָס

איינציקע וואָס זי וויל, איז מען זאָל איר יונג פיצעלע קינד אַפּראַטעווען. אויף זיך איז זי מוותר, נאָר דאָס קינד, דאָס ייִנגע עופעלע...

מיט בלוט פון האַרץ איז געשריבן יעדע שורה און בלוט האָט געשפּראָצט פון יעדן וואָרט.

כ׳האָב באַקומען אַ נערוון-אַטאַק אויפן פּלאַץ. פאַר מיינע פאַרפינצטערטע אויגן האָבן געשוועבט די ביידע געשטאַלטן, די אָרעמע מאַמע נעבעך, ווי זי בעט זיך, כ׳וויל באַצאָלן מיט מיין לעבן פאַר מיין קינד. נעמט מיך אָבער לאָזט מיר לעבן דאָס קינדעלע. און דאָס קליינינקע קינדעלע, וואָס די מאַמע האָט עס געוואָלט ראַטעווען און אפשר אפילו צוגעזאָגט, אז זי האָט עפּעס געטאָן וואָס וועט דאָס ראטעווען. און ביידע שטייען פאַר א אָפּגרונט, נישטאָ ווער ס׳זאָל עפּעס טאָן, פאַר א יידישער קלײנינקער נשמה.

כ׳האָב איר אומגעקערט דעם בריוו.

ווען כ׳בין צו זיך געקומען, האָב איך זי געפרעגט: — נו, האָסט עס געראַ-טעוועט?

וויסנדיק גאַנץ גוט דעם ענטפער, האָב איך אויף אים אַפילו נישט געוואַרט. כ׳האָב זיך באַערשט און געבליבן זיצן, כדי צו הערן מערערע פּרטים וועגן דעם טרויעריקן אומגעקומענעם שטעטעלע.

און זי האָט דערציילט איינצלהייטן אָן פאַרבינדונג:

..זי האָט געהאַט אַ פרייען אַריינגאַנג אין געטאָ...

...די שטערנליכטס האָבן איר געגעבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר און געזאָגט: דאַרפן דאָס די דייטשן צונעמען זאָל עס בעסער בלייבן ביי דיר.

...שפרה ניימאַן האָט איר געשענקט א שנור מיט פּערל, מיט א גאָלדענעם שלאָס. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַוועק און געקומען צוריק מיטן שנירל פּערל און געזאָגט:

— נעם עס, איך דאַרף זיי נישט.

כ׳ווייס נישט, אפשר האָט זי נישט געוווסט, וואָס דאָס איז, און אַלס שיינקייט האָט זי עס נישט געפונען, לויט איר געשמאַק. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס האָט זי גע-וואָלט מוותר זיין דערויף.

כ׳האָב עס געהאַלטן אין האַנט, אויפן שלאָס איז געווען א מאָנאָגראַם ש. נ. אין פּוילישער שפּראַך.

כ׳האָב מורא געהאַט דאָס צו נעמען. כ׳בין געווען אויפן וועג קיין ישראל, און נישט געוואָלט ריזיקירן מיט שמוגלען. מיר איז אויך נישט געליגן אין קאָפּ צירונג. טויטע נשמות, טראַגישע זענען מיר געגאַנגען פאַר די אויגן.

נעם עס — האָב איך איר געזאָגט — און באַהאַלט עס, שפרה׳ס זון זענען אין אויסלאַנד, זיי וועלן עס נעמען ביי דיר.

* * *

ס׳זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון איר, אָבער נישט פון אויסלאַנד. זי איז דאָ אין ישראל צווישן אונדז, און בעט מיך כ׳זאָל זי באַזוכן.

יעקב בעלער
(מאָנטריאל)

בערטאַ פערדערבערס-זאַליץ בוך פּאַסט זיך זייער גוט צו דעם ליזשענסקער יזכור-בוך, ווייל סאיז אַ מצבת זכרון ביידע: ליזשענסק און גראַדזיסק. ספּעציעל איז דאָס קאַפּיטל דאָס פּאַסיקסטע פאַרן ליזשענסקער יזכור בוך. די רעצענזיע האָב איך געשריבן פאַר מיין אָפּעראַציע און האָב זי געהאַט בדעה דאַ אָפּצודרוקן, אָבער צוליב מיין קראַנק ווערן און דורכמאַכן די אָפּעראַציע איז זי פאַרבליבן אויף מיין שרייבטיש.

א מצבת זכרון אונזערע היימשטעטלעך: גראַדזיסק און ליזשענסק

בערטאַ זאַליץ'ס בוך: „ווען די זון האָט געשיינט"

איך האָב אויסגעקליבן שרייבן די שורות גראָד ערב יום-כפּור, ווען די כל-נדרי טענער האָבן פאַרוויגט מיין געמיט און די זכרונות פון פאַרשניטענער וועלט, האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן אויסגעשיילט אין מיין זכרון. די שרייבערן האָט זיך אַ צייט לאַנג אויסבאַהאַלטן אין אונדזערע היימשטעטלעך גראַדזיסק און ליזשענסק, וואו זי האָט געהאַט גאָר נאָענטע קרובהשאַפט, און אין שאָטן פון טויט האָט זי אין איר בוך אויך געשטעלט אַ מצבת זכרון אונדזערע אומגעקומענע שטעטלעך.

און די זון האָט געשיינט — דער נאָמען וועלכן די שרייבערן האָט אויסגעקליבן פאַר איר בוך, איז אַ מין פּראָטעסט כלפּי שמים, יונג און אַלט ווערן מיט די שרעקלעכסטע מיתות משונות דערמאָרדעט, אונטער די שרעקלעכסטע יסורים. ספרי תורה'ס, הייליקע ספרים ווערן פאַרברענט פון די נאַצישע מערדערס מיט שפּאָטישע חוזק אויסרופן: „הייליקער מאָזעס — שרייען די נאַצישע בעסטיעס בעת זיי פאַרברענען די הייליקע ספרים" — וואו ביסט דו? העלף דיינע יידן — מיר וועלן זיי שוין העלפן... (זייט 50, און די זון האָט געשיינט)... עס דערמאָנט אין שרייענדן פּראָטעסט פון אונדזער אונפאַרגעסלעכן נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק ע"ה נאָך די פּאָגראָמען אין זיין ליד: בעיר ההרגה; השמש זרחה; השטה פרחה; והשוחט שחט...

בערטאַ זאַליץ-פעדערבער'ס בוך צייכנט זיך אויס מיט זיין אַנדערשקייט פון אַנדערע חורבן ביכער, מיט דעם, וואָס אונטער די שווערסטע איבערלעבונגען און שטענדיקע שרעק פאַרן מאָרגענדיקן טאָג, האָט זי נישט פאַרלוירן דעם חוש פאַר שילדערונגען פון אפילו דורכגעפלאָכטן מיט הומאָר, אירע „יידישע טיפּן און יידישער לעבנסשטייגער" זיינען אַ טיפּן גאַלעריע טאָקע פון מיין היימשטעטל — וואָס איז אונדזער אַלעמענס שטעטל, אין אירע שילדערונגען קומט דער אויסדרוק ווי

אײנע װעלכע זײנען אױסגעגאַנגען פאַר אירע אױגן בעת זי פאַרגעסט אין די אײ־גענע יסורים.

פון אַן אַנדערע זײט װײזט זי אַרױס אַן אומדערשראָקענעם מוט און אַפילו געװאַגטע העלדישקײט, אַפילו אין יענע מינוטן, װען דער טױט איז געשטאַנען פאַר די אױגן.

זי, אַ געפּײניקטע געיאָגטע יידישע פרוי, האָט אין יענע סכנותדיקע מינוטן געװאַגט זיך צו פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער (זײט 52), אױסשפּיאָנירט דעם נאַ־צישן שטאַב און געפירט צו דעם, אַז זעכצן נאַצישע אָפיצירן זײנען דערשאָסן גע־װאָרן. אַ צװײטן מאָל, װען זי קוקט זיך צו, װי פון מענער לאַגער האָט מען אַרױס־געפירט מענער־סקעלעטן. זײ גענומען אין דער גרױסער קעלט אױף אַ „טױטן־מאַרש", כדי אײנשפּאָרן שיס־מאַטעריאַל, צוליב דעם, װאָס די קרעמאַטאָריע איז געװען צו קלײן, נאָכן צוריקברײנגען די גרױסע צאָל טױטע, האָט זי געװאַגט סאַרקאַסטיש פרעגן בײ י נאַצישע אױפזעהערן: איז אין דײטשלאַנד אַ מאַנגל אין שיס־מאַטעריאַל, כדי זײ פאַרמײדן שרעקלעכע יסורים? נאַטירלעך, איז דער ענט־פער געװען, פּעטש און זידלערײען — דו יידיש, אינטעליגענט פּנים — שרײט צו איר די נאַציכע, איך האָב באַלד געזען, אַז דו ביסט צו קלוג, פּרוביר נאָך אײנמאָל...

שפּעטער נאָך דער באַפרײאונג, דאָס אױפזוכן אירע און די שװעסטערס קינ־דער און זײ שפּעטער אַרױסרײסן פון די פּאָליאַקן, װעלכע האָבן זײ שױן פאַרעכנט פאַר אײגענע קינדער, דאָס באַװײזט אױף איר אײזערנע ענערגיע און אױסערגע־װײנלעכן מוט, װאָס האָט זי נישט פאַרלאָזט, אַפילו אין די שװערסטע מינוטן פון איר לײדנסװעג.

דאָס קאַפּיטל „גאָט פון אברהם אין בעלזן בערגן", זײט 132, װען זי דערהערט די תפילה גאָט פון אברהם און זי דערמאָנט זיך אין אירע אידילעשע קינדער־יאָרן, װען די שבתדיקע מנוחה איז פאַרשװינדן און איר מאַמע, האַלטנדיק זי אױף דער שױס, מורמעלט שטיל די תפילה און נאָכגײענדיק נאָכן קול, געפינט זי אַ האַלב טױטע פרוי, מורמלנדיק די תפילה. יענע זאָגט צו איר: „גאָט דאַרף מען ליבן, װאו מזאָל נישט זײן און אױב עס איז שױן פאַר אונדז קײן הילף ניטאָ — זײנען דאָך דאָ יידן אױף דער װעלט און זײ דאַרפן אױך אַ גוטע װאָך". דעם צװײטן שבת — שרײבט זי — איז שױן דאָרט געלעגן אַן אַנדערע קראַנקע פרוי און דאָס זאָגן גאָט פון אברהם איז פאַרשטימט געװאָרן, אָבער, פאַרענדיקט די שרײבערן, אין מיר לעבט עס, און איך װיל, אַז עס זאָל אין מיר קײנמאָל נישט אײנגעשטילט װערן, איז אײנע פון די שײנסטע שילדערונגען אין בוך.

אַזױ איז אױך איר צװײטע שילדערונג, װי זי געזעגנט זיך מיט איר מאַמעס פּערל. װאו זי שילדערט מיט אַזױ פיל נשמה אױסגוס און נאָסטאַלגיע די אַמאָליקע פרײטיק־פאַרנאַכטן, װען די מאַמע אירע האָט געבענשט די שבתדיקע ליכט און דאָס שטערן טיכל אױף איר קאָפּ האָט אַרױפגעשײנט, װי פון אַן אמתער בת־מלכה. װי די שבתדיקע ליכט אין די גאָלדשײנענדיקע מעשענע לײכטער װאַרפן אַ שײן אױף איר באַקרױנטער מאַמען, בעת זי צינד די ליכט, און די שבתדיקע פלעמלעך

פינקלען אַריין אין די אויסגענייטע פערל איז רייך אין שפּראַך. ביידע שילדערונגען דערמאָנען אונדז אַלעמען אין אונדזערע צנועות׳דיקע מאַמעס, ווען זיי האָבן געבעטן, שטיל, ביים ליכט-בענטשן געמורמעלט א תפילה: גאָט זאָל זייערע קינדער פירן אין גוטן וועג... אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק מאַכט אויף אייך, ווען די קריסטן, ביי וועלכע זי האָט איבערגעלאָזט אירע קינדער דערצ״ילט איר נאָכן צוריק קומען א לעבעדיקע, אַז אין זכות פון די פערל, וועלכע זי האָט ביי איר איבערגעלאָזט זיינען די קינדער לעבן געבליבן... און, אַז זי האָט די פערל — פון איר מאַמעס שטערנטיכל, וואָס איז אַריבער בירושה פון דורות אַוועקגעגעבן צו דער קירכע צו באַצירן די הייליקע פיגור פון גאָטס מוטער... און די האַרצרייסענדע סצענע, ווי זי געזעגנט זיך אין קלויסטער מיט די פערל...

ביידע דערמאָנטע שילדערונגען האָבן א שייכות צו דער סביבה אין וועלכע די שרייבערן איז געוואַקסן, איר געבוירן-שטעטל — קאָלבאַשאָוו, ווי אַלע שטעטלעך אין דער סביבה, איז געווען איינגעטונקען אין חסידות, באַרימטע חסידישע רביישע דינאַסטיעס האָבן דאָרט געפּראַוועט זייערע רביישע טישן, אַריינגעבראַכט התלהבות, פרייד און בטחון אין יידישע הערצער און אין יידישע היימען. יידן אין יענע געגענטן, זיינען געווען שטאַרק רעליגיעז און דערצויגן זייערע קינדער אין אמתן יידישן גייסט.

רירענד ביז גאָר איז איר שילדערונג דאָ, ווען דער פויער זאָגט, אַז ער קען נישט באַהאַלטן נאָר איינע פון די צוויי שוועסטערן און זי מיט איר שוועסטער דאַרפן אויסקלייבן, וועלכע פון זיי? (קאַפּיטל 63, „ווי א געיאָגטע חיה״) שווער צו לייענען די שורות און נישט לאָזן א טרער... צוויי שוועסטערן דאַרפן אויסקלייבן: מי לחיים ומי למות?... ביידע זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין איינער פאַר דער אנדערער. די סצענע קריצט זיך איין טיף אין זכרון... לאָזט אייך נישט אָפּ... א מין מאָדערנע עקדת יצחק... איך — טענהט די שרייבערן צו איר עלטערע שוועסטער, איך בין מיט אַכט יאָר יונגער פון דיר, און בין רעגיסטרירט אלס קראַנקן שוועסטער, אפשר וועט מיר געלונגען זיך צו ראַטעווען דאָרט וואוהין זיי וועלן מיך פאַרשיקן. איר שוועסטער האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן, דו — טענה׳ט זי — האָסט דיינע קינדער אוועגעשיקט קיין קראָקע, עס וועט דיר מעגלעך געלונגען זיי צוריקבאַקומען, און זי באַשטימט איר אייגענעם גורל... ביי דעם טראַגישן אָפּשייד, דערציילט בערטאַ זאַלץ, האָט צו איר די שוועסטער געזאָגט: אונדזער גורל איז געחתמעט. מיר גייען צום טויט. אָן אימה אָן פחד, מיט שטאָלץ, וואָס מיר זיינען יידן. אונדזערע ליידן ענדיקן זיך, אָבער דו, מיין אָרעמע שוועסטער, גייסט אויף אַן אויסגעבעטלטע צייט, אויפן גענאַד פון די בלוטדורשטיקע וועלף, צי דו וועסט בלייבן נאָכדעם, ווי דו וועסט זיך האָבן מער געפייניקט איז א גרויסע שאלה, אויב דו וועסט לעבן בלייבן דורך עפּיס א נס, בין איך דיך ווייניקער מקנא, גיי און זיי מצליח, אפשר וואַרטן אויף דיר פליכטן, וועלכע דו דאַרפסט דערפילן — דאָס זיינען געווען איר שוועסטערס לעצטע ווערטער.

אין די שרייבערן פאַרענדיקט דעם האַרצרייסענדן קאַפּיטל: די ווערטער זיי-

נען א שטענדיקער ווידערקול אין מיר... איך האָב שוין טויזנטער מאָל מקנא געווען מיין שוועסטער, ווייל איך לעב מיט דער פאַרגאַנגענהייט. לאָזן מיך נישט אָפּ די אייגענע איבערלעבענישן און פון אלע ארומיקע.

א רייע קאַפּיטלען פון איר בוך ווידמעט די שרייבערן מיין שטעטל גראַדזיסק אין גאַליציע, דאָס קאַפּטל „יידישע טיפּן און יידישער שטייגער" איז אינגאַנצן גע-נומען פון מיין שטעטל וואו זי האָט געהאַט ענגע משפחה פאַרבינדונג און וואו זי האָט זיך א צייט לאַנג אויסבעהאַלטן. אַזוי זיינען אויך די קאַפּיטלען: „שרעק-לעכע טעג אין גראַדזיסק" אין א באַהעלטעניש, ווי א געיאָגטע חיה". די פאַרבינ-דונג מיט די פאַרטיזאַנער, „ליזשענסקער הריגה און גראַדזיסקער מאָרד" און אנ-דערע. זי האָט אַזוי ארום מיר געבראַכט דעם ערשטן גרוס פון מיין חרוב געוואָרע-נעם שטעטל און געשטעלט א מצבת זכרון די אומגעקומענע יידן פון גראַדזיסק און ליזשענסק.

יעדער פון אירע טיפּן, וועלכע זי שילדערט מיט ליבשאַפט, איז מיר נאָענט און רופט אַרויס א פאַנאָראַמע פון פאַרגאַנגענע זכרונות און א נאָגענדיקע בייַנק-שאַפט צו מיין היימשטעטל, וואָס איך טראָג יאָרן אויף מיינע ווייטע וואַנדערוועגן איבער ימ׳ען, שטעט און לענדער. אָט זע איך זיי די לעבעדיקע געשטאַלטן: מינ-דעלע, דאָס פאַרזעסענע מיידל פון שטעטל, וואָס האָט געחלמט פון אַ באַשערטן, ווי אין אַ ראָמאַן, איז געווען מיין תלמידה — דאָס שענסטע מיידל פון שטעטל. נאָך היינט שטייט זי מיר פאַר די אויגן מיט אירע ברייטע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן פאַרביינקטע אַריבערגעקוקט איבער די ארומיקע בערג פון שטעטל. מאיר מענדיס מיט זיין דאַר פערדל, וועלכער האָט געפירט פּאַסאַזשירן צו דער באַן-סטאַנציע און זיך פון דעם מפרנס געווען מיט זיין בני בית. אָט זע איך אים צוזאַ-מען מיט זיין פאָטער מענדי אַרומגעגאַרטלט אין דער לאַנגער בעקעשע, האַלטנדיק א בייטש אין האַנט, ווי ער פלעגט מיר דערלאַנגען דעם ערשטן — שלום עליכם, ווען איך פלעג אויף ימים טובים אַהיים קומען און מיך מוסרן: יענקל — ווילסט נישט זיין קיין לייט...

אָט שטייט פאַר מיר מיין יוגנט-חבר מרדכה׳לע פּתחיה׳ס ווען די נאַציס האָבן באַשטימט פאַרן אויבמאַן פון שטעטל און האָבן אים געשלאָגן מכות רצח פון אים פאַרלאַנגט וואָס מער קאָנטריבוציע פון די יידן אין שטעטל. דערציילט די שרייבערן, ווו ער האָט זיך געהאַלטן מוטיק, און אָט איז מיין שכן טוביה — איר נאָענטער קרוב, ווען די נאַציס האָבן מערדערלעך צעשלאָגן און זי האָט אים געראַטעוועט, כדי מען זאָל אים ערשט שפּעטער אומברענגען... אַן אמת-האַרציקער פאָלקס-מענש, א מין „טוביה דער מילכיקער", וועלכער האָט טאַקע געהאַט אַ מילכיגס. ווען די נאַציס האָבן די דאָרטיקע יידן אָפּגעשאָרן די בערד און פאות, דערציילט דאָרט די שרייבערן, האָבן זיי באַהאַלטן די אָפּגעשאָרענע בערד און פאות אין די קעשענעס און איבערגעלאָזט א צוואה, אז מען זאָל זיי נאָכן טויט באַגראָבן צוזאַמען מיט די בערד און פאות...

אונדזערע שטעטלעך האָבן זיך יאָרן לאַנג פאַרמאַסטן געגן דער אַנשיקעניש,

וואָס רופט זיך „ציוויליזאַציע" און געלעבט א שטיל רואיק לעבן צווישן די בערג און טייכן. געפּראַוועט היימישע חתונות, אויף וועלכע דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך משמח געווען, באַווײנט די לויות האָבן אַלע — אפילו פרעמדע. די שטעטלעך האָבן אַראָפּגעוואָרפן די וואָכעדיקייט, ווען דער פלאַנטשער אָדער ראַזוואַדאָווער רבי פלעגט קומען אויף שבת, און יידן האָבן אים נאָכן טיש פּראַוועון געפירט פון בית המדרש מיט באַלויכטענע שטורקאַצן. ביים רביק'ס טיש האָבן יידן אַראָפּגע-וואָרפן אַלע זאָרגן און זיך דערהויבן צו א שענערע העכערע וועלט פון בטחון און פרייד, זיך צעטאַנצט אין די שטעטלדיקע בלאָטעס אין א התלהבותדיקן טאַנץ.

ווען דער ציוניזם האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזערע שטעטלעך האָבן די זון און טעכטער פון די רבייאישע חסידים מיטן זעלבן ברען געטאַנצט חלוצישע טענץ, און שפּעטער זיך צעפּאָרן איבער דער גרויסער ברייטער וועלט. געווען אַמאָל צוויי שטעטלעך אין גאַליציע און ניטאָ מער... ווי די שרייבערן הויבט אָן איר קאַפּיטל — „די ליקווידאַציע פון די צאן קדושים" — זאָלן די שורות זיין א מצבת זכרון אונדזערע היימשטעטלעך — גראַדזיסק און ליזשענסק.

מ. שפּרגל

בערטאַ זאַלץ און איר בוך

צופעליק איז מיר אונטערגעקומען צו לעזן דאָס בוך „און די זון האָט גע-שיינט". געשריבן פון פרוי בערטאַ פערדערבער-זאַלץ.

דאָס בוך האָט זי געשריבן שוין נאָך דער מלחמה, וואו זי באַשרייבט אירע זכרונות, איר אַדורכלעבן אונטער דער דייטשער אקופּאציע, אינעם בוך געפונען זיך צוויי קאַפּיטלעך וועגן ליזשענסק.

מיט דער ערלויבניש פון דער שרייבערין אין אַמעריקע, גיב איך איבער וואָרט ביי וואָרט פון דעם בוך:

1. „איינער פון די חסידי אומות העולם". ביי וועמען איר שוועסטערן טאָכטער האָט זיך אויסבעהאלטן אין ליזשנסק.

2. „ליזשענסקער הריגה אין גרודזיסקער מאָרד".

ביי געלעגנהייט גיב איך איבער אין די קורצסטע שילדערונגען ווער די שרייבערין פונעם בוך איז, ווי אזוי זי קומט צו באַשרייבן וועגן דער ליזשענסקער הריגה.

בערטאַ פערבערגער-זאַלץ איז געבוירן אין קולבישוב, א אוראייניקל פון לי-זשענסקער שוחט ר' ישראל-צבי ז"ל. וועלכער איז געווען שוחט אין ליזשענסק אין דער ערשטער העלפט פונעם 19-טן יאָר הונדערט.

אלע יאָרן ביז צום וועלט-חורבן 1939-טן יאָר האָט זי געלעבט מיט איר מאַן און צוויי טעכטערלעך אין קראָקע, ווען די דייטשע רוצחים זענען אַריינגעקומען, גייען זיי מיט אַלע יידן אין געטאָ (פּודגוזשע).

זיי האָבן געהאַט קרובים אין גרודזיסק, פון וועלכע זיי האָבן באַקומען בריוו, זיי זאָלן קומען קיין גרודזיסק, ווייל גראַדזיסק איז אַ קליין שטעטעלע און די דייטשן וועלן דאָרטן נישט קומען, ווייל אויך אין דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט דאָס שטעטל נישט געליטן.

די פרוי זאַלץ מיט אירע צוויי קינדערלעך ווי אויך איר שוועסטער מיט דריי קינדער האָבן אָנפאַנגס יאָר 1941 באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם געטאָ און זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין גראַדזיסק, דאָרטן האָבן זיי דורגעלעבט 20 מאָנאַטן, ביז די דייטשע באַנדיטן זענען אין אַ שיינעם זומער-טאָג אין חודש אוגוסט 1942, אויך קיין גראַדזיסק געקומען.

זיי האָבן גלייך צוזאַמענגעטריבן דאָס ביסל אָרעמע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער. צווישן זיי אויך איר שוועסטער, שוואָגער מיט זייערס א יינגל און גלייך אָוועקגעפירט קיין בעלזעץ.

אין דער צייט איז פרוי זאַלץ געווען באַהאַלטן ביי אַן אָרעמען פויער אויפן בוידעם, פון וואַנען זי האָט געזען דורך די שפּאַרעס דעם לעצטן וועג צום אומקום פון גראַדזיסקער יידנטום.

אין אוגוסט 1942 איז זי מיט שווערער מיה צוריקגעקומען אין קראָקעווער

געטאָ, צו איר מאַן און קינדער. דעם וועג איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן, אין יענע צייטן, אַלס ייִדישע, צו פאָרן מיט דער באַן.

פון געטאָ האָט מען זי נאָכדעם פארשיקט אין פלאַשאָווער לאַגער אין חודש נאָוועמבער 1944 קיין אוישוויץ, ענדע דעצעמבער קיין בערגן-בעלזן, און דאָרטן ווערט זי באַפרייט דורך די ענגלענדער.

ר׳ אלימלך׳ס שטעטל

אליהו נדל

ווען כ׳געדענק ליזשענסק...

אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגען, אַלץ וואָס איז אַריבער, איז מער נישטאָ, א חוץ — פארשטייט זיך — דער גרויליקער אומקום פון אונדזערע נאָענטע און טייערע, דאָס אַלץ אַנטפּלעקט זיך שפּעטער אין זכרון, עס איז אינטערעסאַנט און פראַכטפול, אזוי אז אפילו שווערע פערזענלעכע איבערלעבענישן און טיפע מענטשלעכעליידן רוט אַיבער זיי שפּעטער דאָס ליכט פון צאַרטער בענקשאַפט אין א אידעאַליזירטער פארגאנגענהייט. אזוי איז שוין דאָס מענטשלעכע האַרץ; עס האָט ליב און איז פאַרבענקט אין דעם, וואָס איז געווען אמאָל און איז אַוועק אויף אייביק. אפילו ווען דער היינט איז בעסער, בעקוועמער, ליכטיקער ווי דער נעכטן.

אייגנטלעך איז אין דעם נישטאָ קיין חידוש, דער „אַמאָל" איז אונדזער קינד-הייט, אונדזער יוגנט, אונדזער הערלעכע וועלט פון טרוימען און חלומות, וואָסזשע איז דער וואונדער, וואָס עס בענקט זיך צו זיי? וואָס אונדזער זכרון שעפּט פון זיי פולע הויפנס מיט אַנטציקונג, בענקעניש און באַרייכונג?

איך בין זיך אָפן מודה, אז פון דעם טאָג אָן אין וועלכן איך בין געקומען צו מיין אייגענעם שכל — צו מיין גליק אָדער צער, איז דאָס געווען זייער פרי —



די „תרבות" שולע מיטן לערער בראָמבערג

האָב איך געשטרעבט מיט אלע מיינע כוחות צו אנטלויפן פון אונדזער שטעטל. די נישט זיכערקייט אין וועלכע די יידן האָבן געלעבט אין אונדזער שטעטל ליזשענסק האָבן מיך געטריבן אַוועק, אַוועק ווייטער פון ליזשענסק.

פון איין זייט האָב איך שטאַרק ליב געהאַט דאָס לאַנד, דאָס פארשאָלטענע פויליש לאַנד, דאָס שיינע, ד.ה. די פעלדער, וועלדער. די פראַסטיקע באַשנייטע לבנה נעכט איןווינטער און דעם זאַנפטן מחיהדיקן פרימאָרגן פון פוילישן הערבסט. איך האָב דורשטיק געטרונקען פון די קוואַלן פון דער פוילישער ליטעראטור און פאָעזיען.

פון דער אַנדערער זייט האָב איך זיך געפילט, אז איך שפרייז אויף א פרעמ-דער ערד, אז דער מאָרגן איז אויסזיכטלאָזער און האָפנונגסלאָזער און פינסטערער ווי די נעכט און וואָס ווייטער אלץ ערגער.

נישט געקוקט אויף דעם שווערן קאַמף פאר א שטיקל ברויט, פאר פרנסה. נישט געקוקט אויף דער עקאָנאָמישער נויט און שנאה פון דעם פוילישן פאָלק, זענען מיר יידן געווען פארייניקט אויף פארשידענע נאַציאָנאַלע-ציוניסטישע אָר-גאַניזאַציע אין אונדזער שטעטל ליזשענסק, וואָס איז געווען דאָס רינגעלע אין דער גאָלדענער קייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון דער וועלט פון אָלע אידעען, אויפפאסונגען און אידעאלן, וועלכע האָבן אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 20-טן יאָרהונדערט באַהערשט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און אפילו די גאנצע וועלט.

אין ליזשענסק איז געווען א געזונטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין וועלכער אלע יוגנט אָרגאַניזאַציעס זענען געווען פאַרטראָטן. א „תרבות"-געזעלשאַפט וואו ס'איז געווען אַ הערלעכע ביבליאָטעק מיט טויזנטער ביכער אין עברית, יידיש און פויליש.

עס איז אויך געווען אגודיסטן און קאָמוניסטן אין דעם קליינעם יידישן ישוב אין ליזשענסק און יעדער איינער האָט געגלויבט אין זיין וועג און אין זיין אידעאַל. יעדער איינער האָט מיט עקשנות און מסירות נפש אַגיטירט פאר זיינע איבערצייי-גונגען, אַזוי אז היינט וואָלט זיך גאָרנישט געגלויבט, אז עס איז מעגלעך געווען. יעדער איינער האָט זיך געשאַפן א אנדער וועלט, אַ גייסטיקע, א אידעאישע אין וועלכע ער האָט זיך געפילט פריי און זיכער, און זי האָט אים געדינט אלס בעסערע צוקונפט און טרוים צו דעם פערזענלעכן אויסלייז און גאולה.

היינט ווען איך קער מיין בליק צו דער פארגאנגענהייט, דאַכט זיך מיר, אז די שטרייטונגען, דיסקוסיעס און מיינונגס-פארשידנהייטן זענען געווען צום גוטן, זיי האָבן דערוועקט לעבנס-כוחות, זיי האָבן ענדעקט מעלות, חסרונות, נייגונגען פון יעדן און פארטיפערט די אָפשאַצונג פון מענטש און אויסגעארבעט אַ רייך-פארביִגע געזעלשאַפט. שיין זענען געווען די יידישע שטרייטן און וכוחים, זייער שיין.

געווען א מאָל א יידיש ליזשענסק מיט לייד און פרייד, מיט שאַפן און גלויבן און האָפנונג, געווען א ליזשענסק פון שיינע מענטשלעכע חלומות און די האַנט, וואָס האָט עס אומגעבראַכט מוז שטיין פאר א שווערן מאָראַל-מענטשלעכן געריכט.

יחיאל שנייד

ליזשענסק, מיין שטעטל

אין אמתן, בין איך נישט אַ געבוירענער ליזשענסקער, בין נישט דאָרט גע-גאנגען אין חדר אַריין און נישט אין דעם שטעטל מיינע יינגלעשע יאָרן פאַרשפּילט, אויך קיין חברים פונעם שטעטלעשן חדר נישט געקענט און דאָך איז מיר די שטאָט מיט אירע מענטשן, אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן וווינען אין ווייטע, פרעמדע מדינות, פיל איך נאָך אַ וואַרעם היימישקייט און שטאַרק בענקע-ניש צו דעם ליבן שטעטל, ווי אַ דאָרט געבוירענער, וואָס וועט עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די וועלט זאָגט אַן אמת'דיקן ווערטל, „דער ערשטע איינדרוק איז דער בעסטע" ווייל דער פון דער פרעמד אָנגעקומענער מענטש, זעט די מעלות און חסרונות אָביעקטיווער אַלס דער היימישער תושב, וואָס איז צו אַלעם צוגעוויינט און קלערט נישט נאָך דאַריבער, מהאי טעמא ווערט ער אויס מבין.

וועגן מיר, דעם עכט-בטלנישן ישיבה-בחור, וואָס האָט געגלויבט, אַז הונטער דער שטאָט, מחוץ לעירוב איז עק-וועלט, האָבן זיך שדכנים און גלאָט-ליידיגייערס, גאָר פרי מתעסק געווען. זייענדיק קוים 16-יאָר אַלט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינ-קומען צו אונדז וועגן אַ „פּאַרטי". עס פלעגן אויך קומען צופאָרן מענטשן פון פרעמדע שטעטלעך, צומאָל מיט „פּאַרהערער" און געשמועסט מיט מיינע עלטערן. מיר האָט מען קיינמאָל נישט דערציילט, וועגן וואָס די מענטשן קומען און דאָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי יאָר, ביז אַ ליזשענסקער שדכן האָט אויסגעפירט דעם שידוך און פאַרדינט זיין שדכנות. די חתונה האָט מען אָבגעלייגט אויף צוויי יאָר שפּעטער, כאָטש מען האָט געוווסט, אַז ביים אַלט ווערן פון 21 יאָר, מוז איך זיך שטעלן צום מיליטער.

***

ווען איך בין געקומען צו דער חתונה, איז מיר דאָס שטעטל און אירע מענטשן געפעלן, בלויז שוין וועגן דעם ריינקייט אין די גאַסן, ווי אין די געסלעך און אוליצעס. איך האָב עס פאַרגליכן מיט אַנדערע שטעט, וואָס איך האָב שוין געקענט, וואו דאָס אָרימקייט האָט זיך געוויזן העסלעך און שמוציק. ביי מיר האָט אַזאַ זוי-בערקייט נושא-חן געווען, איך האָב עס אָנגענומען פאַר אַ סימן פון אָרענטלעכקייט.

ליזשענסק איז שוין זייט דורות געווען באַרימט אין דער יידישע וועלט, זייט דעם רבין אלימלך, דעם מחבר פון ספר „נועם אלימלך", וואָס האָט געוווינט אין ליזשענסק. (געבוירן אין יאָר 1717), וואָס איז געווען מפורסם אלס צדיק און גע-שאַפן אַ נייעם דרך אין חסידות.

אויף די הויפּט-באַן-ליניע פון דער אַלטע עסטרייכישע מלוכה, טשערנאָוויץ-לעמבערג - פּשעמיסל - טאַרנאָוו - קראָקע - ווין, איז געווען, נאָך יאַראָסלאַוו די באַן-סטאַציע פּשעוואָרסק. די רעגירונג האָט זיך אָבער געוואָלט צוריקן צו דער פּויליש-רוסישע גרענעץ און געבויט די פּאַראַלעל-באַן פּשעוואָרסק - טאַרנאָוו,

מיט דער כוונה, זי זאָל נוצליך זיין אין אַ שפּעטערע מלחמה, אויב זי וועט אַמאָל קומען. די ערשטע באַן-סטאַציע נאָך פּשעוואָרסק איז געווען ליזשענסק, די ווייטע-רע, רודניק, טאַרנאָבזשעג וכו'. צו די אַרומיקע שטעטלעך, ווי שיניעווע וכו' האָט מען געמוזט פאָרן מיט די בעלי-עגלות.

*
* *

דער רינגפּלאַץ איז געווען דער צענטער פון דער שטאָט און פונעם מסחר, דאָרט איז געווען דער מאַגיסטראַט, דאָס געריכט, אויך דער וואַכנמאַרק און די ירידים. די געוועלבער זענען נאָך געווען אויפן אַלטן שטייגער געבויט, אַלט-מאָדיש אָן וויטרינעס און שויפענסטער, וואו עס וועדט אַרויסגעלייגט סחורות, די פאַרבייגיי-ענדיקע זאָלן זען און קונים זאָלן אַריינקומען קויפן. אויב עס איז נישט געווען וואָס צו טון, האָט מען זיך אויף א קעסטל אַנידערגעזעצט פאַר דער טיר, ביז עס איז אָנגעקומען אַ קונה און געוואָלט אַריין.

פונעם רינעק, די גאַס וואָס פירט צום באַנהויף און אויך די גאַס וואָס האָט זיך געצויגן, אויפן טראַקט ביז „וויגאָדא", זענען אויך געווען גערעכנט אַלס אַ גע-שעפטס-געגנט, וואו עס זענען פול מיט לייטישע געשעפטן.

אויפן רינעק זענען די הייזער עפּ"י רוב געווען איינשטאָקיקע קאַמעניצעס, נאָר אין די איבריקע גאַסן זענען די הייזער קליינער געווען און לייכטער געבויט. דער היגיענישע מצב איז איבעראַל געווען גוט, אָרענטלעך און זויבער.

פאַרשטייט זיך, אַז כמעט אַלע האָבן זיך אָבגעגעבן מיט מסחר און מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז געווען אַזאַ גרויסע שפע מיט אַ לייכט פאַרדינען, ניין, אַזוי גרינג איז די פרנסה נישט אָנגעקומען, צו עשירות האָט עס זעלטן ווער געבראַכט, אָבער עס איז נישט געווען אַזוי שאַרף די קאָנקורענץ און גרויס דער געטומל. מען האָט זיך נישט געקריגט און געשאָלטן מיט טויטע קללות, פאַר אַ אויסגעכאַפּטן פּויער, עס איז תמיד געווען שטיל און רואיק אין שטעטל.

אויך די געשעפטן זענען געווען בעסער לויט די בראַנזשן פאַרטיילט. מען האָט זיך נישט געמוזט רייסן איבער א דורכגייענדיקן קונה. דערפאַר איז אויך געווען ווייניקער קנאה-שנאה אין שטאָט. געווען ספּעציעלע געוועלבער, שענקען פאַר פּויערן, שניטהאַנדלונגען, אייזן און קאַך-געשיר-געוועלבער, פּאַפּיר און אַנדערע אַרטיקלען, אַלע צעוואָרפן, נישט נעבנאייננאַנדער.

*
* *

אויך די בעלי-מלאכות האָבן עס גאַנץ גוט געהאַט, געווען קצבים, פריזערע, שניידער און שניידערין, שוסטער, בעקער א.ז.וו. וואָס האָבן נישט אַזוי שווער גע-מוזט אַרבעטן. דער גורם איז געווען, וואָס דער פּויער האָט געלעבט אין בעסערע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. בעסערע ווי די מזרח-גאַליצישע פּויערן, האָבן אונ-דזערע פּויערן געהאַט פיל מער צום פאַרקויפן און געקאָנט פאַר זיך אויך מער איינקויפן, וואָס ער האָט געברויכט, דאָס שטעטל האָט פון דעם פּראָפּעטירט און געהאַט פרנסה.

כמעט אַלע סוחרים, פשוטע יידן, האָבן זיך געפירט ווי זייערע אבות, שטיל און בכבוד, נישט געווען קיין אַנזעצער און קיין אויפשניידער, אָדער אויסברענגער, מען האָט געהאַלטן פעסט די מטבעה און געלעבט במנוחה.

דעם שטעטל האָט לפי דעתי געפעלט אַ טייך, וואו מען זאָל זיך קענען באָדן אים זומער און האָבן פיש לכבוד שבת. צום „סאַן" איז געווען א ווייטער מהלך און פיש האָט מען געברענגט נאָר קליינע פלאַטעצעס, וועלכע מען האָט ערגעץ-אנדערש נישט געקענט פטור ווערן. אויך מיט ווייַן האָט אונדז דער ווייַנשענקער נישט גוט פארזאָרגט און במקום אמתן ווייַן האָט ער פארקויפט צו קידוש עכטן אונגארישן עסיק.

און אַזויווי דאָס שטעטל איז געווען נאָענט צו דער רוסיש-פּוילישע גרענעץ, פלעגן זיך אָפטערס ווייזן שמוגלער, וואָס האָבן פאַרקויפט פארשידענע דאָרטיקע סחורות און איינגעקויפט אנדערע זאַכן צום מיטנעמען. געזוכט האָבן זיי שטענדיק רעוואָלווערס, פּאַטראָנען און שיספּולווער און איך דערמאָן זיך, אַז ביים פארקויפן אַזעלכע זאַכן איז א בעל-בתישע פרוי אומגעקומען.

* * *

א שטיק וועגס ווייט פון דער שטאָט, א מהלך רב פון צענטר, מיטן וועג וואָס פירט צום באַנהויף און נאָך ווייטער, האָט זיך אין משך פון יאָרן געשאַפן א יידיש ווינפערטל, מען האָט עס גערופן — הינטערן קלויסטער.

גענוי ווייס איך נישט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן, עס מוז אָבער שוין זיין א גוזמא פון יאָרן צוריק, ווען מען האָט אויפן שטח פון אַ פּאָלוואַרעק גענומען בויען אַ גרויס קלויסטער מיט אַן א שיעור בנינים פאַר א סעמינאַר פון 400 גלחים און זייערע משרתים און העלפער.

צווישן די מיעשטשאַנעס און דאָרפס-פויערן פון נאָענט און ווייט, האָט מען צעטראָגן אַ לעגענדע פון א מעשה מיט א נס און ווען די בנינים זענען פאַרטיק געוואָרן, פלעגן יעדעס יאָר אָנקומען טויזנטער פון עולה-רגלניקעס, פויערן פון ווייטע דערפער, אין גרופּן צו פיס, זיך רייניקן אין דעם קלויסטער און געניסן פון זייערע הייליקייטן, וועלכע מען האָט פאַר דעם צוועק צוגעגרייט. די דאָזיקע פּיל-גער-מאַסע פלעגן בלייבן עטלעכע טעג און אויסגעבן פיל געלד, ביז זיי זענען אויפן זעלבן וועג, צוריק אַהיים געגאַנגען.

א חוץ פאַר עסן און טרינקען, האָבן זיי איינגעקויפט אַלערליי זאַכן, ווי צלמים, קרעלן, הייליגע בילדער, און אַנדערע קלייניקייטן פון גאָלד, זילבער און בלעך, אַלס אָנדענקען מיטצונעמען.

האָבן זיך יידן, וואָס זייער סוחרישע חוש האָט זיי אַהין געצויגן, זיך דאָרטן באַזעצט און גענומען האַנדלען מיט אַזעלכע סחורות, געעפנט שענקען און געהאָט פרנסה. אַזאַ עולם איז הונגעריק און דורשטיק, איז אויך טאַקע געווען פדיון בשפע.

ווען עס איז געוואָרן א מנין, האָט מען זיך פאַרזאָרגט מיט א שילעכל, א מקום-קדוש צוזאמענצוקומען זיך, ווייל עס איז נישט מעגלעך געווען גיין דאַווע-נען אין שטאָט אריין. אינטערעסאַנט איז, אז איך האָב אין משך פון יאָרן, קיינ-

מאָל נישט באַמערקט אַ שנאה, אָדער אַ פּאַראַכטונג לגבי דעם קליינעם מנין, וואָס האָט דאָרט געוווינט, וועגן זייערע מסחרים מיט צלמים וכדומה.

***

פון קהל און פונעם דעמאָלדיקן לעבנס-שטייגער, האָב איך נישט פיל צום דערציילן, עס זענען שוין פיל יאָרן פאַראיבער, שטורמישע יאָרן, פול מיט היסטאָרישע געשעענישן, רעוואָלוציעס, מלחמות און איבערקערענישן, וואָס האָבן חרוב געמאַכט גאַנצע לענדער, אַ וועלט איז איבערגעקערט געוואָרן און אָבגעווישט אַלע יענע זכרונות, פונעם לעבן-שטייגער אין אַ קליין גאַליציש שטעטל, ובכן וועל איך דערציילן פון דעם, וואָס איך האָב נאָך באַהאַלטן אין זכרון.

אָנגעקומען בין איך אין שטעטל, לויטן גויעשן לוח, אין יאָר 1903. די שטאָט מיט אירע מענטשן זענען מיר געפעלן, וועגן דעם רואיקן מיטאיינאַנדער לעבן. איך האָב נישט באַגעגנט יענע נערוועזע טיפּן, קפדנים, וואָס זענען שטענדיק אָנגעלאָדן מיט טענות און מחלוקת-שטימונגען, יענע אויפגערעגטע נאַטורן, וואָס האָבן ליב אַ געטומל און אַ געקריג, לפי דעתי זענען אַזעלכע קריטיקער, אַ נגע-צרעת אין שטעטל.

פון די אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ איז נישטאָ וואָס צו דערציילן, זיי זענען געווען צו וויניק און האָבן זיך קיינמאָל נישט אַריינגעמישט אין יידישע ענינים. בכלל זענען געווען אַ אַדוואָקאָט מיט זיין פּאַרטנערטער, אַ צוויי בעאַמטע און אַ טיראַרצט. דער איינציקער וואָס האָט זיך יאָ אַריינגעמישט אין יידישע ענינים איז געווען דער מעטריקע-פירער, וואָס האָט איינגעשריבן די ניי-געבוירענע און אויסגעשריבן די געשטאָרבענע און אַמאָל אין יובל, אַרויסגעגעבן עמיצן „פּאַפּירן".

צווישן די בעלי-בתים און די חסידים איז נישט געווען קיין שום אונטערשייד, הן אין די קליידונג והן אין זייערע מנהגים און לעבענס-שטייגער. אויך צווישן די חסידים וואָס זענען געפאָרן צו פאַרשידענע רבּיים, איז קיין מחלוקת געווען. אפילו די אייניקלעך פונעם „נועם אלימלך", וואָס האָבן געהאַט אַן אייגן קלייזל און געפּראַוועט „טישן", האָבן זיך פאַרהאַלטן רואיק, נישט געווען קיין תקיפים און קיינעם נישט זאַטשעפּעט.

שאַרפע מתנגדים און קנאישע חסידים זענען דעמאָלט אין שטאָט נישט געווען. אַלע, סיי די חסידים, סיי די בעלי-בתים האָבן זיך געפירט יידישלעך און געלעבט לויט דער מסורת פון זייערע אבות, מיטן זעלבן נוסח. קיינער האָט נישט געמערקט דאָס אָנקומען פון אַ נייע צייט מיט פּראָבלעמען, וואָס לאָזן זיך נישט לייכט מיט דער האַנט אָוועקמאַכן. בלויז איינער איז געווען וואָס האָט באַצויגן אַ צייטונג, וואָס איז געווען אַ פּוילישע און אַ אַנטיסעמיטישע, דערפאַר האָט קיינער נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, נישט געוווסט פון פּאָליטיק און פון דער יידישע לאַגע בכלל. און אז מען ווייסט נישט, האָט מען קיין עגמת-נפש און מען קאָן לעבן במנוחה אָן זאָרגן, געמיטלעך.

אויך די יוגענטלעכע, דער נייע דור, האָט נאָך נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, נאָך נישט געהערט פון פּאַרטייען, פאַראיינען, פּאָליטיק און דיס-

קוסיעס, ליטעראטור און סאָציאַליזם ובפרט פון דעמאָנסטראַציעס. קיין השגה געהאַט, וואָס עס פּאַסירט אין די גרויסע שטעט, פון פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן ביי וועלכע די יוגענטלעכע העלפן מיט.

אינעם בית-המדרש האָבן געדאַוונט די „פּני״ פון דער שטאָט, די נגידים, די לומדים און זייערס גלייכן. דער גרעסטע מיוחס איז דעמאָלט געווען רב נפתלי-חיים האָלענדער, א ייד אן עושר, וואָס האָט געהאַט די פּראָפעסיע א חוץ אנ-דערע מסחרים. געפירט א נגידיש-חסידיש הויז, געהאַט דערוואַקסענע קינדער, אן איידעם פון א רבנישע גזע און זיין חתן-בחור איז געווען דער איינציקע אין דער סביבה, וואָס האָט אים זומער און ווינטער געטראָגן א קאָלפּאַק אַנשטאָט א קאַפּע-ליש.

אויך דער ראש הקהל ר׳ נפתלי וויינמאַן און די אַנדערע פרנסים האָבן דאָרט געדאַוונט, מען האָט זיי ביי עליות אַבגעגעבן געגוג כבוד, עס האָט זיך קיינער נישט געקענט באַקלאָגן. דערפאַר האָבן יענע מתפללים, וואָס האָבן נישט געהאַט א זיצפּלאַץ און געמוזט אין גרויס ענגשאַפט שטיין ביים דאַוונען, האָבן זעלטן באַקומען פון דעם כבוד.

עס איז מיר נישט געפעלן, דאָס קליינע ספרים-שאַפקעלע ביי דער מעריב-וואַנט פון בית-המדרש, מיט דעם ביסל ספרים צום לערנען. האָב איך דאָך יאָרן-לאַנג געלערנט אין א בית-המדרש, וואו אַלע ווענט זענען געווען פול מיט ספרים, לכל הפחות ביי די צענטויזנט בענדער, ש״ס׳ן און שו״ת, דרוש, קבלה, מוסר-ספ-רים און אסך יוקר-המציאותן.

נישט ווייט אַוועק איז געשטאַנען די שיל, וואו עס האָבן געדאַוונט די קליינערע סוחרים, בעל-מלאכות און דער פשוטער עולם, יעדער האָט געהאַט אַ זיץ-פּלאַץ און עס איז געווען געראַמיקער ביים דאַוונען.

אינעם קלייזל פונעם רבין אלימלך׳ס אייניקלעך, האָבן אויך אַלע מתפללים געקאָנט זיצן און באַקומען כבוד. א יעדער האָט זיך אַרויסגעזען, ווייל מען האָט דאָרטן געלייגט דעם טראָפּ נישט אויף לומדות, נאָר אויף חסידות, וואָס האָט געהאַט א שטאַרקן כוח-המושך פאַר חסידישע יינגעלייט.

דעם אַלטן רב האָב איך נישט געקענט, ער איז באַלד נאָך מיין אַנקומען נפטר געוואָרן אלס אַ זקן ושבע ימים. זיין ממלא מקום, אלס דיין איז געבליבן רב שמואל בירנבוים, וועמען מען האָט גערופן שמואל טשיטשער, ווייל ער איז געקומען פון דעם שטעטל טשיטש.

פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען, וויל איך דאַ דערציילן.

* * *

נאָך דער פטירה פון אַלטן רב, האָט זיך געשאַפן אַ פּריקרע סיטואַציע, וועגן דעם. דער רוב פון שטעטל האָט חשק געהאַט אויפצונעמען א נייעם רב און עס האָט זיך אויך אָנגערופן א קאַנדידאַט אויף דעם פּאָסטן, וואָס האָט געוואָלט געבן דער קהילה צען-טויזנט גולדן במקום „חזקה״-געלד און די עשרת אלפים כסף האָט מען שטאַרק נויטיק געדאַרפט האָבן פאַרן פּאַרטיק מאַכן די באָד. האָט זיך אָבער נפתלי-

חיים איינגעשפּאַרט און געווען געגן און פאַרלאַנגט, מען זאָל אויפנעמען דעם טשעשענאָווער רבי. האָט מען זיך נישט געקענט אייניקן און מורא האָבנדיק פאַר א מחלוקת, האָט מען באַשלאָסן, דאָס רב שמואל זאָל אלס דיין בלייבן דעם רבנ׳ס ממלא-מקום.

חברות ווי אין אַנדערע שטעט, זענען נישט געווען, מען האָט געהערט פון א חברה „לינה", וואָס האָט גאַרנישט געטון, נאָר איינמאָל אין יאָר געמאַכט א סעודה פאַר אירע מיטגלידער, אַזוי אויך פון דער חברא קדישא, איז נישטאָ וואָס צו שרייבן.

דערלויבט מיר זאָגן אָ פּאָר ווערטער, וועגן צוויי אינסטיטוציעס, וואָס האָבן ביי אונדז נישט עקזיסטירט, דאָס זענען: דער „הקדש" און דעם „תלמוד-תורה-חדר", וואָס זענען געווען א שאַנד-פלעק פאר דער שטאָט.

פון די „תלמוד-תורה" חדרים האָט מען קיין נחת נישט געקענט האָבן, צוקו-קנדיק ווי אַזוי ידישע קינדערלעך פאַרברענגען זייערע יינגע יאָרן, האָט דאָס האַרץ געריסן פאר ווייטיק. אַזאַ לאַרם און געפּילדער, אין א זעלכער נישט היגיעניש'ער, שמוציקער סביבה, מיט קפּדנישע מלמדים און בעלפער, האָט דעם קינד געשאָדט צום געזונט, קערפּערלעך און גייסטיק, און ווייל איז דעם שטעטל, וואָס איז פאַר-שווינט געבליבן דערפון.

איבעראל איז דאָס „הקדש" געווען א שרעקלעך אָרט פון עפּוש און שמוץ, אומריינקייט און הקדש-פאסקוצטווע. נישט נאָר אינווייניק אין די חדרים, נאָר אויך אויפן שטח ארום און ארום. עס איז נישט מעגלעך געווען אדורכצוגיין אין יענעם געסל.

א סך שטעטלעך האָבן שטאַרק געליטן פון די ארחי-פרחי, קבצנים וואָס פלעגן אָנקומען פון ערגעץ און געגאַנגען פון שטוב צו שטוב צו נעמען נדבות פון פּרוטות אָדער גרייצערס, פאר וועלכע דאָס „הקדש" איז געווען במקום א האָטעל. די איי-ביקע נע-ונד׳ניקעס פלעגן פּרייטיק צו נאַכט וואַרטן אין די בתי-מדרשים, א בעל-בית זאָל זיי צו זיך נעמען, אלס אורח לשבת. פון דעם אלעם האָב איך אין לי-זשענסק קיינמאָל נישט געזען און דאָס האָט דעם שטעטל מער חן געגעבן.

* * *

די פאַרלאַמענט־וואַלן

אינעם יאָר 1907, אין די סוף-זומער חדשים, האָבן געזאָלט זיין וואַלן צום ווינער פאַרלאמענט. ליזשענסק-רודניק - טאַרנאָבזשעג און נאָך עטלעכע קליינע ארומיקע שטעטלעך, זענען געווען איין וואַל-קרייז צום ווילן אן אָפּגעאָרדנעטן. דער קרייז האָט געהאַט א יידישע מערהייט און די נאַציאָנאַלע פירער האָבן באַ-שלאָסן, צום ערשטן מאָל, אויפצושטעלן א ידישן קאַנדידאַטן אין אונדזער קרייז.

* אין משך פון יאָרן איז יאָ געגרינדעט געוואָרן א הקדש. (רעדאקציע).

די פּוילישע שליאַכטע איז געווען אָנגאַניזירט אינעם "קאַלאַ פּאָלסקי", צום פּאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן אינעם ווינער פּאַרלאַמענט. אויס באַרעכנונג און „רחמנות" האָבן זיי צוגעלאָזט צוויי אָדער דריי יידישע אָפּגעאָרדנעטע, בתנאי זיי זאָלן בלייבן אין קלוב און זייערע פּאָליטיק אונטערשטיצן.

יענע אסימילירטע יידן, זענען תמיד געווילט געוואָרן מיטן כוח פונעם „קאַלאַ-פּאָלסקי" און די סטאַראָסטוועס מיט זייערע בעאַמטע.

אין משך פון יענע יאָרן, האָבן די גאַליציאַנער יידן דערפילט די שווערע האַנט פונעם שונא און האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, גענומען זיך אינטערעסירן פאַר אַ אייגענע פּאָליטיק. מען האָט אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן פאַר אַ יידישע פּאָליטיק, וואָס זאָל שוצן אייגענע רעכטן.


די נאַציאָנאַלע-ציוניסטישע וואַל-קאָמיסיע האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן, צום ערשטן מאָל, אין די בעצירקן וואו עס איז פאַראַן אַ יידישע מערהייט, אַ ליסטע פון אייגענע קאַנדידאַטן. פאַרן ליזשענסקער וואַלקרייז האָט קאַנדידירט דער פּשעמישלער רב, הרב גדליה שמעלקעס, דער געגן-קאַנדידאַט פון דער „קאַלאַ-פּאָלסקי" איז געווען פּראָפעסאָר באַבזשינסקי, א שונא ישראל. אודאי איז עס געווען אַ גרויס וואָגעניש, זיך אנטקעגנצושטעלן דעם סטאַראָסטווא און די רעגירונגס-כוחות, קעגן די גלחים מיט זייערע העלפער, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַזוינע זאַכן גענוג געלד און פּראָפּאַגאַנדע-כוחות, אפילו צווישן די מה-יפית-יידן, וועלכע האָבן זיי געהאָלפן.

דאָס לעמבערגער טאָגבלאַט פון 25.7.1907 ברענגט א ידיעה פון ליזשענסק, בזה"ל: הער משה פאַרשטענדיק האָט פריי ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז די ליזשענסקער יידן וועלן נישט וויילן דעם אַנטיסעמיטן באַבזשינסקי און אַז עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט צום אונטערשטיצן דעם יידישן קאַנדידאַט פון פאָלגענדע בעלי-בתים; מענדל ראַטמאַן, משה פאַרשטענדיק, זלמן נאַרציזענפעלד, מלך שטיינבאַק, שמעלקע הארוויץ, מענדל-בער פילץ, בערל וואנדער, בערל שטרויך, איטשע הויזער און אהרן-משה ריכנטאַל.


ווען הרב שמעלקעס איז געקומען צו אונדז האלטן זיין קאַנדידאַטן-רעדע, האָט אים כמעט די גאַנצע שטאָט מקבל פנים געווען און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, וואָס זענען געווען אמתע, דברים היוצאים מן הלב און אים צוגעזאָגט אַלע אונדזערע שטימען.

דער רעזולטאַט פון דער דעמאָלדיקע וואַל-מלחמה איז געווען; אַז פון די אַלע קאַנדידאַטן זענען געווילט געוואָרן בלויז פיר אבגעאָרדנעטע, וואָס האָבן געשאַפן דעם „יידישן קלוב" אינעם ווינער פאַרלאַמענט. די איבעריקע, דאַרונטער אויך אונדזער קאַנדידאַט, זענען אַדורכגעפאַלן.

די פאַרלוירענע וואַלן האָבן קיינעם נישט איבעראשט און אויך נישט דערשלאָגן מאָראַליש, אַלע האָבן געוווסט, אַז פאַר אַ התחלה איז עס געווען אַ נצחון און נישט אַ נידערלאַגע, אַ נצחון איז אין יענע יאָרן געווען שוין דאָס וואָגעניש, זיך אנטקעגנצושטעלן דעם „קאַלאַ-פּאָלסקי", נישט מורא האָבן פאַרן סטאַראָסטווע



בערל שטרויך'ס פרוי ז"ל



בערל שטרויך ז"ל

און דעם בירגערמייסטער אָדער נאַטשאַלניק. יידן האָבן אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר סטראַשען מיט רדיפות.

יעדער האָט געוווסט וויאזוי מען „מאַכט" וואַלן אין גאַליציע, די „שליאכטע" האָט זיך אן עצה געגעבן מיט א אָפּאָזיציאָנעלן קאַנדידאַט, עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום פּראָטעסט.

אין דראָהאָביטש האָט קאַנדידירט דער אַסימילירטער ייד דר. לעווענשטיין קעגן דעם ציוניסטישן קאַנדידאַט. עס איז געקומען צו גרויסע געשלעגן, שיסערייען און בלוטפאַרגיסן, דער פּאָלאַק האָט „געמוזט" זיגן.

* * *

נו, וויל איך דערציילן פון דער גרויסע שריפה. געשען איז עס אין יאָר 1906, עטלעכע טעג פאַר תשעה-באב. דער זומער איז געווען אַ הייסער, מיט גאָר ווייניק רעגן-טעג און די שינדל-דעכער מיט די האָלצהייזער, זענען געווען טרוקן ווי שווע-בעלעך. אין איינעם אַ טאָג, ווען די פרימאָרגן-זון האָט שוין אָנגעזאָגט אַ הייסן טאָג, ווען די מענטשן האָבן זיך גענומען צו זייערע ארבעטן, האָט זיך דערהערט דער רעש פון די פייערלעשער, וואָס פאָרן צו א שריפה.

דער עולם איז געוואָרן נייגעריק און געזוכט שפורן אויפן הימל און דערקענט לויטן אויפשטייגענדן רויך, אז עס ברענט אויף די פשעדמיעסטשע וואָס פירט צום באַנהויף. זענען געווען נייגעריקע, וואָס האָבן געהאַט צייט און אהין געלאָפן זען און אפשר מיט עפּעס העלפן ראטעווען, אויך איך וואָס האָב געהאט פּראקטיקע אין

אזעלכע זאַכן, בין מיטגעגאַנגען דאָרט געטראָפן אַ הייזל ברענען און מענטשן העלפן ביים ראַטעווען. אַ סכנה פאַר די שכנים איז נישט געווען, ווייל עס איז געווען גאַנץ איזאָלירט מיט געגנוג בוימער אַרום.

באַלד קומען מענטשן צו לויפן פון דער שטאָט און שרייען, מען זאָל גיך אַהיים גיין. אַ האַלאָוועשקע (פונקן) פון דעם הויז האָט דער ווינט אַריבערגעטראָגן אויפן דאַך פון האַלענדערס קאַמעניצע און דער דאַך ברענט שוין.

דערהערט די נייעס, האָב איך פאַר שרעק גענומען משונהדיק לויפן, איך בין דאַך אויף עטלעכע מינוט אַרויסגעגאַנגען און איבערגעלאָזט מיין קינד שלאָפענדיק אין וויגל און איך ווין אין אַ דעפאַרטעמענט נעבן האַלענדערס הויז. ביי מיין אָנ-קומען, האָב איך געטראָפן די משפחה ביים ראַטעווען, אַרויסשלעפענדיק שטובזאַכן און זיי אַרויסטראָגן אויפן הויף.

זיי זענען באַלד אַנטלאָפן מיטנעמענדיק דאָס קינד און איך האָב זיך ערשט גענומען צו דער אַרבעט. דורך דעם פענסטער האָב איך געקענט זען, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. דער דאַך האָט זיך נאָך נישט ריכטיג צוברענט אָבער אַלע האָבן אַרויסגעשלעפט זאַכן פון זייערע שטובער און די געשרייען זענען געווען עד לב השמים, שרעקלעכער איז נישט מעגלעך.

דאָס פייער האָט אָנגעהויבן זיך פאַרברייטן און קיינער האָט נישט גענומען לעשן דאָס פייער.

מען האָט אויך נישט געקענט לעשן. דער איינציקע ברונעם אין מיטן פון רינעק, איז געווען אַן אַלטמאָדישער און מיט דעם ביסל וואַסער וואָס מען באַקומט פון אים, נאָכן דרייען אַ ראָד עטלעכע מינוט, ביז דאָס פעסל מיט וואַסער קומט אַרויף, האָט מען גאָר נישט געקענט אויפטאָן. די פייערלעשער זענען געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט און נישט געקאָנט העלפן.

דאָס פייער וואָס האָט זיך מתחילה, פאַמעלעך צעברייטערט, האָט באַלד גע-נומען שנעלע שריט, אויף די שכנישע הייזער צוערשט און האָט באַלד זיך אַריבער-געכאַפּט אויף וויטערע בנינים און שוין ציט עס זיך אין די נעבנגעסלעך. ווען דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט אין אַלע זייטן, האָט מען זיך געאיילט צו אַנט-לויפן פון דער שטאָט אַרויס אויף די פעלדער.

די שטוב-זאַכן וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן און זיי געלאָזט ליגן אויפן רינג-פּלאַץ, זענען שפּעטער פאַרברענט געוואָרן. אויך די זאַכן וואָס מען האָט אַראָבגע-טראָגן אין קעלער אַריין, זענען געוואָרן אש.

דאָס פייער האָט אַרומגענומען די שטאָט. אַלע האָבן געמוזט אַנטלויפן אַרויס אויף די פעלדער. די היץ איז געווען נישט אויסצוהאַלטן, פון ווייטענס האָט מען בלויז געזען דעם געדעכטן שוואַרצן רויך, וואָס האָט אַלץ פאַרשטעלט און פאַר-שלייערט. די פרויען האָבן געוויינט און די קינדער-געשרייען האָבן די שווערע ביטערע שטימונגען נאָך מער פאַרערגערט.

פון צוריקגיין אין שטאָט אַריין, האָט קיינער נישט געגלויבט, האָט זיך דאָך דאָס פייער נאָך מיטאָג נאָכמער צופלאַקערט, איז מען געבליבן נעכטיקן אויף די

פעלדער. אן בעטגעוואַנט, אויף דער הוילער ערד.

די גאַנצע נאַכט איז דער הימל געווען רויט פון די פלאַמען, ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן זיך די מאַנסבילן געגומען גיין אין שטאָט אַריין, זען וואָס עס טוט זיך. די ערשטע זון-שטראַלן האָבן באַשיינט א חורבה, פאַרסאַדזעטע ווענט און שוואַרצע קוימענס, א טויטע שטאָט. דאָס פייער האָט אַלץ פאַרניכטעט, פון אַלעם געמאַכט אש, אויף פאַרשידענע ערטער האָט נאָך פייער געטליעט.

אויף די פעלדער האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע יללה און דאָס קינדער-געשריי. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַלע זענען געווען אין זומערקליידונג, געשלאָפן אָדער געלעגן אויף דער הוילער ערד, זיך געלייגט אָן וועטשערע און ווען די קינדער האָבן געבעטן עסן, האָט קיינער נישט געהאַט א ביסל מילך אָדער אַ זעמל פאַר זיי.

האָט מען אָנגעהויבן לויפן אין די פשעדמיעשטשעס, מאַנכע זענען געגאַנגען אַזש אין אַ דאָרף זוכן עפעס צום עסן. די מענער, זעענדיק, אז עס איז זיי גאָרנישט געבליבן, האָבן זיך געאיילט זוכן אין די פאַרשטעט, ליידיקע שטובער, א קאַמער צו האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

שנעל האָט מען זיך גענומען צו דער ארבעט, סוחרים האָבן פון די נאָענטע שטעט געבראַכט אַלערליי נויטיקע אַרטיקל, ווי גלאָז און קאַך-געשיר וכדומה. מען האָט גענומען רייניקן די פלעצער, איינגעקויפט האָלץ און ברעטער און אָנגעהויבן בויען בודקעס. במקום געוועלבער. מען האָט באַקומען פון ריישע אָדער פון יעריסלאַוו פרישע סחורה און ווידער אָנגעהויבן די אלטע פרשה, מיט דעם בטחון, אַז הש״ת וועט ווייטער העלפן.

אויב מען האָט באַקומען הילף פון די שכנות-שטעטלעך ווייס איך נישט, איך דערמאָן זיך בלויז, אַז די אייזנבאַן-דירעקציע האָט געשיקט א באַאַמטן צום פאַר-טיילן באַן-קאַרטן בחנם. ווער עס האָט געוואָלט, האָט באַקומען בחנם אַ באַן-בילעט און געקענט פאָרן וואוהין ער האָט געוואָלט, אויף אַלע באַנען פון דער מלוכה. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיי גענומען און געקאָנט אַוועקשיקן שטובמענטשן צו קרובים, וואָס וווינען אין אַנדערע שטעט, דאָרט צו בלייבן ביז די לאַגע וועט זיך בעסערן.

* * *

איך איבערחזר דאָס, וואָס איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז ביים אָנקומען, איז מיר דאָס שטעטל גאָר געפעלן און די בעל-בתים אויך. די נגי-דים, די סוחרים, די חסידים, די בעל-מלאכות און סתם-יידן, אַלע האָבן זיך געהאַלטן רואיק און אָרדענטלעך. עס האָבן בכלל געפעלט די נעגאַטיווע טיפּן, וואָס זענען ווי צרעת אין א שטאָט, וועלכע מען קאָן נישט פטור ווערן, למשל, א גנב, א מסור, אָדער גלאַט אן עזות-פנים.

אָנקומענדיק אַהין בין איך שוין געווען א „געכאַפּטער״, דאָס מיינט, אַז איך האָב נאָך אַזויפיל יאָרן לערנען תורה לשמה, אַריינגעטון אין חסידות נוסח בעלז מיט גרויס בטלנות, האָב איך געפונען אַ וועג אַרויסצוקומען פון מיין וועלט-

פרעמדקייט און אָנגעהויבן לייענען א צייטונג, לערנען פרעמדע שפּראַכן און לסוף געגומען לייענען ספרים׳לעך, וועלכע די חסידים האָבן גערופן טריפה-פסול.

פארשטייט זיך, אז איך האָב זיך געמוזט היטן מיט אַלעם, טאַקע פאַר די אייגענע שטוב-מענטשן און דער משפחה, וועלכע זענען געווען אפגעהיטן פרום און נישט פארשטאַנען פון אזעלכע ענינים. ווערט אַזאַ סוד נתגלה, וועט די משפחה איינגעמען בושות מיט מיר און דער „שלום-בית״ קאָן צעשטערט ווערן.

אין די גרויסע שטעט האָט זיך שוין דעמאָלט שטאַרק געטומעלט, סאָציאַליזם, ציוניזם, שיבת-ציון, קולטור, פּראָגרעס וכו׳. די יוגנט איז פייער און פלאַם, פירט דיסקוסיעס, מען רעדט נאָר פון פּאָליטיק און פּראָבלעמען. און דאָ שלאָפט מען נאָך געשמאַק, מען ווייסט פון גאָרנישט. צייטונגען קומען נישט אָן, קיינער איז נייגע-ריק צו וויסן, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, נישט די עלטערע און אויך נישט די בחורים, דאָס יינגוואַרג.

דעם איינציקן משכיל וואָס איך האָב אָנגעטראָפן, דעם בחור שאול ענגעל-בערג, וואָס האָט שוין טועם געווען פונעם עץ-הדעת, האָט חתונה געהאַט און איז, צום באַדויערן, באַלד אַוועק קיין קראָקאָ וווינען.

געווען אויך א צווי-דריי עלטערע אינטעליגענטע, מיט מאָדערנע השגות און השכלה טענדענצן, זענען זיי אָבער געווען באַהאַלטענע מיט קיינעם נישט דעבאַ-טירט, קיין קאָנטאַקט געהאַט מיט בחורים און אפילו נישט באַגריפן די שטרעמונ-גען פונעם נייעם דור.

דערמאָן איך זיך אין משה פאַרשטענדיק, וואָס האָט געהאַט אַ באַנק און גע-לייענט דעם „סלאָוואָ פּאָלסקי״, אַן אַנטיסעמיטיש בלאַט פון לעמבערג, וואָס האָט ער געקאָנט וויסן פון דער צייטונג? און פון וואַנעט זאָלן די יוגנטלעכע קענען וויסן, אַז אַ נייע צייט רוקט אָן מיט נייע אידעען.

אין דער משפּחה איז געווען א בחור, רב שבתי מילער׳ס אן אייניקל, מיטן נאָמען שלום פוסמאַן, אַן אויפגעוועקטער און נישט קיין בטלן, פלעגט ער מיר נאָכקוקן און נישט אָבגעטרעטן פון מיין זייט. האָט ער באַלד דערשמעקט, אַז איך באַקום א צייטונג, דעם „המגיד״, אָדער „המצפה״ פון קראָקאָ. איך האָב אים נישט געקאָנט פטרן און געגעבן די בלעטער צום לייענען. פאַרשטייט זיך, אַז אין האָב אים געמוזט ערשט אַריינפירן און דערקלערן, וועגן וואָס עס האַנדעלט זיך.

ווען ער האָט אָנגעהויבן בעסער צו פאַרשטיין, האָט ער זיך נישט געקענט באַהערשן און געגומען דערציילן פאַר זיינע חברים. ער האָט זיי אַפילו מגלה סוד געווען, אז איך שרייב פאַר צייטונגען און חתמע זיך אויך מיט מיין פּסעדאָנים, אי״ש ליזשענסק.

אוודאי בין איך נישט געווען מיט דעם צעפרידן, נאָר דאַדורך האָט זיך אָנגע-הויבן צו שאַפן אַ קרייז, די ערשטע גרופּע בחורים, וואָס האָבן זיך באַגייסטערט פונעם רעיון הציוני. מען האָט דיסקוטירט אין גאַס אָדער אויפן וועג צום וועלדל, ווייל צו גרינדן אַ פאַראיין „ציון״ מיט א לאָקאַל און אויפטרעטן עפנטלעך, זענען די ווינציקע כוחות געווען צו שוואַך. דער ווינציקע אָנהויב, האָט אָבער אָנגעזאָגט,

אַז די גרופּע וועט נישט מער רוען, נאָר ווייטער ארבעטן.

צום דיסטריקט-צוזאמענפאָר איז טאַרנאָוו, דעם ערשטן נאָוועמבער 1908, האָב איך געזאָלט אַלס אַ דעלעגאַט אַהין פאָרן, נאָר איך האָב אָפּגעזאָגט, איז דאָך די גרופּע געווען ווינציג און שוואך און עס האָט נישט געלוינט מאַכן די הוצאות.

* * *

מיינע זכרונות ענדיקן זיך. עס איז מעגלעך, אז איך האָב במשך הזמן, וויכטיקע פאַסירונגען פאַרגעסן, זאָל עס מיר נישט גערעכנט ווערן פאַר א עבירה. זייט יענע שטילע יאָרן, האָט אונדזער דור איבערלעבט וועלט-מלחמות, שריפות, רדיפות און גרויזאַמע רציחות, באַגלייט מיט א שווער נע-ונד לעבן. מען מוז צופרידן זיין, ווען מען האָט זיך אין די שטורם-יאָרן נישט פאַרלוירן. ספרים, צייטונגען, בריוו און נאָטיצן פון יענע יאָרן, זענען אויף דעם וואַנדער-וועג פאַרלוירן געגאַנגען.

און ווען איך דערמאָן זיך איצט,ביים שרייבן פון די שורות, אַז אין מיין ליב שטעטל ליזשענסק, זענען נישטאָ מער קיין יידן, אז מען האָט עס חרוב געמאַכט, צערויבט און די ווילע בעל-בתים אַוועקגעפירט צום שטאַרבן, ווערט מיין האַרץ פון צער צעריסן און עס מאַכט מיך טרויעריק ביז א פאַרצווייפלונג. נישטאָ קיין טרייסט-ווערטער פאַר אַזאַ גרויזאַמען סוף. די האַנט און די פעדער מיינע, ציטערן פון גרויס ווייטיק.

איך וועל מיין שטעטל קיינמאָל נישט פאַרגעסן און די דערהרגעטע פריינד אודאי נישט, הי"ד ותנצב"ה.



אין די מחנות אין דייטשלאַנד האָט מען אזכרות געמאַכט ליזשענסק

ישעיהו קירשנבוים
(מאָנטריאַל)

דער גרויסער טאָג כ״א אדר

פאַר יונגוואַרק איז עס געווען א גרויסע איבערלעבונג, ממש א יום-טוב אויף וועלכן מען האָט געוואַרט כמעט פון חנוכה אָן.

דער טאָג האָט געהאַט אין זיך גרויסעס, ערשטענס די גרויסע צאָל אַנגעקומענע. א שטעטל פון 600 משפחות ווערט פלוצים פאַרפילט מיט טויזנטער נייע פנימער פון אלע עקן וועלט. פון עסטרייך-אימפעריע זענען געקומען אפילו נישט חסידים מארכה ורחבה. א מענטש טרינקט זיך כאַפּט ער זיך אָן אפילו אין א שווערד. צרות ביי יידן האָבן קיינמאָל נישט געפעלט און דער רבי האָט געלאָזט א צוואה, אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר מיט א בקשה וועט נישט אַוועק ליידיק. האָט מען געבעטן פרנסה, א שידוך וואָס מען האָט שוין געטאָן און ער קען זיך צעגיין,



ביים קבר פון ר׳ אלימלך
אין צענטער: דער אָסטראָווצער רבי

איינער האָט געהאַט א מחוש, וואָס דאָקטוירים האָבן זיך מתיאש געווען פון אים היילן. איינער זענען זיינע קינדער אַרויס לתרבות רעה, געוואָרן ציוניסטן, אָנגעהויבן לעזען ברדיטשבסקי, גורדון, פרישמן און דער רבי, ער נאָר קען דעם דיבוק אַרויסטרייבן פון זיי. ס׳זענען אויך געקומען יידן גבירים קיין עין הרע, בעטן משיח זאָל שוין קומען און זיי זאָלן אויסגעלייזט ווערן אין א יידישער מדינה מיט זייער געלט.

געקומען זענען אויך מענגעס מיט חסידים פון אַנדערע מדינות, געקליידעט דייטשמעריש נישט צום פארשטיין און געוועקט חשד פון פארשטעלטע סטרא-אַחראניקעס ביז מען האָט אין רעדן מיט זיי געזען, אז דאָס זענען אמתע חסידים, כשרע. זיי זענען פון האָלאַנד, ענגלאַנד און אפילו פון אמעריקע. זיי האָבן אויך געוווּסט פון רבינס צוואה, ביי דער געלעגנהייט האָט מען זיך געזען אויך יעדער מיט זיין לעבעדיקן רבי פון פוילן און אנדערע פלעצער.

* * *

די גרעסטע מחנה איז געקומען פון רוסלאַנד. דאָס פאָרן פון רוסלאַנד קיין עסטרייך איז געווען אזאך פון קדוש השם, קיין פאספאָרט האָט א ייד נישט געקענט באקומען, איז ער... פשוט געפאָרן אויף „שווארץ״, אַרויס נאָר פון רוסישן גיהנום, האָט מען אים אין פראנץ-יאָזעפס ליבעראלער מדינה פארלייכטעט דאָס אַריינקומען ובפרט ווען מ׳האָט געוווּסט אז ס׳איז כ״א אדר שמוגלערס.

אזוי איז מען געקומען ברכב וברגל מיט גרויס גלויבן און מיט שווערע הערצער... קיין ליזשענסק.

די הויפט-געסט, אָבער, לויט אונדז יונגוואַרג, זענען געווען די אומאַנער חסידים, די „טויטע חסידים״ פון ר׳ נחמן בראסלאווער, וועלכע האָבן קיין רבין נישט געהאַט לויט דער צוואה פון זייער רבין. אָבער צו ר׳ אלימלך׳ס קבר האָבן זיי זיך ערלויבט צו קומען און דוקא מאַסנווייז. זיי האָבן געשמוגעלט די גרענעץ ערגעץ נעבן אולאַנאָוו, א ערך 28 ק״מ פון ליזשענסק און זענען מיט ראַזוואָדאָווער באַן געקומען פון ניסקאָ.

מיר פלעגן וויסן מער וועניקער ווען זיי קומען און מיר זענען געלאָפן צו דער באַן, א קילומעטער פון שטאָט צו פוס און זיי אָפגעוואַרט.

ווייט נאָך פון דער סטאַציע האָט מען שוין געהערט קולות און קלאַנגען און ווען די באַן האָט זיך דערנעענט האָבן די קולות זיך פארשטאַרקט און צעגאָסן און ס׳האָט זיך געערט א געזאנג א אונאויפהערליכעס. טאַנצנדיק, זינגענדיק זענען זיי אַראָפּ פון די וואגאָנען, אויסגעשיט זיך און באלד זיך צוזאמענגעאָקסעלט צו זעקס, צו אַכט און אזוי אין געפלאָכטענע כנופיות אָנגעקומען זינגענדיק, טאַנצנדיק אין שטעטל אריין.

מנגנים זענען זיי געווען גוטע. דער רבי ביים לעבן האָט אָנגעזאָגט „עבדו את ד׳ בשמחה״. איז געווען א מחיה צו הערן זייער זיס-טרויעריק-התלהבות געזאַנג. דאַן האָבן מיר קונדסים זיך אריינגעפלאָכטן צווישן זיי און מיטגעטאַנצט מיט זיי

אין שטאָט אריין. די אומאַנער זענען נישט געגאַנגען אויף טראָטואַרן בלויז. זיי האָבן פארפלייצט די שאָסייען און מיר מיט זיי, א מחיה. נישט איינמאָל האָט א פערד זיך דערשראָקן און גאַלאָפּירט אויף צוריק אָן דעם בעל-העגלה.

אויסער דעם האָבן מיר יונגווארג גלאָט ליב געהאַט דעם כ״א אדר, ער איז געווען א יומא דפגרא פונעם חדר. דער רבי איז געווען נאָך מער פון אונדז פארטאָן אין דעם יומא קדישא מיט אורחים, מיט רביים, מיט געלט-פּישקעס. און — ועל כולם — די שטוב אליין ביי יעדן יינגל אין דער היים איז געווען יום-טובדיקער ווי תמיד. אומעטום זענען געסט געווען, האָט מען א גאַנצן טאָג געטיילט עסן. האָט זיך גערודעוועט. א אנדער סאָרט לעבן.

די געסט טייל פון זיי זענען אוועק אויפן „ציון״, אנדערע זענען שוין צוריקגעקומען פון פרי ביז נאַכט. ביז חצות. מיט ליכט, מיט לאמטערנס איז מען געגאַנגען, אבי אַנצוקומען צום אוהל.

די מאַמעס האָבן מיט דריי טעג פריער אַנגעהויבן צו באַקען, דאָס בעסטע געבעקס, אייערקיכל, ראגאלעך, פריסנע געבעקסן און דער עיקר — פלאָדן. ער ליגט מיר ביז היינט נאָך אין טעם, דער זיסער פלאָדן, ווי די מאַמע האָט אים באַהאַלטן, האָב איך אים געפונען און גוט צורעכט געמאַכט איידער וואָס און ווען.

די געסט האָבן זיך געהאַט יעדער זיינע באַקאַנטע, וואָס זיי האָבן מיטגעבראכט און האָבן איבערגעלאָזט די פעקלעך אין די הייזער, ביז זיי וועלן צוריקקומען פון „ציון״. ווען זיי זענען צוריק פון קבר געקומען, מיד פון גרויסן גערדראַנג, זענען זיי שוין געווען באַזאָרגט מיט „קאָסט און קוואַרטיר״ ביזן אוועקפאָרן.

כ״א אדר זענען זיך אויך משפחות צוזאמענגעפאָרן און אָפּגעשטאָט וויזיטן ביי יעדן מיטגליד פון משפחה. האָט מען דאַן ארויסגעשלעפט דעם יין המשומר, וואָס איז געלעגן אין קעלער און צוגעגרייט צום גרויסן טאָג במחשבה תחילה, און צו אים דאָס אתרוג איינגעמאַכץ, וואָס באַלד נאָך סוכות האָט מען אים אָפּגעפּרעגעלט און ספּעציעל געהאַלטן פאר דעם געשעעניש.

עס פלעגן אויך קומען קיין ליזשענסק גרויסע רביים, צווישן זיי דער סאנדזער, דער ראדאמישלער, דזשיקאָווער, פלאנטשער און ראַזוואַדאָווער. איך געדענק אפילו אז דער בעלזער ר׳ ישכר בער אַליין פלעגט קומען. ער האָט געהאַט אסך חסידים אין שטאָט און ווען ער פלעגט אָנקומען און אוועקפאָרן האָט מען די באַן פארהאַלטן, חסידים מענגעס האָבן זי באַלאַגערט און מען האָט זי מורא געהאַט צו רירן ס׳זאָל קיין אומגליק נישט פאסירן.

איך געדענק אן עפּיזאָדע פון קינדער יאָרן, פארבונדן מיט דעם טאָג. אין 1910 אָדער עלעף, איז מיין מאַמע מיט מיר אוועק צום טוטשנער רבין אויף ווערלכן מען האָט געזאָגט, אז ער קאָן קיין צורת מטבע נישט, ווען מיין מוטער האָט אים געגעבן א פדיון, האָט ער איר צוריקגעגעבן א זשמיט מיט מטבעות פאר מזל, דער גערדראַנג דאָרט איז געווען גרויס האָט זי די קמע-וואלוטעס אריינגעוואָרפן אין קעשענע ווו זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט אנדערע, פשוטע מאַנעטעס. נישט קענענדיק שפּעטער פונאַנדערשיידן צווישן זיי דעם רבינס מטבעות האָט זי אלע געל-

טעלעך אריינגעלייגט אין א בייטעלע, דאָס פארקניפּט און פארבונדן און אוועקגע-לייגט לדורות.

* * *

דער „אהל" די „מערה" פון רבין ר׳ אלימלך איז געווען באַלד ווי מ׳איז אַרויף אויפן בית עולם. א קליין אַלט הייזקעלע, שוין אַביסל משופּעדיק, די טיר צום אַריינגעגען א נידריקע, מען האָט זיך געמוזט איינבויגן און דערצו אראָפּגעגן א טרעפּל אָדער צוויי. מיר דוכט זיך, אז די „מערה" איז שוין געווען איינגעזינקען. אין שטיבל — צוויי צימערלעך. אין ערשטן זענען געווען 3 אָדער 4 קברים מיט מצבות, צווישן זיי געדענק איך איינעם, א ר׳ נפתלי, (דאָס אייניקל פון רבין — רעד.). די מצבות זענען געשטאַנען ארט ביינאַנדער, אין צווייטן חדר איז געלעגן ער אַליין דער גרויסער ר׳ אלימלך. דער קבר איז געווען ארומגעצוימט מיט א האָלצערנער באַ-ריערע מיט האָלצערנע שטאַנגן אין אַלע פיר ווענט.

צו קאָפּענס האָבן געפעלט עטלעכע שטאַנגן, מענטשן האָבן תמיד זיך אָנגע-בויגן דעם קאָפּ אריינגעריקט, כדי זיך אויסוויינען גלייך אויפן רבינס הייליקן קאָפּ, האָבן די שטענגלעך נישט אויסגעהאַלטן דעם יאָרן לאַנגן קאָפּ-געדראַנג. יעדער האָט נאָכן וויינען אַריינגעשטיפּט זיין קוויטל, זיין לעבנס-באַגער, ארונטערגעריקט אונטער דעם בארג קוויטלעך, זיינס זאָל זיין נאָענטער צום רבין, צום קבר.

איין שיכט האָט זיך אויפגעהויבן האָט באלד אַ נייע מענגע זיך דערשטופּט ביז שפּעט ביינאַכט. ליכט האָבן געברענט איןביידע חדרים, מענטשן האָבן ליכט מיטגעבראַכט און געצינדן, נישט איינמאָל האָבן די קוויטלעך זיך אָנגעכאַפּט



און פאַרברענט געוואָרן. מ׳האָט זיי קוים פארלאָשן. אַ רויך האָט געזעצט פון ארום. ס׳האָט געברענט אין די אויגן, ס׳האָט אָבער קיינעם נישט געארט דער רויך און געטאַנק. דער עיקר צוקומען צום הייליקן אָרט.

צו ערשט האָט מען זיך דערשטופט צום ארייגאַנג. זייענדיק אינעווייניק האָט מען באַלד אָנגעהויבן זאָגן תהילים, איז שוין לייכטער געוואָרן און מען האָט גע-קאָנט לייכטער ווארטן, כדי צוצוקומען צום קבר, מערסטענס יידן זענען פריעד גע-גאנגען אין מקוה אָנצוקומען זויבער צום רבין זצ״ל.

אין בית המדרש האָט מען אין דעם טאָג געלערנט א גאנצן טאָג משניות בצבור און דעם „נועם אלימלך״. אן אנדער טאָג, ווי אלע, אויך דער מענטש און דאָס שטעטל זענען דעם טאָג אנדערש געווען ווי תמיד.

א טאָג צום געדענקן.



ד"ר אברהם דובשיץ

צום ערשטן מאל אין ליזשענס א יידישער דאקטאר

(א בינטל זכרונות)

צוריקקומענדיק נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה אין מיין היימשטעטל בראָד, האָב איך נאָכן פאַרענדיקן מיין מיליטער-דינסט אין דער פוילישער אַרמיי אָנגעהויבן זוכן אַ אָרט צום פראַקטיצירן. צופעליג האָב איך באַמערקט א מעלדונג אין דעם לעמבערגער „יידישן טאָגבלאַט" אונטערגעשריבן פון חנינה גליקסמאַן ז"ל, אַז דער ליזשאַנסקער קהל וואָלט געוואָלט גערן געזען אַ יידישן דאָקטאָר ביי זיך אין שטעטל.

וויסנדיק, אז ס'זענען שוין פאַראַן צוויי קריסטלעכע דאָקטוירים אין ליזשענסק און, אז די שטאָט מיט איר סביבה איז שטאַרק קאַטויליש-קלעריקאַל, אונטער דער השפעה פון דעם דאָרטיקן דאָמיניקאַנער-קלויסטער האָב איך געצווייפלט צו ס'וועט מיר געלונגען דורכצוברעכן די דורות-לאַנגע אנטיסעמיטישע טראַדיציע פונעם שטעטל.

און דאָ איז אומפאַרהאָפט געשען א פאַקט פאַר די קריסטלעכע פאַציענטן. א קורצע צייט נאָך מיין באַזעצן זיך אין ליזשאַנסק האָט מען מיר אין מיטן דער נאַכט גערופן צום אָנגעזעענסטן בירגער, צום נאָטאַר און גוטבאַזיצער נאַווינסקי. א האַרץ-אַטאַק, א צושטאַנד פון א אָנהויבנדיקער גסיסה. פאַר א יונגן דאָקטאָר, האָבנדיק פאַר זיך א עמינענטע פערזענלעכקייט איז פאַרשטייט זיך נישט קיין אָנגענעמע זאַך, אָבער ווי זאָגט מען עס: וואו די נויט איז גרויס — העלפט גאָט אַרויס" און ס'איז מיר געלונגען אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן פון דעם פאַציענט.

אין דער שטאָט האָט מען זיך געוווּנדערט פאַרוואָס מען האָט נישט צוגעצויגן די קריסטלעכע דאָקטוירים צום קאָנסיליום — און אַזוי איז געוואַקסן דאָס פאַרטרויען צום יונגן ווינער דאָקטאָר...

* * *

א חוץ דער מעדיציניש׳ער באַשעפטיקונג האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב, זיך צו באַטייליקן אין דער ציוניסטיש׳ער קולטור-אַרבעט, צוזאַמען מיט די פאַרטיי-חברים. די אָרגאַניזאַציע פונעם העברעאישן בית-ספר איז געווען די הויפט דאגה און די ציוניסטיש׳ע דערציהונג פון דער יוגנט האָט געבראַכט זייער גוטע רעזול-טאַטן. „עקיבא” און „גורדוניה” האָבן ארויסגעשיקט זייערע ערשטע חלוצים און



אַ גרופּע גאָרדאָניסטקעס

חלוצות. אין דעם יאָר 1925 האָט זיך אין ליזשענסק אָנגעהויבן די אַקציע פאַר קרן-היסוד און איך האָב געהאַט דעם כבוד צו פירן די אַגיטאַציע און די צאָל פון די דעקלאַראַנטן זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, א דאַנק דער מיטאַרבעט פון די חברים משה קאַרפּ, מאָטל רייס, פישל שפּערגל, חנינה גליקסמאַן און אנדערע.

איך האָב אויך געגעבן א ביישטייער צו דער יידיש-נאַציאָנאַלער אויפקלע-רונגס-אַרבעט, ספּעציעל ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן די וואַלן צום פּוילישן סיים אין די צוואנציקער יאָרן. ס׳האָט זיך געפירט א ביטערער קאַמף פאַרן יידיש-נאַציאָנאַלן קאַנדידאַט.

אונטערן דרוק פונעם סטאַראָסטע האָבן אגודה-יידן מורא געהאַט צו שטיין קעגן דעם סאַנאַציע-קאַנדידאַט און מיר איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט מאָטל רייס ז״ל צו אגיטירן אין די בתי-מדרשים פון ליזשענסק, און איך דערמאַן יך, אז איך

האָב איינעם טאָג, ערב די וואַלן אויפגעפאָדערט די וועלער צו גייען אָן פחד צו דער אורנע און אָפּגעבן דאָס וואל-צעטל אזוי ווי זייער געוויסן דיקטירט זיי, און איך האָב ציטירט פון דער דעמאָלדיקער סדרה, די ווערטער צו משה רבינו: דבר אל בני ישראל ויסעו, זענען זיי געוואָרן אַזוי באַגייסטערט, אז אין טאָג פון די וואַלן האָבן ניינציק פּראָצענט פון די ליזשאַנסקער יידן דערפילט זייער נאַציאָנאַלן חוב.



קבוצת „פרחים" פון ארגון „עקיבא"

מען האָט מיר אויך אָנגעטאָן דעם כבוד און געוויילט צום ראש הקהל אויפן אָרט פונעם לאַנגיעריקן קולטוס-פירער קלמן שפאץ ז"ל, וועלכער האָט אַליין דע-מיסיאָנירט צוליב זיין שוואכן געזונד-צושטאַנד און איצט האָב אין שוין געהאַט צו טאָן מיט סימפלשטייער, מיט שוחטים און אנדערע קהל-זאַכן. אין שטעטישע אַנגעלעגענהייטן האָב איך אויך געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט אין דער גמינע. זייענדיק דאָרט א ראַדצע. אַזויארום האָב איך אויסגעפולט מיין פרייע צייט, ווי ווייט מיין מעדיצינישע אַרבעט האָט מיר דאָס דערלויבט. נישט צו פאַרגעסן מיינע כמעט טאָג-טעגלעכע נסיעות אין די אַרומיקע דערפער.

* *
*

איך דערמאָן זיך אין אַזאַ נסיעה, וועלכע האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווייל איך האָב דעמאָלט געזען א זעלטענעם פאַל, ביז היינט נאָר איינמאָל אין מיין לאנגיאָריקער פּראקטיק.

צו א 14 יאָריקן יונגל האָט מען מיך ארויסגערופן אין א דאָרף קאָרילובקא פון יענערזייט פונעם סאַן. וואָס איז געשען ? ס'איז געווען אין א זונטיק, דער בחור האָט אויסגענוצט די צייט ווען זיין פאָטער איז אוועק אין קאָסציאָל, האָט ער גע- זוכט און געפונען זיין פאָטערס גאָלדענעם רעוואָלווער, ער האָט אים גיך באַהאַלטן



חיה קירשנבוים, ראש קבוצה

אין דער לינקער הויזן-קעשענע און בעת מעשה געדרוקט אויפן צינגל. די קויל איז דורך דער לינקער זייט פונעם ברוסט-קאַסטן, אַרויס צווישן דעם שליסלביין און דער לאָפּאַטקע. איך בין געווען זייער דערשטוינט, זעענדיק, אז דער פּאַציענט לעבט נאָך, ווייל איך בין געווען איבערצייגט, אז ס'איז דורכגעשאָסן געוואָרן דאָס האַרץ. נאָך מער האָב איך מיך געוווּנדערט, ווען איך האָב אויף דער לינקער זייט נישט געהערט די האַרץ-טענער, דערפאַר אָבער גאַנץ דייטלעך אויף דער רעכטער זייט. ס'איז מיר אויפגעגאַנגען אַ ליכט, איך האָב געפונען אַן ענטפער אויף דעם מעדיצינישן רעטעניש. דער פּאַציענט איז געווען איינער פון די הונדערט טויזנט, ביי וועלכע דאָס האַרץ געפינט זיך אויף דער רעכטער זייט. אָט דעם פאַרקערטן מצב פון די אינעווייניקע אָרגאַנען רופט מען : „סיטוס וויסצערום אינווערזוס". צו זיין מזל האָט ער באַהאַלטן דעם רעוואָלווער אין דער לינקער קעשענע, זיין האַרץ אויף דער רעכטער זייט איז נישט באַשעדיקט געוואָרן און ער איז געבליבן לעבן.

* * *

אין די יאָרן 1937 ביז 1939 האָט זיך די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין לי-

זשענסק יעדעס מאָל שטאַרקער פאַרשפּרייט. דער בייזער ווינט האָט געבלאָזן פון סטאַלאָווע וואָלאַ, נישט ווייט פון אונדזער שטעטל. אין דער דאָרטיקער וואָפן-פאַבריק זיינען געזעסן היטלעריסטישע שפּיאָנען און פּויליש-דייטשע נאַציסטן פון פּאָזנאַן האָבן זיך געעפנט א גאַלאַנטעריע-געוועלב, א נעסט פון שפּיאָנען. און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן העצערישע פּלאַקאַטן: קויפט נישט ביי יידן, באָיקאָטירט יידישע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן.

איך געדענק דעם סעפּטעמבער טאָג 1939, ווען איך בין צוזאַמען מיט מיין בעל-עגלה צוריקגעקומען אַהיים פון א חולה, האָבן זיך באַוויזן איבער אונדז דייטשע עראָפּלאַנען. מיר זענען אריין אין קלויסטער וואַלד און אַזויאַרום אַרויס מיטן לעבן.

ס'איז נישט געווען קיין ספק, אז גאָר באַלד וועלן אריינמאַרשירן די נאַציסטישע רוצחים און צווישן אנדערע וועל איך אויך זיין פון די ערשטע קרבנות. איבערלאָזנדיק אַלץ, וואָס איך האָב דערוואָרבן אין די אַכצן יאָרן בין איך מיט מיין פאַמיליע אַוועק צו דער רוסישער גרעניץ. אַדאַנק דעם וואָס מיין לאַנגיעריגער ידיד איזידאָר יזראַעל האָט מיין פאַמיליע אריינגענומען אין זיין אויטאָבוס איז מיר געלונגען אַוועק פון די דייטשן צייטלעך.

* * *

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער סאָוויעטישער אַדמיניסטראַציע איז נישט געווען פריינטלעך. פאַרנעמענדיק א מעדיצינישן פּאָסטן אין א וואָלינער שטעטל מיטן נאָמען קלעסאָוו, האָב איך מיך אַמאָל פאַרשפּעטיקט מיט א האַלבער שעה צו דער אַרבעט. איך בין גערופן געוואָרן צו א יונגן מאַן, וועגן א בלוטשטורץ פון די לונגען. ס'האָט נישט געהאָלפן מיין פאַרטיידיקן זיך... דער ריי-קאָם, וועלכער האָט צופעליג מיך דעמאָלט נישט אָנגעטראָפן אין דער אמבולאַטאָריע האָט איבערגעגעבן דעם ענין דעם פּראָקוראָר. און מען האָט מיך גערופן אין „סוד" צום משפט וועגן „פּראָגול".

פאַר נישט קומען צו דער געהעריגער צייט צו דער אַרבעט נעמט מען אַראָפּ 25 פּראָצענט פון דער „זשאַלאָוואַניע". די ריכטערין האָט מיך געפרעגט וואָס איך האָב צו זאָגן צו מיין פאַרטיידיקונג. איר וועט לאַכן הערענדיק אויף וועלכער המצאה איך בין געפאַלן. איך האָב מיך פאַרופן אויפן רוצח סטאַלין אַליין. אמת, — זאָג איך — אַז סטאַלין האָט געשריבן „אַז דאָס לעבן פונעם מענטש איז דאָס טייערסטע קאַפּיטאַל" און איך האָב דאָך געראַטעוועט דאָס לעבן פון א מענטש.

הערנדיק דעם נאָמען סטאַלין האָט מיך די ריכטערין גלייך באַפרייט.

* * *

באַלד ווי די היטלער אַרמיי האָט זיך טיפער אַריינגעריסן אין סאָוויעט-רוסלאַנד זיינען מיר אַוועק קיין אוזבעקיסטאַן וואו מיר זיינען געבליבן ביז צו דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן. כמעט פינף יאָר בין איך געבליבן אין זאַבזשע)שלע-

זיען) וואו איך האָב געאַרבעט אין דער אַמבולאַטאָריע. אין דער פרייער צייט אַגי־טירט פאַרן קרן היסוד און געפירט העברעאישע קורסן פאַר די יעניקע, וועלכע זיינען געווען גרייט עולה צו זיין.

דעצעמבער 1950 איז מיר געלונגען צו קומען קיין ישראל. דאָ האָב איך מיך באַגעגנט מיט מיינע פריינט און געוועזענע פאַציענטן פון ליזשענסק. אָבער צום באַדויערן נאָר מיט דעם שארית הפליטה. מיט די דאָזיקע, וועלכע האָבן גע־האַט דאָס גליק אויסצוהאַלטן דעם הונגער און די קעלט פון דער סיבירישער טונדרע און מיט די געראַטעוועטע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן צוריקקומענדיק אין זייער אַלט־נייער־היים.



כ׳ תמוז 1930. סינהורן נעמט איבער די „יזכור״ דעפילאַדע פון משה גריזמן. באלד וועט ד״ר דאבשיץ קומען זי אָפּנעמען!

י. רוטמן

ליז׳נסק — שוהל, מענטש, לעבנסארט

רעדאקציע באַמערקונג :

והושע ראָטמאַן האָט זיך געמיט און באַשריבן גענוי ליזשאנסק, דאָס שטעטעלע מיט אירע געסעלעך און מענטשעלעך, מיט אירע שוהלן און פרנסות, טראַדיציעס און מנהגים, ימים־טובים און קינדערלעך.

נישט ווילנדיק איז רעסטאוורירט געוואָרן, ווי פון זיך, אַ קלאַסיש יידיש שטעטל, מיט זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיין ליכט און שאָטן. אַ ברענפּונקט פון מענטשלעכן קאַמף פאַר זיין גייסטיקן קולטור־געזעל־שאַפטלעכן אימאז׳, אַ קאַמף פון טויזנטער יאָרן און זיינע קאָנסעקווענצן.

דאָס „שטעטעלע״ אַלס אַזעלכעס איז שוין אַ פאַרגאַנגענהייט. דער־פאַר קריגט די שילדערונג פון דעם אַלעם אַ היסטאָרישן ווערט כמעט.

די פרקים פון ערב שבת און חנוכה, פורים און יום־כפור, געסעלע און שילעכל, מעגן איינגעפלאָכטן ווערן אין לערן ביכער איבער יידיש־קייט־באַוווסטזיין. זיי זענען גענוי און כמעט אויספירנד.

דערפאַר גיבן מיר עס אין בוך אין זיין אָריגינעלן סטיל, נישט געענ־דערט, אַ מענטשלעכע צייגן איבער זאַך און ווערט, וואָס איז פאַרשווונדן און קיינער האָט זיך נישט געגעבן די מי דאָס צו באַהיטן פאַר דער ליטעראַטור און דער געשיכטע.

ס׳בית־מדרש געסל

אַ גאַס, נישט גלייך ווי אַלע אַנדערע גאַסן, אַ געסל אַ שמאָלס, אַ ענגס. פאַרטיפט אין זיך, אַזוי פאַרזונקען אין חלומות. אַ האַרציק געסעלע, עס בענקט זיך נאָך דעם קליינעם בית המדרש געסל, צום יידישן תורה און חכמה געסל.

אין לינקן ווינקל פון מאַרק, נישט געפלאַסטערט, נישט ברוקירט. דער טראָטואַר איז בלויז אין דער רעכטער זייט. מיט ציגל הייזער איןביידע זייטן פאַרבויט, ריין יידיש באַזעצט. אין מיטן האַרץ פון געסל — די קלויז פון רבין ר׳ אלימלך, וואָס האָט אייביק דערמאָנט אין געדאנק דאָס געשטאַלט פון נאָמען טרעגער.

קעגנאיבער די מזרחי קלויז, דאָס בית המדרש און שוהל, הארט אריינגעדריקט אין זיך, דער קורצער בליק צום בערגל מיט בוימער און מצבות אין אוהל פון רבין ר׳ אלימלך געוואָרפן די ליכט שטראַלן פון נר תמיד דורך דעם קליינעם פענסטערל געשפּיזט. די חדרים איבערן געסל צעשפּרייט און צעוואָרפן, די קינדער מיט הילכיקע פרייד, געפילדער און געשריי פון חדר לויפן. היינט ערב שבת, אָנגע־ליינט די פרשה, אָפּגעזאָגט די הפטורה, איבערגעחזרט דעם בלאט גמרא, דעם

רבינס שטעקעלע מיט קנאָבל איבערגעשמירט און אַהיים געלאָפן.

דער פרייטיק נאָכמיטאָג, דער אָנזאָגער פון דערנעטערן זיך פון שבת. אין געסל: מיט די צונויפגעדרייטע בעזעמלעך אין דער האַנד, אין איילעניש צו דער מקווה, די בעקערס פאַרוקן דאָס טשולנט אין די פאַרשידענע סאָרטן אייזערנע שוואַרצע טעפּ. שבת־קוגלען פאַרשמעקן דאָס געסעלע, דורכגעבראָטן מיט בוימל. די בתי מדרשים און קלויזן פאַרקערט און פאַרפּוצט, די מעשענע הענג־לייכטער גלאַנצן און בלישטשען, אָרעמע לייט פאַרקלויבן די לעצטע פרייטיק נדבות, בעל־בית׳טעס פאַרלויפן אין איילעניש, זיך דערמאָנט אין געוועלב די שבת ליכט צו קויפן. די קינדער פון די הייזער שוין אַרויס ריין, פאַרפּוצט, פאַרקעמט. דער שמש, מיטן גרויסן ברייטן, האַרטן, הילצערנעם האַמער, קלאַפּט און רופט: יידן, יידן, אין שוהל אַריין. די בלעכערנע און אייזערנע ראַלעטן פון די געוועלבן הייבן אָן צו פייפן, קריצן, רופן און שרייען, טיילמאָל מיט אַ שוואַך קול, אָן כוח און טיילמאָל שטאַרק און ענערגיש (אפשר האָבן מיר דאמאָלס נישט פאַרשטאַנען זייער יאָמערלעך געשריי: יידן, אַנטלויפט, כל זמן איר האָט צייט, ווייל נישט אויך לאַנג איז אייער שטילע רו). דער רב ז״ל געשטאַנען אויפן גאַנעק און טיילמאָל מיטן שמש זיך געלאָזט צו די פאַרשפּעטיקטע געוועלבן, וואָס האָבן נאָך געוואָלט פאַרכאַפּן עטלעכע בלייערנע פאָר גראָשן לייזונג, צום וועקסל צאָלן נאָך שבת, שטייערן אָדער גמילת חסד צו באַצאָלן.

ס׳הויבן אָן צו פינקלען, בלישטשען און לייכטן די ליכטיקע געשפּריצטע שטראַלן דורך די גלעזערנע טירן־פענסטער און די זילבערנע און מעשענע לייכטערס אויף די ווייס געדעקטע שבת טישן.

דער יידישער הייליקער רו־טאָג הייבט זיך אָן אין פולן טעמפּאָ, דער טאָג וואָס מאַכט אַביסל פאַרגעסן די ענדעקעס און אַנטיסעמיטן. אָט אָט הייבט זיך אָן די לאַנגע און ברייטע יידישקייט־דעפילאַדע, זיידענע בעקעשעס מיט לאַנגע גראָבע גאַרטלען ארומגעפלאָכטן, ברייטע שטריימלעך, ווייסע זאָקן, גרויסע סדורים געטראָגן דורך די קינדער און אייניקלעך, פון אַלע גאַסן און געסלעך די טיר־און־טויער ברייט געעפנט, אַלע אין איינעם צוזאַמענגעגאָסן, האַרט געפלאָכטן און געבונדן ווי איין מענטש, שפּרייזן יידן מיט פעסטע און זיכערע טריט. דער פריילעכער גוט שבת אויף די ליפּן, פאַרטריבן די מרה־שחורה און זאָרג פון שטייער אַמט, פענדונג, וועקסלען און חובות.

אַ שטורמישע מענטשן־כוואַליע שטראָמט צום ענגן בית־מדרש געסל.

אין דער פרי און פאַרנאַכט, שבת און יום־טוב, צו אַ שמחה אָדער חס וחלילה טרויער, צו דער מקווה אָדער טבילה, כשר׳ן און טובל׳ען דאָס געשיר, פאַרברענען דאָס חמץ, לערנען דעם אלף בית ביזן בלאַט גמרא און יורה־דעה, פון ערשטן ביזן לעצטן לעבנס־יאָר, האָט דאָס געסל אונדז באגלייט.

נישט אויפן געדאנק האָט דאָס דאמאָלס געקאָנט קומען, אַז דאָס הייליקע געסל וועט ווערן אַמאָל אָפּגעריסן, אַוועקגערויבט פון די אייגטימער, וואָס האָבן

מיט זיכערע טריט אויף איר געטראָטן, אַז די הייליקע גאָטפּאָרכטיקע פּאַנצער־הייזער וועלן אין די אויגן פון זייערע גרינדער און פּאַרערער אונטערגעצונדן כּאַרבערנט, געשענדעט, צעהאַקט, צעקלאַפּט, פאַרניכטעט ווערן אין איינציקע געציילטע עטלעכע מינוטן זענען זיי געוואָרן גרויסע, שפּריציקע, ווייט וואַרפנדיקע כלאַמען און געדעכטער רויך.

דאָס ליבע געסל איז געוואָרן אַ ענגער, ברוטאַלער, מערדערלעכער, פאַר־צוימטער גיהינום.

אין בית המדרש געסעלע האָט אָנגעפאַנגען דאָס ליזשאַנסקער יידישע לעבן און פון דאָרט האָט עס זיך געענדיקט.

שוהלן, קלויזן, און הייליקע פלעצער

דאָס גרויסע בית־המדרש, געבויט לויטן אַלטן סטיל, הויך ביי אַכט מעטער. די בענק און זיץ־פלעצער אַרום די ווענט, מיט אָנגעפּאַקטע קעסטלעך שמות פון אַלטע פאַרשימלטע סידורים. ביים ריַיניקן פסח די שטובן, האָט מען די אַלטע שמות אַריינגעפּאַקט אין די קעסטלעך. לאַנגע טישן. יאָרן זענען די בענק און טישן דאָרט געשטאַנען. אין יאָר 1925 האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסן, בריַיטן קאַכל־אויוון, אים ספּעציעל נישט צוגעשטעלט ביז צו דער וואַנט, מ׳זאָל זיך קאָנען וואַרעמען אַרום און אַרום. ביז דאַמאָלסט איז געשטאַנען אַן אייזערנער אויוון. דאָס בית המדרש האָט געהאַט בערך 150 זיץ פלעצער אַרום די ווענט. אין מיטן זענען קיין טישן נישט געשטאַנען. דער ארון קודש, דער עמוד און באַלעמער זענען געווען גאַנץ פּראָסט, אָן שום ספּעציעלע זאַכן. די לעצטע עטלעכע יאָר האָט מען געמאַכט און פאַרגרעסערט די שאפעס אויף ספרים. אין פאָרהויז האָט מען אויסגעריכטעט אַ שטיבל, וואָס האָט געניצט פאַר א צווייטן מנין.

ביי צען מעשענע הענגלייכטער האָבן געהאָנגען, אויף יעדן צו 18 ליכט. קיין עלעקטריע איז נישט געווען, און דער שמש האָט יעדן טאָג אָנגעגאָסן נאַפט אין די לאָמפּן, אויסגעפּוצט די גלעזלעך.

דאָס ווייבערישע בית המדרש איז באַשטאַנען פון דריי צימערן, צוויי גרויסע ברייטע, לאַנגע און איינס אַ שמאָלס און לאַנג.

מערסטנטייל חסידים האָבן געדאַווענט אין בית המדרש. דאָס ווייבערישע בית המדרש האָט אויך געדינט אַלס חדרים, איידער די תלמוד תורה איז געוואָרן אויפגעבויט אין הויז פון הכנסת אורחים.

אויך דאָ זענען אַ סך מאָל פאָרגעקומען מחלוקת׳ן איבער אַ ירושה־פּלאַץ, איבער נישט צולאָזן צום עמוד, אַ קלענערן און גרעסערן כבוד. די הויפּט בעלי־תפילות פון שטאָט זענען געווען אין בית המדרש, ווי אברהם וואקספּרעס, הרב יואל משה לאנדאו, מאיר שמעון וויינרייך, אנשל וויינמאן, אשר שוחט, ק. וואָלף־שטאלבאך, משה חיים בק, שלום קירשבוים, ר׳ שמואל ציצער.

בעלי קריאה זענען געווען הערשל שענקהיים, משה חיים בק.

דאָס בית המדרש האָט אויך געדינט פֿאַר לערנען. ביינאַכט, נאָך מנחה ומעריב, חברה משניות. אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון ר׳ שמואל ציצער, אהרן משה רייכנטאַל, רפאל איצי הויזער, וואָלף וואקס.

יאָרן לאנג איז געווען בעל־תקיעה ר׳ שמואל ציצער.

די שוהל

הויך, איבער אַלע ווענט זענען געווען געמאָלן קונסט מיט קאַפּיטלעך תהילים, עקידת יצחק, על נהרות בבל, חושן ואפוד, דער מזבח.

אַ טייל פֿון זיי איז געווען געמאָלן פֿון ר׳ מענדל בער ז״ל, דער שוואָגער פֿון ר׳ דודל ראָטמאַן ז״ל, וועלכער האָט זיין קונסט טאַלאַנט געווידמעט נאָר זיין שטעטעלע, און אין זיין שטעטעלע דער צענטער — די שוהל.

דער ארון קודש, קונסט געשניטן, אויפֿגעבויט הויך מיט טרעפּלעך אַרויפֿצוגיין, מיט אייזערנע שטאַכעטלעך אַרומגעצוימט.

אַ שיינער עמוד, דאָס פּלאַץ פֿאַרן חזן נעבן עמוד, איז געווען גענידערט עטלעכע צענטימעטער — ממעמקים קראתיך.

דאָס בעלעמער אין מיטן — געמאַכט אַ מעטער הויך, מיט עטלעכע ברייטע טרעפּ פֿוןביידע זייטן אַרויסצוגיין. פֿיר גרויסע געבויטע עמודים אין פֿאָרם פֿון אַ חופה.

עס איז געשטאַנען אַ גרויסע, הויכע מעשענע מנורה, וואָס מען האָט זי נישט געקאָנט רירן פֿון אָרט.

אין שול זענען קיין טישן נישט געווען נאָר זיץ־פּלעצער אין שטענדערס.

די פֿענסטער גרויסע, אין דער הויך, מיט פֿיל פֿאַרביק גלאָז.

געדאַוונט האָט מען אין שוהל נאָר מנחה ומעריב, שבת, יום־טוב און ראש חודש אויך שחרית.

די ווייבערישע שוהל האָט געהאַט דריי לאַנגע שמאָלע צימערן, וואָס האָבן אויך געדינט טיילמאָל אַלס חדרים.

אין פֿאָדער־הויז איז געווען אַ פּולישל, וווּ מען האָט געהאַלטן די פּסול׳ע ספֿרי־תורה.

די גבאים אין די לעצטע יאָרן — הערש ראט, שמואל האָרן, וועלכע זענען אויך געווען בעלי תפילה. בעל־קורא איז געווען הערש ראט.

גלייך ביים אַריין פֿון די דייטשן, ראש השנה, האָבן זיי פֿאַרברענט די שוהל, מיטן בית המדרש. מענטשן האָבן דערציילט, אַז ווען דער שטאָטישער גלח האָט דערהערט, אַז די בתי מדרשים ברענען, איז ער געקומען צו לויפֿן לעשן דאָס פֿייער. אָבער די שקצים און דייטשן האָבן אים נישט צוגעלאָזט.

די קלויז אונטערן קלויסטער

פיל יאָרן איז די קלויז געשטאַנען, אַ באַזונדער הויז, אויסגעהאַלטן פון די עטלעכע משפחות, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. מען האָט נאָר געדאַוונט מנחה ומעריב, שבתים און ימים־טובים.

ר׳ מנשה׳לעס קלויז

צען יאָר פאַר דער קריג האָט זיך באַזעצט אין ליזשאַנסק ר׳ מנשה׳לע הורוביץ און געעפנט ביי זיך אַ קלויז, ווו עס האָבן געדאַוונט ביי 5 מנינים. בעלי תפילה זענען געווען איצי שיף און ק.וו. שטולבאַך. בעל קורא איז געווען דער זעלבער איצי שיף ז״ל.



מזרחי קלויז

אין הויז פון הנטשע. פון יאָר 1920 האָט מען געגרינדעט דאָס מזרחי קלויז. די ערשטע גרינדער: מוטל רייז, מוטל קארפף, רפאל איצי, אהרן הערש ראָטמאַן.

מיט יאָרן שפּעטער האָט מען געגרינדעט די העברעאישע „יבנה" שולע, אין דעם הויז פון הענטשע הורן.

די אגודה קלויז

אין הויז פון ר׳ איציק שפאטץ, האָט זיך בערך אין יאָר 1930 געגרינדעט די פועלי אגודת ישראל און האָבן געמאַכט אַ באַזונדערע קלויז. בעל־תפילה איז געווען זעליג מילער ז״ל.



„פועלי אגודת ישראל" אין ליזשענסק

דאָס ציוניסטישע מנין

אין יאָר 1938 האָט מען געגרינדעט אין דער ריישע גאַס, ווו עס איז געווען די העברעאישע שולע, אַ ציוניסטיש מנין. מען האָט געדאַוונט מנחה ומעריב, שבתים או ימים־טובים.

חניה ר׳ מלך׳ס קלויז, אָדער שפעטער ר׳ ברוך׳לס קלויז

ווי עס ווערט דערציילט, איז די קלויז געווען פון רבין ר׳ אלימלך. אויף דער פראָראָקא (נביא) גאַס, ווו עס איז געווען די חורבה און נאָך דער שריפה האָט ר׳ חנא ווייסבלום איבערגעטראָגן אין זיין הויז די קלויז. די ערשטע שטוב ביי דער גאס האָט ער איבערגעגעבן פאַר דער קלויז און אין די צווייטע האָט ער געווינט. שפעטער, ווען די יונגסטע טאָכטער, חיה שרה, האָט חתונה געהאַט פאַר ר׳ ברוכל, האָט מען צוגעבויט אַ נייע קלויז. געדאַוונט האָבן דאָרט מערסטנ־טייל ראָזוואָדאָווער חסידים. בעל תפילה איז געווען מרדכי שמואל ריוועגס און משה דרילמן ז״ל.

די דייטשן האָבן די קלויז נישט פאַרברענט און זי שטייט ביז היינט.

ר׳ מלך דובצ׳יס קלויז

ער איז אויך געווען אן אייניקל פון ר׳ אלימלך און געהאַט א קלויז קעגנאיבער דער חורבה פון רבין. צוליב געוויסע סבות האָט ער פארקויפט זיין שטוב מיטן קלויז, זיינע חסידים האָבן אויסגעפועלט אין קהלה א שטיבל פון קהלה הויז אין דער בלעכער גאס.

בעל תפילה איז געווען חיים אייזן ז״ל.

דאָס בית הקברות אָדער הייליק אָרט

דאָס איז געווען אַ הייליקע זאַך ביי אַלעמען, סיי פרומע און נישט פרומע. אַלע האָבן דאָס אָרט רעספעקטירט, ווייל עס האָט אַלע אויסגעגלייכט.

עס האָט אין זיך אַריינגענומען נישט בלויז די געשטאָרבענע, נאָר אויך לעבעדיקע זיפצן און הייסע טרערן פון די לעבן־געבליבענע, וועלכע האָבן דאָ ביים אָנבליק פון טויט זיך געפיינערט און געבעסערט.

ווען מ׳האָט זיך געפרייט ביי אַ שמחה פון אַ חתונה — דער חתן אָדער כלה זייענדיק יתומים, זענען זיי געגאַנגען זיך אויסוויינען און פאַרבעטן די טייערע זייערע אויף דער חתונה. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די מחותנים, אין טאָג פון דער חתונה. ביי אַ יאָר־צייט איז מען געגאַנגען אויפן בית הקברות, ווען עס איז ווער שטאַרק קראַנק געווען, איז מען געגאַנגען דאָרט רייסן קברים.

✶

פאַרשידענע לעגענדעס ווערן דערציילט וועגן אונדזער בית הקברות. אַ אייניקל פון רבין ר׳ אלימלך, וועלכער איז געגאנגען אויפן פעלד זיך אויס־וויינען ביי דער מוטערס קבר, וועלכע איז אָפּגעשטאָרבן ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד און האָט די מוטער אפילו נישט געקענט, האָט באַמערקט, ווי צווישן די מצבות געפינט זיך אַ שגץ, וועלכער האָט געשניטן דאָס גראָז און מאַכט זיינע באַדערפענישן אויף אַ קבר, האָט ער דעם שגץ געזאָגט: זאָלסט נישט אויסלעבן דעם טאָג, ווייל באַאומרייניקסט אַ קבר. דעם שגץ האָט דאָס אַזוי איבערגענומען, אַז אַהיים קומענדיק האָט ער זיך נישט גוט געפילט און דעם זעלבן טאָג געשטאָרבן.

ווען מען האָט דאָס יינגל געפרעגט, צי איז עס אמת, האָט ער פאַר פּחד פון די גויים געלייקנט. די מעשה איז געווען באַשריבן אין אַ לעמבערגער מאָרגן־צייטונג.

דאָס בית הקברות האָט אויך געדינט אַלס אַ מקום־מקלט אין דער צייט פון דער גרויסער שריפה אין יאָר 1906. אַהין זענען אַ סך אַרויף מיטן בעטציג. אין דער ערשטער וועלט קריג האָט מען זיך באַהאַלטן צווישן די מצבות. אויך ביי דער צווייטער וועלט קריג האָט מען זיך אויסבאַהאַלטן אויפן הייליקן אָרט און נישט איין ייד האָבן די דייטשן דערשאָסן צווישן די מצבות.

✶

ווען עס האָט זיך דערנענטערט כ״א אדר, שוין עטלעכע טעג פריער, האָבן אָרעמע לייט צוגעגרייט לענג אויס דעם וועג ביי די צוויי זייטן, הילצערנע אָנהאַלט־בעלקעס, ווייל דער וועג איז געווען באַרג אַרויף און ווינטער אין די גרויסע בלאָטעס איז געווען גליטשיק. די אָרעמע לייט, טייל זיצנדיק און טייל שטייענדיק, האָבן געבעטן נדבות. אויך גרופן מיט טישלעך, פון פאַרשידענע צדקה־אינסטיטוציעס, מיט פאַרשידענע פושקעס און קערות, זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג. ס'האָט געהאַט געטראָפן, אַז קריסטן זענען געקומען אויפן קבר, אָבער אויך האָט פאַסירט, אַז מען האָט געוואָרפן שטיינער פון די שכנות'דיקע הייזער אויף די יידן, וואָס זענען געגאַנגען אויפן פעלד כ״א אדר.

די מצבות זענען געווען אַלטע און דאָס בית הקברות האָט זיך געטיילט אין עטלעכע טיילן: דאָס גאָר אַלטע, פון טויער ביז דעם אוהל פון ר׳ אלימלך — איןביידע זייטן, ווו ס'איז געווען בארג ארויף. אין די דאַמאָלסדיקע צייטן האָט מען נישט אָפּגעהיטן קיין סדר פון די קברים. פון אוהל ביז צום נייעם בית הקברות האָט מען שוין געקאָנט לייענען די אַלטע מצבות. דאָרט האָט מען געלייגט מיוחסדיקע נפטרים, אַרום דעם אוהל פון ר׳ אלימלך. לעצטנס האָט מען געהאַט צוגעקויפט פעלד פאַר דעם המשך, שוין מיט אַ אָרדענונג, אין שורות.

ר׳ מרדכי קליינמאַן האָט פאַרקויפט די מצבות. ער אַליין האָט שוין געקאָנט יעדנס יחוס און געוווסט, וואָס ביי וועמענס מצבה צו שרייבן.

דאָס בית הקברות איז געווען אַרומגעצוימט מיט רויטע ציגל, בערך פון יאָר 1930. אין פאַרקאַן האָט מען געמאַכט עטלעכע עפענונגען, די כוהנים זאָלן קענען אַריינקוקן. די חברה קדישה און דאָס קהל האָבן נישט געהאַט קיין געלד צו מאַכן די מויער. אַן אַמעריקאַנער גאַסט, וועלכער איז געקומען, האָט געשפּענ־דעט אויף דעם צוועק.

די דייטשע באַנדיטן האָבן אין לעצטן יאָר, שוין נישט האָבנדיק קיין יידן, מלחמה געהאַלטן מיט די קברים. אַלע מצבות צעוואָרפן און אויסגעפלאַסטערט מיט זיי דעם מאַרק. מיט טראַקטאָרן האָבן זיי אַראָפּגעריסן דעם בארג מיט די קברים און פאַרשיט דעם טאָל. איצט איז דאָרט אַ פריי פעלד. ביים אַרויפגיין הענגט אַ שילד אויף אַ בוים, אַז עס איז פאַרבאָטן צו נעמען זאַמד.

דעם רבין ר׳ אלימלך׳ס באַרג

אַ באַרג, אַ לעגענדע. אַ לאַנגער, אַ הויך שמאָל־שפּיציקער באַרג, מיט גרין גראָז אַרום פאַרוואַקסן. הויכע שפּילקעביימער מיט שישקעס, בוימער פאַר־פלאַנצט פון הינטן ביז אין דער הויך, אַזוי ווי ספּעציעל, עס זאָל געבן אַ שאָטן. אַ שמאָלע, געדרייטע, געזיגזאַגטע שטשעשקע האָט זיך אַרויפגעשניטן און געמאכט לייכטער, באַקוועמער און פרייער, זיך אַרויפצודראַפּען צום שפּיץ באַרג. דאָרט אין יענעם קליינעם וועלדל, צום רבין ר׳ אלימלך באַרג, ווו ער האָט מיט דבקות תורה געלערנט פיר גלייכע הויכע ביימער אין מיטן. מען האָט נאָכדערציילט,

אַז אין מיטן, צווישן די פיר בוימער, האָט ר׳ אלימלך געהאַט אַ טישל צום לערנען.

נאָך אין יענע יונגע קינדער-יאָרן, די פריילעכע ל״ג בעומר טעג, דער טאָג ווען מ׳האָט אונדז געפירט אויסגעשטעלט אין מיליטערישן גאַנג, פון חדר גלייך



שול־קינדער אויף ר׳ אלימלך׳ס בערגל

צום שפּיץ־הויכן בארג. דער רבי מיט דער גרייז־גרויער ברייטער באָרד, האָט געגעבן דעם באַהעלפער דאָס פאָרצוג, ער זאָל אָנפירן און ווייזן דעם וועג און אַליין איז ער געגאַנגען פון אונטן, אַכטונג צו געבן אויף אַלע קינדער, עס זאָל חלילה קיינעם נישט געשען קיין שלעכטס.

ווען מ׳האָט זיך דערנענטערט צום אָרט, האָט יעדעס קינד געיאָגט, געלאָפן, כדי צו זיין דער ערשטער, פאַרכאַפּן און באַרירן דעם הייליקן תורה בארג, צו זיין דער ערשטער העלד. די קינדערישע פיסלעך זענען פון גליטשיקן, פייכטן גראָז געפאַלן אויף צוריק. אָבער די קינדער פון דעם עקשנותדיקן יידישן פאָלק האָבן זייער ציל דערגרייכט. דאַן האָט דער רבי אויסגעטייטשט די עטלעכע פסוקים פון נועם אלימלך, אָפּגעזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, אָפּגעקילט דעם הייסן, רינענדיקן שווייס, פאַרווישט די טרערן מיט אַ שווערן, טיפן זיפץ און געגאַנגען צוריק, געפירט די קינדער, אָנגעפּאַשעט מיט גייסט־שפּייז, גלייך פונעם קוואַל, און געווען גליקלעך.

אַ הקדש אין שטעטל

נעבן משה חיימס הויז, קעגנאיבער דער שוהל, איז געווען אַ פּלאַץ מיט גריבער און טאָלן, וואָס האָט געהערט צו דער יידישער קהילה, די ברייט ביי 10 מעטער און די לענג ב־ 30 מעטער. די הינטער־טייל איז געווען קעגנאיבער דעם טויער פון בית הקברות. האָט מען דאָרט אויפגעשטעלט אַ טהרה שטיבל, אין ווינקל פון ליידיקן פּלאַץ און אַזוי ווי ליזשאַנסק איז געווען אַ צוציאונגס־פּלאַץ פאַר אורחי־פורחי, צוליב דעם קבר פון רבין ר׳ אלימלך, פיל טעג פאַר און נאָך דער יאָר־צייט, אויך חודש אלול, זענען פיל מענטשן געקומען אויפן קבר — זענען אויך געקומען פיל אָרעמע לייט, וואָס זענען געשלאָפן ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. די בענק און טישן פון בית המדרש זענען געווען פאַרנומען אַלס שלאָף־פּלעצער און געוואָרן שטאַרק פאַראומרייניקט. די פּני העיר האָבן באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ הכנסת אורחים, אָדער ווי מען האָט עס גערופן — אַ הקדש, פון צען צימערן.

קיין גרויסע גבירים זענען נישט געווען אין שטעטל. ס׳האָט געדויערט גענוג לאַנג, ביז מען האָט עס אויסגעפּערטיקט און דער בנין איז געשטאַנען גענוג לאַנג אָן טיח. די קהלה האָט פאַרנומען איין צימער אין פּאַרטער און עטלעכע צימערן זענען געווען חדרים פאַר תלמוד-תורה עטלעכע בעטן האָבן מענטשן געשפּענדעט, אויך בעט־צייג.


מ׳האָט געדונגען אַ סטרוזש צו האַלטן אָרדנונג, אַזוי ווי עס זענען געקומען פאַרשידענע אָרעמע-לייט מיט פאַרשידענע פאַרגאַנגענהייטן, האָט די געמיינדע פאַרלאַנגט מען זאָל גענוי פאַרשרייבן אין אַ מעלדונגס־בוך מיט איינמעלדונגס קאָרטן פאַר יעדן נעכטיקער. דאָס האָט אָנגעפירט גארבער, וועלכער איז געווען אויך סעקרעטאַר פון דער קהלה, זייענדיק פון נאָך דער ערשטער וועלט-קריג אַ שטיקל אינוואַליד אויף אַ פוס און אויך די רעכטע האַנד האָט ביי אים געצי־טערט, האָט ער בשעת מנחה־מעריב זיך געזעצט אין בית המדרש ביים ערשטן טיש אין דער לינקער זייט און געשריבן די מעלדונגס־קאָרטן. טיילמאָל, ווען ער האָט געהאַט אַ סך אָרעמע־לייט, האָט ער געבעטן הילף ביי די קינדער, וואָס זענען אויס נייגעריקייט געשטאַנען און געקוקט מיט אַ גרויסע פרייד, ווען ער האָט אָנגעטרויט אויסצושטעלן די מעלדונגס־קאָרטן. זיי זענען געווען איב־טערעסאַנט ווי אַ בוך, עס האָבן נישט געפעלט קיין סצענעס, פאַמיליען שעדי־קונג, קריגערייען. עס האָט זיך אָזויפיל געמערט, זיי האָבן קאָנקורירט מיט די ציגיינער: געפירט גאַנצע משפחות אויף אַ גרויסן פאַרדעקטן וואָגן, אויפן זעלבן אופן ווי די ציגיינער.

די אָרעמעלייט האָבן דערשנאַפּט, אַז אין ליזשאַנסק איז דאָ אַ הכנסת־אורחים און אַ בעט צו נעכטיקן, האָבן זיי זיך געלאָזט קיין ליזשאנסק, ביז 20—30 אָרעמע־לייט אַ טאָג. זיי זענען ביי דער געלעגנהייט אויך געגאַנגען נאָך נדבות איבער די הייזער, אין געשעפטן. ס׳איז געווען אַ בושה פאַר די

קריסטן און האָט פאַרשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם. ס׳האָט געהייסן, אַז יידן ווילן נישט אַרבעטן, נאָר בעטלען, האָט מען געשאַפן „אנפארטיג געלד” מיט אַ קאָמיטעט. יעדע משפחה האָט זיך דעקלאַרירט צו געבן חודש געלד פון 50 גראָשן און העכער, כדי די אָרעמע־לייט זאָלן נישט גיין אין די הייזער קלויבן נדבות. עס איז געווען געשטעלט קאַטעגאָריעס, אַ געוויינלעכער אָרעמאַן האָט באַקומען פון 1 ביז 2 זלאָטעס, מיט אַ גרויסע משפחה, אָדער אַ שענערער ייד, האָט באַקומען מער. אויך האָט דער אָרעמאַן נישט געקאָנט קומען יעדן מאָנאַט, נאָר נאָך עטלעכע מאָנאַטן, און די איינריכטונג האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער נאַצי קריג.

חנוכה אין ליז׳אַנסק

די אויסלאַגעס פון די געשעכטן האָבן אָנגעוויזן פאַרשידנפאַרביקע חנוכה ליכטלעך. די קינדער זענען מיטגעגאַנגען קויפן די קאָלירטע ליכטלעך. ס׳איז נישט געווען קיין שטוב, ס׳זאָל נישט ברענען אויפן פענסטער פאַרשידנאַרטיקע חנוכה־לעמפּעלעך, ירושה׳דיקע פון דורי־דורות. די פויערן האָבן שוין געוווסט צו ברענגען ליינען־אייל, צו ברענען חנוכה־ליכט. זיי זענען געשטאַנען מיט קריגלעך אין מאַרק, מ׳האָט געצויגן די וואטע צו מאַכן קנויטלעך, מיט שטאַרקן התלהבות געזאָגט די ברכות, געזונגען „מעוז צור” און די רעשט קאַפּיטלעך תהילים, יעדן טאָג עטלעכע פסוקים.



ר׳ יוסף שמש

פאַר די קינדער איז עס געווען אַ פריילעכער יום־טוב. מען דאַרף נישט לערנען בײנאַכט אין חדר, זיי האָבן זיך צוזאַמען געשטופּט אין די בתי מדרשים, דאָס ערשטע חנוכה ליכטל אין שוהל ביי דער גרויסער מעשענער מנורה, וואָס איז שוין געווען אָפּגעפּוצט שפּיגל־נײַ צוליב די חנוכה ליכטלעך. אין בית־המדרש אויף דער וואַנט איז אויפגעהאָנגען דאָס בלעכערנע לעמפּל מיט די בוימל קנייטלעך, ר׳ יוסף שמש מיטן שײנעם ניגון געזאָגט די ברכות, און אין אַ שנײ־טאָג האָבן די קונדאסעס געוואָרפן באַראַלעך שנײ ביים אָנצינדן די ליכטלעך. אין דער היים שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן די עטלעכע מינוט צו באַקומען חנוכה געלד, אַליין פאַבריצירט האָלצערנע דריידלעך. אין ווייבערישן בית־המדרש האָט מען איבערגעדרייט די שטענדערס און שטילערהייט געשפּילט אין קאָרטן. חנוכה מעג מען שפּילן אין קאָרטן. אין דרויסן האָט געשניטן דער פראָסט, אין שטוב איז וואַרעם און ווער פון דער משפחה האָט נישט געוואָלט הערן חנוכה־ליכט צינדן? עס איז געווען אַ שיינער משפחה־יום־טוב.

דאַן האָט מען אָנגעהויבן צו שניידן דאָס פעטס און גריוון. אַ געשמאַק פון שמאַלץ האָט ארויסגעזעצט פון אַלע הייזער אין דער גרויסער ווינטער-חנוכה-נאַכט. האָבן די ווייבער פאַרבונדן די קעפּ מיט טיכלעך און געפּליקט פעדערן. אין וועלכער שטוב איז נישט געווען קיין כלה־מיידלעך — דאַרף מען דאָך גרייטן פאַר זיי בעטגעוואַנט, אַריינצושאַצן אין שידוך פון בעטגעוואַנט מיט בעטצייג. די שטובן זענען געווען ווייס פון פעדערן.

די קינדער האָבן געשפּילט אין דריידלעך און פון יעדן געצויגן חנוכה געלד.

אויך אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען האָבן אויסגענוצט דעם חנוכה־גייסט. מ׳האָט געזאַמלט פאַר ארץ ישראל אויף פאַרשידענע וועגן. די יידישע שוהלן האָבן געמאַכט פאָרשטעלונגען, די אַמאַטאָרן קלובן, סיי פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, סיי פון די אַרבעטער, האָבן געמאכט אַ פאָרשטעלונג אין דעם „פראשוויטע־זאַל״ אָדער אין דאָם נאַראָדאָווי.

חנוכה אין שטעטל — אַ יום־טוב פון פרייד, וואַרעמקייט און אָפענע הערצער מיט אָפענע הענט. דער פרייער יום־טוב פון קינד, פאַמיליע און געזעלשאַפט.

תשעה באב

דאָס שטעטל, שוין ביים פאַרפאַסטן פאַרנאַכט, האָט אויסגעזען פאַרענדערט. די יינגלעך האָבן א האַלבן טאָג צוזאמען געזוכט פון אַלע פלעצער און גערטנער שטעכערס, זיך צוגעגרייט גאַנצע קנוילן, יעדער האָט זיך באַרימט מיט אַ גרעסערן קנויל שטעכערס. די מיידלעך די קעפּ אַרומגעבונדן מיט טיכלעך, מ׳זאָל זיי נישט די האָר באַוואָרפן מיט די שטעכערס. נאָכן אָפּעסן די פארפאסטן-סעודה האָט עפּעס אַ טרויעריקייט פאַרוואָרפן אויף אַלעמען. כאָטש אין די גאַסן האָבן געברענט די לאָמפּן, האָט אָבער די יידישע הייזער באַדעקט אַ טונקעלער נעפּל, גלייך ווי דאָס אומגליק איז ערשט איצט געשען.

פינסטער אין די הייזער, אלע זענען געגאַנגען צו די בתי מדרשים, אַראָפּ־געלאָזט די קעפּ, בלויז אין די זאָקן, נישט געהערט קיין שיך־טריט.

אין די בתי מדרשים טונקל. די טישן, בענק און שטענדערס איבערגעדרייט, חס וחלילה צו זעצן זיך גלייך. דער טרויעריקער בעל תפילה ניגון, מיטן וויינענ־דיקן קול פון איכה ישבה הערט זיך און מיט דעם דאָס זיפצן פון די נאָכזאָגערס. טונקל, שוואך באלויכטן. די קונדסים האָבן דאָך געוואָלט אַביסל פאַריאָגן דאָס אומעטיקייט, געכאַפּט ביי אן אַפּיקורס, וואָס איז געקומען אין די שיך און זיי וויט פאַרוואָרפן.

בייטאָג, נאָך די קינות, איז מען געגאַנגען אויפן הייליקן אָרט און געוואָרפן קנאָבל אויף די קברים פון די אייגענע געשטאָרבענע, אויך אַביסל טרערן און דאָס הארץ זיך אויסגערעדט ביים קבר. יעדער אויף זיין ארט און שטייגער, יעדער זיין שווער פּעקל צרות. און וועלכער ייד האָט נישט געהאַט קיין צרות? אַ טראַדיציע, וואָס האָט געבראָכן דאָס האַרץ. ווייל ווי האָט מען געקאָנט דורכגיין און הערן געוויין ביי די קברים און נישט מיטוויינען? אַזוי אַרום האָבן אַלע געוויינט.

חודש אלול

עס בלאָזט דער שופר. ס׳בלאָזט שוין אויך אַ קאַלט ווינטל. מ׳פּרובירט שופרות, מען הערט דורך די פענסטער בעלי תפילות גאָרגלען זיך און גרייטן זיך צו די ימים נוראים. מען פאַריכט די טישען און בענק אין די בתי מדרשים, מען האַנדלט מיט די חזנים, בעלי תפילות און בעלי תקיעה.

עס קומען אין גאַנצן חודש אלול פיל יידן אויפן רבין ר׳ אלימלך׳ס קבר, און איבערן וועג באַקוקט מען אַ חתן אָדער כלה.

סליחות

קאַלט אין דער פרי. עס קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן און עס ציטערט דאָס האַרץ. דער שמש קלאַפּט מיטן האַמער און וועקט. דאָס האַרץ הייבט שוין אָן אַביסל ציטערן. מען צינדט אָן אַ קליין לעמפּל, נישט איבערצוּוועקן די קליינע קינדער. די אַלטע סליחות מיט צעריסענע טאָוועלאך, נאָך בירושה פון דורי־דורות, ליגן שוין גרייט. די גאַסן ווערן פלוצלינג, אין מיטן שטילקייט און פינסטערקייט אויפגעוועקט. מען גייט צו די בתי־מדרשים, מען לויפט נאָך צו דער מקווה פאר די סליחות, זיך צו שטעלן ריין פארן רבונו של עולם. מענער און פרויען, יינגלעך פון נאָך תפילין לייגן, געגאַנגען צו סליחות זאָגן. אויך דאָ אַביסל קונדסים, כאַפּן זיך אַוועק פון טאַטנס סליחה און לויפן אין די גערטנער האַקן ניס.

התרת נדרים

נאָר 3 באַזאַמען. איינער זאָגט און צוויי ענטפערן. טייל האָבן אפילו נישט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט. נאָר דער געדאַנק פון די הייליקע טעג האָט געווירקט אויף אַלעמען און אַלץ.

תשליך צום גלח׳ס טייך

ראש השנה דאַרף מען נישט שלאָפן. נאָך מיטאָג עסן — צוריק צום בית המדרש, געזאָגט תהילים און געדאַוונט מנחה. דאָס גאַנצע שטעטל גייט צום גלחס טייך, ווער צוליב פרומקייט און ווער פון נייגעריקייט. אויך דאָ זענען געווען גרופּן. יעדער בעל־תפילה מיט זיין מנין באַזונדער, אַרויסצווייזן זיינע קענטניש, חס וחלילה זיך נישט אויסמישן מיט אַ צווייטע גרופּע, כאָטש אַלע האָבן דאָס זעלבע געזאָגט. לעצטנס האָט מען ספּעציעל אויסגעטריקנט דעם טייך, פאַר די ימים־טובים — די יידן זאָלן נישט האָבן קיין תשליך. איז מען געגאַנגען צו די ברונעם, אונטערן באָד.

יום כפור, סוכות, הושענא רבא

שוין 12 אַזייגער האָט מען אַלעס אָוועקגעוואָרפן. אפילו ווען עס איז געפאַלן אין אַ מאַרק טאָג, האָבן די פּויערים געוווסט, אז מען מוז זיך פריער ערליידיקן.

דאָס ערשטע צו דער מקווה, דאַן צו מנחה דאַוונען. נאָכן דאַוונען, צווישן עמוד און שולחן ערוך, איז געלעגן פאַרשפּרייט אַ בינטל היי, יעדער האָט זיך אויף דער ערד געלייגט און דער שמש, מיטן לאַנגן ראַפּניק, מיט עטלעכע לעדער ריטלעך, האָט געגעבן צוויי שמיץ העכער און איין שמיץ נידעריקער.

אין לאַנגן פאָרהויז איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט קערות. צום ערשט האָט מען באַצאָלט די חובות, וואו עס זענען געזעסן די גבאים. אַ גרויסע זילבערנע טאַץ; דאַן טעלערס־קערות און די גבאים פון פאַרשידענע חברות און קרנות. אין דרויסן זענען געשטאַנען פאַרשידענע אָרטיקע אָרעמע־לייט און געקליבן די נדבות. אין די בתי מדרשים, אויף די לאַנגע טישן, האָט מען געשטעלט אין גרויסע יאָרצייט־ליכט. מען האָט זיי געשטעלט אין פאַרשידענע בלעכן און טאַצן און לעצטנס האָבן די גבאים געמאַכט ספּעציעלע קעסטלעך מיט זאַמד.

מען האָט אָפּגעגעסן די סעודה, האָט דער ראש משפחה געלייגט די הענד אויף די קעפּ און קעפּלעך, געבענטשט אַלע קינדער און אייניקלעך לויט דער עלטער. ס׳האָט נישט געפעלט קיין טרערן און געוויין, מ׳איז שוין געגאַנגען צום דאַוונען מיט אָנגעשוואָלענע, רויטע, פאַרוויינטע אויגן.

שוין דער וועג האָט אָנגעוואָרפן אַ מרה שחורה. אַלע אין ווייסע קיטלען, ווייסע זאָקן, גרויסע מחזורים, אָנגעטאָן די גרויסע לאַנגע טערקישע טליתים איבער די קעפּ. עס האָט פון זיי אַראָפּגעגלאַנצט די ברייטע, פאַרשידנאַרטיקע זילבערנע עטרות. דער בעל תפילה האָט גלייך אָנגעהויבן דעם טרויעריקן כל נדרי, און

װעלכער ייד האָט נישט געװיינט, און געהאַט פאַר װאָס צו װיינען? אַ סך קריסטן זענען געקומען הערן כל נדרי.

נאָך יו״כ — צומאָרגענס איז שוין געװען פול דער מאַרק מיט סכך. פון די אַרומיקע דערפער האָבן די פויערים געברענגט אָנגעפּאַקטע װעגן, גיבונדן בינטלעך און זיי אַליין האָבן געשטעלט די פּרייזן. נישט איינמאָל האָבן זיי געהויבן אַזוי די פּרייזן, אַז מען האָט זיי געלאָזט שטייען ביז האַלבן טאָג און נישט געקויפט. מען האָט געבאָרגט ברעטער אין די האָלץ־סקלאַדעס. מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט פאַרשידענע ברעטער פון די אַלטע קאַמערן און געשטעלט סוכות.

אַ טייל יידן האָבן ביים בויען די הייזער גלייך מיטגעבויט אַ סוכה, מיט א שװערן שלאַך, מען האָט באַדאַרפן פיל כוח, ביז מען האָט אויפגעדרייט דעם שלאַך מיט דער הילף פון אַ קאַרבע.

װעלכער ייד האָט נישט געעסן אין סוכה? די קינדער האָבן שוין געזאָרגט פאַר דעם שיינעם אויסזען אירן, באַהאָנגען מיט פאַרשידנפאַרביקע פויגלען פון אייער-שאָלעכץ, מיט פליגל פון ברענענדיקן קאָליר.

קיין סך אתרוגים זענען נישט געװען, נאָר בלויז די בכבודיקע יידן האָבן געהאַט אַן אתרוג.

מען האָט געקוקט דורך די פענסטער, אָפּגעװאַרט יעדן צוג. מ׳איז געװען פאַרפוצט און געװאַרט אויף חוה״מ־געסט.

די שמשים האָבן אַרומגעטראָגן ריטלעך פאַר די הושענות, פאַרקויפט פאַר עטלעכע גראָשן. אָפּגעציילט װיפיל יעדער דאַרף, און ביינאַכט האָט מען אין דער סוכה צונויפגעבונדן די הושענות. פאַר די קליינע קינדער האָט מען די הושענה געמאַכט פון קליינע ריטלעך, געבונדן מערסטנטייל מיטן לולב. ביים שמייסן מיט די הושענות האָבן די קינדער אַראָפּגעריסן דעם לולב און זיך געמאַכט פינגערלעך.

פורים

ס׳האָט געטראָגן פאַרשידענע כאַראַקטערן, א רעליגיעזן: מיט פאַרשידענע דינים איבער ליינען און הערן די מגילה, פאַסטן אסתר תענית, װער איז נישט גע-גאַנגען הערן די מגילה ליינען. די ברכות פאַר די מגילה ליינען פונעם בעל קורא מיטן ניגן. א נאַציאָנאַלן כאַראַקטער: דער זיג פון ייד מרדכי איבער המן הרשע, דעם שונא ישראל אויך דאָ האָט מען פאַרגאָסן טרערן איבער די ליידן פון יידישן פאָלק. מ׳האָט נאָכגעזאָגט װאָרט ביי װאָרט די װערטער פונעם בעל-קורא, חס-וחלילה נישט צו פאַרפעלן און יוצא זיין מיט קריאת המגילה. און גלויבן, אז יידן װעלן אַלעס איבערקומען.

און א פריילעכן כאַראַקטער: פאַר די קינדער ספּעציעל המן קלאַפּערס, באַ-װעגן זיך פריי אין שוהל. מ׳מעג גרעגערן און רעשן װיפל מען װיל. להפך מען רייצט זיך מיט אים פאַרװאָס ער גרעגערט װייניק שטיל.

די הויפּט שמחה האָט אָנגעפאַנגען פורים נאָך מיטאָג. קינדער שיין פאַרפּיצט

טראַגן משלוח מנות מיט גלעזערנע אויפוואַרטערס מיט שיינע סערוועטקעס פאַרדעקט, דאָס שטיקל לעקעך האָט געקאָנט וואַנדערן איבער עטלעכע פלעצער און צוריק געקומען צו זיין ערשטן פּלאַץ. חתנים האָבן געשיקט ווערט-מתנות צו די כלות, בראַנזילעטן, זייגערס, אוירענגלעך א.א.וו. אָרעמע לייט גייען נאָך „שלוח-מנות" אין די הייזער.

פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס פריילעכקייט, ביי באַלויכטע שטיבן האָט מען זיך געגרייט צו דער פורים סעודה, טייל חסידים האָבן נאָך אריינגעכאַפּט און דורכגעליינט ביהידות די מגילה און דערביי צוגעקלאַפּט מיטן פיס קומענדיק צו המן'ען. ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען דער „פאַרשטעלטער מאַרש", אַלטע פאַרשימעלטע בעקעשעס מיט אויסגעקראַכענע שטריימלעך, מיט א גראָבן שטריק אַרום גאַרטל, פאַרשידענע מאַסקעס מיט גרויסע יידישע נעז, אויסגעקראַכענע שפּיץ-בערדלעך, לאַנגע דעמבעווע פאות, דאָס זענען געווען אָרעמע-לייט, נסתרים, וואָס ביי־טאָג האָבן זיי זיך געשעמט צו נעמען נדבות און ביינאַכט פאַרשטעלט, מען זאָל זיי נישט דערקענען. די קליינע קינדער אין די שטובן האָבן זיך טייל מאָל שטאַרק דערשראָקן פאַר די פאַרשטעלטע.

ס'האָבן נישט געפעלט אַנדערע שרעק-סצענעס, אָבער דאָ איז פורים געווען דער יום-טוב פון לייכטזין, אַראָפּ דאָס יידיש-טיפּישע שווערקייט, איינמאָל כאָטש אין יאָר און פריילעך זאָל זיין. פורים א גוטער יום-טוב.

כ"א אדר

שווער צו פאַרגלייכן דעם כ"א אדר צו א יו"ט אדר צו א טרויער טאָג. פאַר די קינדער איז געווען א פרייד, שוין א וואָך פריער אז טאָג-טאָג האָט יעדער צוג געבראַכט נייע יידן. אויף די וועגן לענגלען זיך געשפּאַנטע פערד מיט געפּאַקטע וועגן, טיילמאָל מיט שנייַ פאַרדעקטע מענער און פרויען פון ווייט און נאָענט. אויטאָבוסן פון פאַרשידענע פאַרבן, פאַרשידענע גרויסן, יידן מיט קאָלפּיקעס, מיט ברייטע חסידישע, אָדער בעלי-בתישע סאַמעטענע און אפילו מאָדערנע קאָלירטע קאַפּעלושן, מיט זיידענע לאַנגע קאַפּאָטעס און קורצע אונגארישע איבערציערס מיטווייסע זאָקן, נישט געשנירטע שיך, לאַנגע שווערע שטיוול און אָפּיצערישע שטיוול. לאַנגע ווייס-גראָע און קורץ געפּוצטע בערד, שיינע פלעשלעך און האָרט דאַמבאָווע פאות, מיט פאַרוויינטע אויגן איבער די צרות פון דער פאַמיליע. שווערע פאַרשטיינערטע הערצער און פיל צו בעטן הייסע טרערן צו פאַרגיסןביים קישן דאָס קבר. יאָר ביי יאָר, דאָס קוויטל געשריבן די שווערע בינטל צרות פון האָרץ אַרויס גערעט, געוויינט און געשריגן, געבעטן רחמים, געשפּרונגען און געטאַנצט, צדקה און נדבות געשטיפּט און געדרינגען אויסצורעדן, אויסצוויינען, אויסצולייַדיקן דעם שווערן ווייטיק און אין מיטן די געוויינען געטאַנץ, געפילדער נצחון-פלאַם-געזאַנג פון חסידים, שטאָלץ מיט זיך, מיט זייער לאַנג אָנהאַלטנדיקן גייסט. כ"א אדר א געמיש פון פרייד און טרויער.

שבת הגדול

אין די דערפער האָט עס געוואָרפן א פחד, די שקצים האָבן אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי א מענטש אין א געשטאַלט פון א ייד און אים אויפגעהאַנגען אויף די דראָטן נעבן יידישע הייזער. אין שטעטל האָט שבת הגדול געמאַכט פריילעך, מען האָט געשיקט פארשידענע סאָרטן שיפן, באַנען און פלי-קאַרטן קיין מצרים, מערסטנטייל האָט מען דאָס געשיקט צום שונא, ער זאָל עס ערהאלטן פרייטיק, צו זיין גרייט שבת הגדול, מיט פארשידענע שפרעך און שטעך ווערטער ווי „פאַרך פלי קיין מצרים״, גראמען און לידער, אויך אין מאַרק געשטעלט א יודאַש, אפילו אַמאָל געדינגען א פויער מיט פערד און וואָגן און געברענגט דעם יודאַש שבת, גלייך נאָכן דאַוונען ביז צו דעם הויז פון שונא. עס האָט קיינער נישט געוווסט ווער האָט דאָס אָרגאַניזירט, און ווער האָט עס אָנגעגעבן דעם שנאה-כאראקטער צום שבת הגדול, אָבער אזוי איז ער געווען א שבת, ווען מ׳מעג פיינט האָבן יעדן, וואָס פארשאַפט יידן צרות. א יידן אויך...

פסח — מ׳גרייט זיך

שוין באַלד נאָך פורים האָט מען געגרייט און ערוואַרטעט דעם פסח. אין דרויסן האָט די זון ערשט אָנגעהויבן אַביסל צו שיינען. דער שניי האָט ערשט אָנגעהויבן צעגיין. מ׳האָט דאָס ביסל אָרעמקייט ארויסגעטראָגן אין דרויסן, די שטרויזעק, די אלטמאָדישע שווערע געקינצעלטע בעטן. צעלייקט אַלע ספרים, געלופטערט, אלע קליידער צעהאַנגען און גערייניקט. מען גייט קאַלעכן.

געטראָגן קאַלעך פון זישאלע גרינבערג, אָדער יאָסל גוזעק. א ביסל פארב ביי שמואל לאַנגזאַם, לעצטנס האָט מען שוין נישט בלויז געקאַלעכט, מ׳האָט שוין די שטובן געמאָלן אין פארבן אין פארשידענע שטרייפן אָדער בלומען, שוין מאָדערנער. די פעדערן פון די איבערבעטן און קישענס זענען געפלויגן, די מאַרקפּלעצער זענען געוואָרן פיל מיט געגנז, מען קויפט, מען שעחט, א געשמאַק פון די הייזער, מען גרייט שמאַלץ אויף פסח, די קעלערן ווערן אָנגעפילט מיט קאַרטאָפל, די גלעזערס פארקויפן בוטעלעס אויף וויין. שווארצע ראָזשענקעס זענען ביליגער, גרויע ראָזשענקעס זענען בעסער, מ׳לייגט איין די ראָזשענקעס, אַראָפּגענומען פון בוידעם די פסח מעסערס, די משפחה ארום טיש, מען שנייד די ראָזשענקעס. די קליינע קינדער נאַשן און פארהיסטן זיך ביי די קערלעך פון די ראָזשענקעס. די פויערן ברענגען וואָגענס מיט בינטלעך שטרוי, מען פילט אָן די שטרוי-זעק מיט פריש שטרוי. מען האַקט אָרויס דעם שטויב פון די געציילטע מאַטראַצן. אויסגעליפטערט די באַנק בעטלעך. טייל בעקערס גרייטן צו כשרן די אויווענס אויף באַקן מצות. מען דינגט קנעטערינס, וואלגערינס, מצה-רעדל-דרייערס. אַ בעסערער פּאַך איז א אָנזעצער, א שיבער, איינגיסערן. מען באַשטעלט ביים בעקער דעם טאָג און שעה, ווען צו באַקען די מצות, מען טראָגט דאָס מעהל צום בעקער, מען ווינשט און מ׳בענטשט זיך, לשנה הבאה... די משפחה צווישן זיך, אויך ווינשט א גוט יאָר. אַלע באַשעפטיקט ביים באַקן ווינטשן און קוקן אַרויס אויף עטלעכע פּאָר גראָשן,

ווען יעדער נעמט זיינע אַנגעבאַקענע מצות. די וואלגער-העלצער ווערן אַלע מאָל אָפּגעקראַצט פון טייג מיט שטיקלעך גלאָז, „וועלגערן דינער די מצה" — מען שרייט „רעדלען בעסער", שרייט א צווייטער, אביסל וואסער, שרייט די קנעטערן א מצה אין אויוון אריין, שרייט דער שיבער, צו א גרויס פייער, שרייט דער בעקער, מצה טעלאַלעך מיט אסך לעכאַלעך שרייען די קינדער, וואָס זענען אויך מחותנים ביי דער שמחה.

א גרויסער געפלאָכטענער קויש פון ים-שטעקלעך ווערט אַראָפּגעבראַכט פון פארשטויבטן בוידעם און אויסגערייניקט. מיט דעם געפלאָכטענעם דעקל הויך און ברייט, אריינגעלעגט די מצות זאָלן זיך נישט צעברעכן און דער טרעגער באַקומענ-דיק אַ פּאָר גראָשן „איר זאָלט דערלעבן איבער א יאָר" און אהיים געטראָגן.

מ'ברייינגט אריין דעם פסח

דאָס וואָס מען שעמט זיך אַגאַנץ יאָר איז ערב פסח א מצווה. די נאַכט אויף ערב פסח איז געגאַנגען מיט געזאַנג אַהין און צוריק צו דעם ברונעם נאָך מצה-וואסער, דאָס איז געווען א שפרוך-וואָרט (מען גייט שוין ווי נאָך מצה-וואסער).

מען האָט צו מאָרגנס, ערב פסח אליין געקנעטן, אליין געוואלגערט מיט גע-זאנג געזאָגט „הלל און תהילים". חסידים האָבן נאָר געגעסן ערב פסח מצות.

די שטובן ריין פארפיצט, די הכנות זענען געווען זייער גרויס. אויסגעקוועטשט די ראָזשענקעס, וויין א פארגעניגן. נאָך מנחה-מעריב די נאַכט אויף ערב פסח מיטן טריוואקס-לעכט, מיט א גענזענע גרויסן פעדער פון פליגל און האָלצערנע לעפל אין די האַנט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך צוזאמענגעשאַרט דאָס ביסל חמץ, ארומגעבונדן דעם לעפל חמץ מיט א שטיקל לייוונט און מאָרגן ערב פסח אין מקווה אוועק פארברענען דעם חמץ.

א געגיי צו דער מקוה: ווער מיט נייע געשיר טובלין א נישט קען מען עס נישט נוצן, ווער מיט אַלט געשיר כשרן אין קעסל פון דער מקווה, דאָס גרויסע קעסל, וואָס מען האָט געהייצט די מקווה האָט מען ספּעציעל אָנגעצונדן פריער, כדי מען זאָל קאָנען כשרן די כלים.

די טישן, קעך-שאַפעס, פּאָלקעס זענען געוואָרן איבערלייגט מיט פארשידענע ברעטלעך און ראגאזעס. די קעך אַרומגעקלעפּט מיט ליים, אויסגעגליט די אייזענס און בלעכן, די פּסחדיקע כלים אַראָפּגעטראָגן פון בוידעם און דאָס חמץ'דיקע ארויף אויפן בוידעם. נאָכן דאַוונען האָבן זיך די בכורים אויסגעקויפט.

דער פריילעכער פרייהייטס יום-טוב האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן. יעדער אין די נייע פארפוצטע יום-טוב'דיקע מלבושים. די שטיבן, וואָס זענען אַ גאַנצע וואָך געווען באַלויכטן בלויז פו א נאָפט-לאָמפּ איז פלוצים אַזוי שטאַרק באַלויכטן פון פיל גרויסע לעכט און לייכטערס. א לאנגער, ווייס געדעקטער טיש צוגעגרייט צום ווייס-באַדעקטן הסב-בעט. די קינדער מיט זייערע משפחות געקומען צום טאַטענס פאמיליע-סדר. קיין עין הרע, א רחבת ידים, א גרויסע קערה, א מצה טאַש, כוסות

גרעסערע און קלענערע, פאַרשידענע, פאַרביגע, הגדות פון דורי דורות, מיט פאַרשידענע פּרושים. פאַרשידענע בילדלעך פון פאַרשידענע צייטן.

מ׳רודעוועט, מ׳וואַרט אויף דעם סדר אָוונט, סדר נאַכט מיט פרייד און מיט מורא, ווער וועט זאָגן די פיר קשיה׳ס, מ׳זאָל זיך נאָר נישט פאַרפּלאָנטערן, דאָס קינד מיט די קשיה׳ס, דער טאַטע מיט יאָ וואַשן, נישט וואַשן די הענט און די מאַמע מיטן סדר פון דערלאַנגען דאָס עסן. מ׳וואַרט.

„מה נשתנה״ האָט געמאַכט אביסל פריילעך, אָבער אויך דאָ האָט נישט געפעלט קיין טייכן טרערן, בלוט-בלבול, פּחד, גזירות רעות. קונדאָסן עפענען די טיר ביי שפוך חמתך און שטופּן אַריין א בינטל היי, א יודאַש זיך פאַרשטעלט און אויסגעטרינקען כוסו של אליהו, ביי אייניקע האָט דער סדר געדויערט ביז 1 ביינאַכט און נאָך שפּעטער. די קינדער האָט מען געלייגט שלאָפן, זיי זאָלן „אויסזיצן״ די נאַכט, אָבער די אייגעלעך פאַרמאַכן זיך, דאָס קעפּעלע פאַרוואַרפט זיך, ווי איז מיר דאָס קינד איז איינגעשלאָפן, אויס מורא פאַרן טאַטן לויפט די טאַכטער-מאַמע אוועק מיטן עופעלע אין צווייטן צימער.

דער טאַטע א מלך אין ווייסן געקליידעט, עסט ליגנדיק און זאָגט אָן אויפער, וואָס נאָר ער אליין קיין עין-הרע א תלמיד חכם פאַרשטייט. אלע קוקן אויף אים.

אַמאָל לייענט ער אויך די יידישע איבערזעצונג אין דער הגדה, זאָלן די ווייבער אויך פאַרשטיין. אַלעס לויטן מלך׳ס ווילן.

דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער קעניגט אויך ביים עסן, יאָ, ברעכן נישט ברעכן די מצה, יאָ טרינקען נישט טרינקען און די מאַמע, די אייביקע טיש-פּרינצעסן קוקט אים אין מויל אַריין.

נתן פייט
(אַנטווערפּן — בעלגיע)

ל י ז ש ע נ ס ק

(מענטשן — טאַטען)

...נראתה לו ליוסף דמות דיוקנו של אביו שאמר לו: שמות אחיך יהא חרותים על אבני האפוד כלום רוצה אתה שיחסר שמך.

(מדרש רבה).

איכה חרבה...

אינעם מאָמענט ווען עס האָט זיך געגרינדעט א קאָמיטעט פון אונדזער שטאָט ליזשענסק אין מדינת ישראל פון די ה״ה ש. ים, פ. רוט, מ. שפּערגעל אונטער די איניציאַטיוו פון מיין יוגנט-חבר יהושע רוטמאַן, וועלכע האָבן אויף זיך גענו-מען די אויפגאַבע צו פאַראייביקן אונדזערע קדושים און כלל-טוערס, למען תספר באוזני בנך, דעם טראַגישן סוף פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אונדזער שטאָט בעת דער לעצטער וועלט-מלחמה. מען קען נאָר אײנס ווינשן, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם.

באַלד ווי די דייטשן האָבן באַזעצט אונדזער שטאָט האָבן זיי געוואָרפן אַ פּחד אויף דער יידישער באַפעלקערונג, אַלע הייזער און געשעפטן זענען געווען געשלאָסן. א שרעק געווען אין דער עפנטלעכקייט זיך צו באַווייזן.

ראש השנה, ווען מיר זענען געווען קאָנצענטרירט אין בית הכנסת און אין בית המדרש, האָבן די ווילדע רוצחים פון אַלע זייטן באַגאָסן די בתי תפילה מיט בענזין און פאַרברענט דאָס וואָס איז פאַר אונדז געווען אַזוי הייליק. על פי נס, זענען דאַמאָלס די מתפללים ניצל געוואָרן. דאָס איז געווען זייער ערשטע וואָרנונג, וואָס מיר האָבן פון זיי צו דערוואַרטן. ביים באַזעצן די שטאָט האָבן זיי געצוווּנגען אַלע יידישע מענער גיין צו דער אַרבעט. נאָך דער אַרבעט האָט זיך פאַרזאַמעלט אויפן מאַרק-פּלאַץ די פּוילישע באַפעלקערונג און מיט פרייד און געלעכטער צוגע-קוקט, ווי מיר האָבן געמוזט מאַכן פאַרשידענע אַקראָבאַטישע באַוועגונגען.

דאָס האָט געדויערט ביז ערב סוכות. ערב סוכות 7—8 אזייגער אינדערפרי האָבן די נאַציס פאַרזאַמעלט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אויפן מאַרק-פּלאַץ, אנשים, נשים וטף, צוערשט דורכגעפלינדערט יעדער יידישע שטוב, קאָנטראָלירט אויב עס האָט זיך א לעבעדיק וועזן באַהאַלטן, דאַן האָבן זיי א שטרענגע וואָרנונג געגעבן, אז יעדער ייד מעג מיט זיך מיטנעמען נאָר 150 זלאָטעס (בערך 20—23 דאָלאַר) און מיט באַגנעטן און אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערס אונדז אויף אַזאַ שענדלעכן אופן צוגעפירט ביז 6 קילאָמעטער אונטער דער שטאָט צום טייך סאַן.

מיר זענען אריבער אויף דער צווייטער זייט טייך, וועלכע האָט לויטן דאַ-מאָלסדיקן דייטש-רוסישן אָפּמאַך געהערט צו די רוסן. אויף אַזאַ ברוטאַלן אופן האָבן מיר זיך אויף אייביק געזעגנט מיט אונדזער געבורט-שטאָט. די פּאַליאַקן האָבן

זיך צוגעקוקט און געשטראַלט פאַר שמחה, צוזעענדיק אונדזער חורבן און אָנגע־הויבן גלייך צו פּלינדערן און ראַבעווען ייִדיש פאַרמעגן.

די שטאָט ליזשענסק, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער געווען אין דער ייִדישער וועלט, איז יעצט א פארגאַנגענהייט־באַגריף. ליידער איז איבערגעבליבן נאָך דער מלחמה זייער א קליינע צאָל ליזשענסקער, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון סיביר און פון אַנדערע רוסישע לאַגערן. זיי וווינען אין מדינת ישראל, ווי אויך אין אמעריקע, דאַגעגן האָט נישט געוואגט אויס מורא זיך צו צאזעצן אין ליזשענסק א ייד נאָך דער מלחמה, צוליב דעם גרויסן אַנטיסעמיטיזם און טעראָר, וועלכער הערשט נאָך היינט לגבי יידן. די יחידים, וועלכע האָבן געוואָלט באַזוכן די שטאָט, האָבן דאָס געמאַכט אונטער פּאָליצייאישע שמירה, און דאָס נאָר בייטאָג, ווען ס'איז נאַכט גע־וואָרן האָבן זיי געמוזט פארלאָזן די שטאָט אויס שרעק פאר די כוליגאַנעס.

* * *

אַנשטאַלטן

שרייבענדיק פון ליזשענסק מוזן מיר זיך קודם כל אָפּשטעלן ביים אוהל פון מוהר"ר אלימלך ז"ה ה"ה (דער בעל המחבר פון ספר נועם אלימלך).

כ"א אדר, ווי אויך אַ גאַנץ יאָר זענען טויזנטער חסידים און סתם יידן פון אַלע עקן פון לאַנד און אויסלאַנד געקומען אויפן „ציון" אויסגיסן זייערע פאַרבי־טערטע הערצער און בקשות. וויפל קולות און יללות האָט מען ארויסגעהערט פון דער מערה, דער קבר איז געווען דורגעקנעטן מיט ייִדישע טרערן, וואָס זענען דאָרט פארגאָסן געוואָרן און וועלכער ייד האָט זיך נישט געוואָלט פאַרזיכערן מיט עולם הבא, ווייל דער רבי ז"ל האָט פארזיכערט, דאָס, ווער עס וועט קומען אויף זיין ציון וועט נישט שטאַרבן אָן א תשובה. ליידער האָבן די נאַציס אויך דעם אוהל פאַר־ניכטעט, און די פּאָליאַקן וועלנדיק אָפּווישן יעדער שפּור, האָבן ביים ארויפגאַנג אויפגעשטעלט א בענזין סטאַציע. (לויט די אינפאָרמאַציעס, וועלכע איך האָב ער־פאַרן).

ליזשענסק האָט געציילט בערך 500 יידישע משפחות. אין פאַרגלייך צו זייער עקאָנאָמישן צושטאַנד איז זי קולטורעל, סאָציאל און פּאָליטיש געווען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ ענטוויקעלט. מיר האָבן געהאָט א בית הכנסת, א בית־המדרש הגדול, אַ קלויז אויפן נאָמען פון ההג' רבי אלימלך זצ"ל, א אגודה קלויז, א מזרחי מנין, ווי אויך א ניי מאָדערנע מקוה מיט א ספּעציעל שוויץ־באָד. ספּעציעל איז אונדזער שטאָט שטאָלץ געווען אויף אונדזערע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געפירט א פארביטערטן קאַמף פאר זייער עגזיסטענץ.

מיר האָבן געהאָט אַ שטאַרק אַנטוויקעלטע תלמוד־תורה, ווי די קינדער האָבן באַקומען א שטרענג רעליגיעזע ערציאונג. אויך האָבן מיר געהאָט א בית־יעקב־שולע פאר מיידלעך. מיר האָבן געהאָט אַ גוט אנטוויקעלטע תרבות־שולע, וועל־כע האָט געטראָגן א נאַציאָנאַל־רעליגיעזן כאַראַקטער אונטער דער לייטונג פון

מזרחיסטיש-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט אויך געהאַט זייער א אנטוויקעלטע ביבליאָטעק אונטערן נאָמען „תרבות.

ס'האָט ביי אונדז עקזיסטירט אַ זייער אַנטוויקעלטע גמילת חסדים-קאַסע, וועלכע האָט צענדליקער מענטשן אַרויסגעהאָלפן אין זייער טאָג-טעגלעכן געראַנגל. די קאַסע האָט אַנגעפירט ר' יצחק שפּאָץ, איינער פון די זייער חשובע מענטשן פון אונדזער שטאָט. ער איז אויך געווען צענדליקער יאָרן אונדזער ראש הקהל.

די יידישע באַנק איז ביי אונדז, די לעצטע יאָרן געווען גוט אנטוויקעלט און האָט געהאַט פארדינסטן פאַר אונדזער שטאָט. זי איז געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון ר' יוסף גוזיק.

לאַנגע יאָרן האָבן מיר געהאַט אַ קאַסע, וועלכע מען האָט זי גערופן „אַנפּאַרטיק געלט-קאַסע". די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון אַלע שיכטן איז אין איר געווען באַטייליקט. זי האָט אויף זיך געהאַט די אויפגאַבע אַלע דורכרייזענדע אָרעמעלייט צו געבן א געוויסן סכום געלט און זיי האָבן נישט געמוזט גיין פון הויז צו הויז בעטן אַ נדבה.

מיט אונדזער בית-מלון, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו ערמעגלעכן די דורכרייזענדע אָרעמעלייט איבערנעכטיקן האָט זיך אָפּגעגעבן ר' שמואל האָרן.

די פּאָליטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהערט: אגודת ישראל, צעירי און בנות אגודת ישראל, מזרחי און צעירי מזרחי, א סתם ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אירע אָפּטיילונגען, הנוער הציוני, רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע, פּועלי ציון, ווי אויך א לינקער בונד-פאַרבאַנד.


רבנים, תלמידי חכמים און עסקנים

ביז 1938 איז געווען ביי אונדז אין שטעטל דער ראש הרבנות הרה"ג. יחזקאל סגל לאנדאו (פריער סטרעליסקער רב). ער איז געווען דער איידעם פון באוווסטן נדבן אין לעמבערג ר' ווֶעלוול וואַקס און געהערט צו די שאַרפסטע בעלזער חסידים. פון מיינע יונגסטע יאָרן בין איך געווען א בן בית ביי אים און געהאַט די מעגלעכקייט צו אַבסערווירן און זיך באַקענען מיט זיין התנהגות.

אלס ירא שמים, גרויסער פוסק, שונא בצע און מיט זיין אויטאָריטאַטיוון אויפטרעטן, האָט ער אפילו ביי זיינע געגנערס ארויסגערופן דעם גרעסטן רעספּעקט. ער איז זייער פּאָפּולער געווען אין די רבנישע קרייזן, בעת דער גרויסער אסיפת הרבנים אין גאַליציע, איז ער געווען אויך פאָרזיצער, ער האָט געשריבן א חיבור איבער זיינע תורות, וועלכע ער האָט יעדן שבת און יומ"ט, ווי אויך ביי אנדערע געלעגנהייטן אונטערן נאָמען „דברי יחזקאל" פארעפנטלעכט. עס איז א שאָד, וואָס די מאַנוסקריפּטן זענען פאַרלוירן געגאַנגען. מיין טאַטע ז"ל פלעגט זאָגן: שוין ערב שבת קען מען ביי אים זען, אז ער האָט באַקומען א גאַנץ אנדע אויסזיין. שוין ביי קבלת שבת האָט מען באַמערקט זיין התלהבות און ווער דערמאָנט זיך נישט זיין נשמת זינגען נאָך דער סעודה, צו שלוש סעודות זענען געקומען א היבשע צאָל ב"ב. מיט זיינע שאַרפע תורות האָט ער אַרויסגערופן אַ באַזונדערן יראת הכבוד,

ווי געוועגלעך האָט זיך אין יעדער שטעטל געפונען אייניקע געגנער צו א רב, אָבער צוליב זיין אויפריכטיקייט און האָבנדיק מסירת נפש פאר אלעס, וואָס האָט געהאָט א שייכות צו יידישקייט און החזקת הדת, האָבן די גרעסטע געגנער אים רעספעקטירט. איינמאָל שבת פאר קריאת התורה האָט ער אויסגערופן א איסור פון א (איקס) בעל מלאכה, ווייל ער איז געווען בסתר א „מתיר אסורים”. זונטיק איז דער (איקס) ארויפגעקומען צום רב און פארלאנגט פון רב צוריקצורופן דעם איסור, גֿעדראָט און סקאַנדאַל געמאַכט. ס׳איז געקומען צו זייער א געשפאַנטן צושטאַנד, אָבער דער רב האָט זיך געהאַלטן ביי זיין שטאַנדפונקט.

ביז זיין הסתלקות האָט ער אַלס יו״ר אַנגעפירט מיט דער תלמוד תורה, דער קאַמף פאַר איר עגזיסטענץ איז געווען א שווערער, נישט איין שלפלאָזע נאַכט האָט ער מיטגעמאַכט, ספעציעל סוף מאָנאַט, ווייל אייביק האָט אויסגעפעלט געלט אויסצוצאָלן די מלמדים, אָבער טראָץ די אַלע שוועריקייטן האָט ער שטענדיק אַנגאַזשירט די בעסטע מלמדים. איך האָב באַוואונדערט דאָס געדולד פון דער רביצן ז״ל, אירע שטובן זענען שטענדיק אָפן געווען פאר אלע אָרעמעלייט, נישט איבערטרייבן, מעג מען זאָגן, זיי האָבן מקיים געווען, ויהא בני ביתך עניים, עס האָט זיך זייער אָפט געטראָפן, ווען ס׳איז געווען מערערע אורחים, האָט מען פאר זיי אויסגעבעט געלעגערס צו שלאָפן. נאָך זיין פטירה איז איבערגעבליבן דער זון, הרב ר׳ יואל משה סגל לאנדאו ז״ל און א טאָכטער. דער איידעם הרב ר׳ מנשה פענקעל ז״ל איז גע-



הר׳ מנשה פרענקעל

ווען זיין זון הרב ר׳ יואל לאנדאו האָט זיך געהאַלטן ביי דער שיטה: אהב את המלאכה ושנא את הרבנות. האָט זיך מפרנס געווען פון מסחר. געהאַט א טעקסטיל געשעפט. ער איז געווען א גרויסער פיקח און א ספרא רבה. די גרעסטע טייל פון זיין צייט האָט ער אוועקגעגעבן לטובת הכלל. ער איז געווען מזכיר פון אגודת-ישראל און בית-יעקב, אויך איז ער געווען א מיטגליד אין שטאָט-פארוואלטונג (מאגיסטראַט), אלס ספרא רבה האָבן זיך צו אים געווענדעט צענדליקער מענטשן יעדן טאָג, ער זאָל זיי שרייבן בקשות ספעציעל אין שטייער אָמט. זיינע טירן זענען שטענדיק אָפן געווען פאר אלע שיכטן. איך בין מיט אים טיילמאָל געזעסן ביז זייער שפעט אין דער נאַכט ביז מיר האָבן די לויפענדע בקשות ערליידיקט.

ער האָט זיך זייער פיל געווידמעט לטובת אגודת ישראל און בית-יעקב, אלס גוטער בעל תפילה האָט ער געדאווענט אין בית-הכנסת, ווי אויך אין בית-המדרש הגדול. צוערשט בעת דער לעצטער מלחמה האָבן מיר זיך איבערצייגט, וואָס עס הייסט אחוות ישראל און מסירת נפש. פון טעהעראַן (איראַן) האָט ער אויפגעזוכט אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך אין רוסלאַנד אונדזערע לאנדסלייט און סתם יידן זייערע אַדרעסן און געשיקט פעקלעך מיט שפייז און קליידונג. אַדאַנק אים האָבן זיך צענדליקער משפחות געראַטעוועט פון הונגער אונטערגאַנג.

שרייבענדיק איבער אונדזער בית-דין, קענען מיר נישט פארבייגיין אונדזער לאַנגיאָריקן רב״ד ר׳ שמואל בירנבוים ז״ל. גערופן האָט מען אים ר׳ שמואל ציצער. 50 יאָר האָט ער באַקליידעט דעם פּאָסטן ביי אונדז אין שטאָט, געטראָגן האָט ער אַ הויכן קאָלפּיק, געהאַט א הדרת פנים און מיט זיין שמייכלדיקן פנים האָט ער אונטער זיך געהאַט אַלע אלס פריינט און אָנהענגער, מיט זיין געמיטלעך געלעכ-טער האָט ער תמיד בארוהיקט מענטשן. בעת עס איז אויסגעבראָכן רייבונגען צווישן די פּאָליטישע פּאַרטייען. אלע יאָרן איז ער געווען מוהל און בעל תפילה. אויך איז ער געווען יו״ר פון דער חברה קדישה.

ביז קורץ פאר דער מלחמה האָט געלעבט ביי אונדז ר׳ נפתלי חיים האָלענ-דער ז״ל, א תלמיד חכם מופלג, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פּאַטריאַכאַ-לישן אויסזען, געהאַט האָט ער א חסידיש נגידיש הויז. ערצויגן אַלע זיינע קינדער אין תורה. די טעכטער האָט ער אויסגעגעבן פאר רבנים און סתם אָנגעזעענע מענטשן. איין איידעם איז א איניציאַטאָר פון דעם בוך ר׳ פייוויש ראטה, וועלכער וווינט אין תל-אביב, ר׳ נ. ח. האָלענדער איז געווען א יושב אהל. שטענדיק האָט מען אים געטראָפן ביי דער גמרא. אויף אים קען מען זאָגן, שלא פסקי גרסא מפומיה. ער האָט אייניקע מאָל געענדיקט דעם ש״ס. זעלטן, איז ער ארויסגעגאַנגען מפתח ביתו. אחוץ ווען ער איז געגאַנגען אין בהמ״ד, אָדער צו א דבר מצוה. זיין הויז איז געווען א בית ועד של תח׳ ספּעציעל די סאנצער און שיניאַווער איינעקלעך האָבן געהאַט זייער אכסניה ביי אים. מיטגליד פון דער קהלה פארוואלטונג, גבאי פון ר׳ מאיר בעל הנס, סגן יו״ר פון גמילת חסדים קאַסע. יעדן שבת האָט ער ביי זיך אינדערהייט געפירט שלוש סעודות, עס איז כדאי צו דערמאָנען זיין פרוי

חיילה, א אשת חיל, אַליין אַנגעפירט מיט די הויפט טראַפיק אקאַצים פאַרטרעטונג און געשעמט אלס חכמת.


ר׳ דוד ראַטמאַן, א פעטער פון ליזשענסקער טאַרנאָפּאָלער און יאַווּראָווער רבנים אתח׳ און א רר״ש, אַ בעלזער חסיד, געווען פון די ערשטע פון די השכמת בהמ״ד. געשטאַמט פון די עלטסטע אין שענסטע פאַמיליעס פון אונדזער שטאָט, אַ איידעם פון ליזשענסקער רב, ערצויגן מיט מסירת נפש, אַ רעליגיעזע חסידישע שטוב, שטענדיק זיך געהאַלטן אין דער זייט פון אַלע שטאָטישע מחלוקתן, אלעס, וואָס האָט א שיכות געהאט מיט תורה און חסידישן לעבן האָט ער וואַרעם אונטער־שטיצט, ער איז געווען דער זיידע פון דעם איניציאַטאָר פון דעם ווערק יהושע ראַטמאַן, וועלכער וווינט איצט אין רעננה. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז שוין פון זיינע יונגסטע יאָרן האָט זיך יהושע ראַטמאַן געווידמעט דער געזעלשאַפטלע־כער ארבעט. אַדאַנק אים האָט זיך אין שטאָט ענטוויקעלט אַ שטאַרקע יוגנט־אָר־גאַניזאַציע א.נ. הנוער הציוני, און ער האָט מיט אים אַנגעפירט ביז דער מלחמה. נאָך דער מלחמה האָט ער זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין ישראל באַנייט. ער האָט אונדזערע לאַנדסלייט געהאָלפן דורך פאַרשידענע אינטערווענצן, אויך האָט ער געגרינדעט און אָרגאַניזירט אַלע ליזשענסקער אין איין פאַריין, און דורך זיין אי־ניציאַטיוו ווערט יעדעס יאָר כ״א אדר אָפּגעהאַלטן די טראַדיציאָנעלע יאָרצייט פון אַלע ליזשענסקער קדושים.

מיין פאַטער ר׳ שלום פייט ז״ל. איך מיין, אז אַ זייטיקער מענטש וואָלט אפשר דייטלעכער באשריבן זיינע פארדינסטן, איך וועל מיך אָבער באַמיהען אין קורצן צו באַשרייבן. אַ ת״ח מופלג אָן אַ עוסק בענינים כלליים צבוריים באמונה. ר׳ אבוהו בשי ר׳ יוחנן אמר כל מי שמבטל עסקיו מפני משנתו אלו ת״ח. יעדן פרימאָרגן 5-6 אַזייגער, האָט ער געהאַט א שיעור קבוע מיט ר׳ שלו׳ שו״ב עטנער, אויך אַלס למדן האָט ער זיך שטאַרק געווידמעט מיט הרבצת התורה. ער האָט מקיים געווען דעם מאמר חז״ל מהאיש אינו דולקת יחידה ואף תורה אין מקיימין ביחידי. נאָכמיטאָג האָט ער געלערנט משניות אין בית המדרש הגדול, אויך האָט ער געהאַט א שיעור קבוע מיט די צעירי אגודת ישראל און ביינאַכט האָט ער געלערנט דעם דף היומי אין דער אגודה קלויז. נישט איינמאָל איז ער געזעסן שפעט אין דער נאַכט און געלערנט, כדי צו ענדיקן זיינע שעורים קבועים. אלס עסקן איז נישט געווען אַ רעליגיעזע אָדער סתם שטאָטישע אינסטיטוציע ער זאָל נישט האָבן אַקטיוו מעט־געאַרבעט, אָדער אַנגעפירט. אַלע יאָרן האָט ער אַנגעפירט מיט דער בית יעקב שולע. נאָכן הסתלקות פון אונדזער רב אַנגעפירט מיט די ת״ת, אַלע יאָרן אַנגעפירט מיט אַזאַ וויכטיקע סאָציאַלע אונטערנעמונג, ווי „אופארטיג געלט־קאַסע״, ווי אַלע דורכרייזענדע אָרעמעלייט און סתם נויטבאַדערפטיקטע האָבן באַקומען געלט, נישט געדאַרפט גיין בעטן נדבות. לאַנגיאָריקער מיטגליד און צולעצט יו״ר פון דער חברה קדישה, מיטגליד פון דער גמילת חסדים קאַסע־פאַרוואַלטונג, גבאי פון ר׳ מאיר בעל הנס. יו״ר פון אגודת ישראל אָרגאַניזאַציע, אלס מיטגליד אין דער קהלה־פאַרוואַלטונג האָט ער אויפגעשטעלט אַ מקוה און אַ שוויץ באָד אין מאָדערנעם

פארמאַט. זייער אָפט זענען ביי אונדז אין שטוב פאַרגעקומען באַראַטונגען פון פאַר־שידענע אינסטיטוציעס ביז זייער שפעט אין דער נאַכט, ווייל אָנפירן מיט די אַלע אינסטיטוציעס, פאַר דער מלחמה, איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסן נסיון, תמיד האָבן די אַלע אינסטיטוציעס געהאַט אַ דעפיציט. ספעציעל אַ שווערן קאַמף האָט מען געהאַט מיט די ת״ת און די דעפיציטן. אפילו ווען מיר האָבן אָפגעריכט גלות האָט ער גלייך קומענדיק קיין סאַנדאָווי ווישני אין דער נאָך אין לעמבערג ביים באָיאַנער רבין זצ״ל געלערנט מיט עולם דעם דף היומי.

ר׳ לייבל זילבערבערג, אחוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ ת״ח האָט ער אויך באַזיצט קאָצקער שאַרפקייט, געהאַט גרויס מסירת נפש פאר יידישקייט, ער האָט אויפגעשטעלט אַ חסידישע היים. אַלע זיינע קינדער וווינען אין ישראל. זיין עלט־סטע טאָכטער איז היינט איינע פון די הויפט לייטערן פון ב״י באַוועגונג אין יש־ראל, ער איז געווען לאַנגיעריקער הערן יו״ר פון אג״י, מיטגעארבעט אין אַלע אַגודיסטישע אינסטיטוציעס, ווי אויך אין דער ת״ת און ב״י שולע. יעדן שבת האָט ער געלערנט מיט די צאג״י מדרש.

ר׳ מענדל יאַראָסלאַוויטש, טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיך באַזעצט אין אונדזער



ר׳ מענדל יאראָסלאַוויטשער ז״ל

שטאָט 1929, האָט ער באַלד גענומען אַ אַקטיוון אָנטייל אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אַ גרויסער ת״ח און פיקח, און אַלס איבערגעגעבענער אגודיסט האָט ער פיל צייט און ענרגיע געשאָנקען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אגודה און צעירי אג״י. ער האָט אויך זייער אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער לייטונג און ארבעט פון דער

ת״ת און ב״י שולע. ער האָט ערצויגן אַ חסידישן דור. אַלע זיינע זון וווינען אין אַמעריקע. די יונגסטע טאָכטער איז פאַר דער מלחמה געווען ב״י לערערן, איר מאַן איז דער היינטיקער ראש הישיבה אין לוצערן, שווייץ רשה״ג יצחק קאָפּעלמאַן שליטא.

ר׳ אברהם וואַקספרעס, מיט זיין הדרת פנימדיקן אויסזען האָט אויף זיך גע-ציוגן די אויפמערקזאַמקייט, זעלטן האָט מען אים אין דער עפנטלעכקייט געזען, אלס ת״ח האָט מען אים געטראָפן שטענדיק לערנען. לאַנגע יאָרן איז ער געווען אונדזער בעל-תפילה, זיין מתיקות און דאַוונען קען נאָר אַפּשאַצן, ווער עס האָט אים געהערט דאַוונען. נאָך היינט צו טאָג רעדן די ליזשענסקער פון אים. ער איז נאָך געווען בעל-תפילהביים שינאַווער צדיק ז״ל.

ר׳ קלמן וואָלף שטאָלבאָך, א קאָלישעצער חסיד. זיין הויז איז תמיד אָפן געווען פאַר די דורכרייזענדע אייניקלעך, אויך געווען אַ גרויסער מכניס אורח, ער האָט זיך משדך געווען מיטן פשעצלאַווער רב, איז געווען לאַנגיעריקער מיטגליד פון אונדזער שטאָט פארוואלטונג (מאַגיסטראַט), מיטגעאַרבעט און געווען א מיט-גליד אין ת״ת קאָמיטעט, „אונפארטי געלט-קאַסע״, ווי אויך אין גמילת חסדים-קאַסע.

ר׳ מאָטל רייז, אַלס חובב ציון און איבערגעגעבענער מזרחי טוער, איז ער געווען לאַנגיאָריקער פרעזעס פון דער מזרחי, ער האָט פיל צייט געשפּענדעט לטו-בת דעם מזרחי-ציוניסטישן אידעאַל, נאָך אין די יאָרן 1922 ווען עס איז נאָך אין גאַליציען אויסגעזען ווי אַ חלום, האָט ער שוין דאַמאָלס געגרינדעט אַ העברעאישע שולע ביי אונדז אין שטאָט. אויך אין שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך אַ קורצע צייט איז דורך זיין איניציאַטיוו געגרינדעט געוואָרן אַ העברעאישע שולע, וועלכע האָט ביז דער מלחמה עקזיסטירט אונטער דער לייטונג פון דער מזרחי מיט די ציונים.

פישל שפּערגעל. איך האָב אים געקענט פון מיינע יונגסטע יאָרן, ער איז געווען דער גייסטיקער און פּאָליטישער מנהיג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַ זייער אינטעליגענטער מענטש, ווי תורה און חכמה האָט זיך ביי אים קאָנצענ-טרירט. מיט עקשנות האָט ער זיך געווידמעט פארן ציוניסטישן אידעאַל. זייער אָפט איז ער אין דער עפנטלעכקייט מיט רעפעראַטן אויפגעטרעטן.

איך האָף, אז אויך נאָך ליזשענסקער, ספּעציעל די מחברים פון דעם ווערק וועלן זיך די מי געבן די איבעריקע עסקנים און סתם ב״ב צו באַשרייבן בפרטיות און זייערע פאַרדינסטן.

איך וויל דאָ נאָך אין קורצן אָנדויטן די אָנפירערס און מיטארבעטער ווי אונ-דזערע געוועזענע אינסטיטוציעס.

די ת״ת איז געווען לאַנגיאָריקער יו״ר הרב שליטאַ, דערנאָך ר׳ שלום פייט. אין קאָמיטעט זענען געווען ר׳ שמעלקי האָראָוויץ, ר׳ לייבל זילבערבערג, ר׳ קלמן וואָלף שטאָלבאָך, ר׳ יוסף סאָבאל, ר׳ מנדל יאראָסלאוויץ, ר׳ דב שטרויך, ר׳ אבר-הם פייגענבוים און ר׳ יואל משה לאנדאו, ר׳ מאיר שמעון וויינרייך און ר׳ מאיר שטיינבוך.

די אגודת ישראל איז געווען רעפּרעזענטירט עהרן יו״ר ר׳ לייבל זילבערבערג, יו״ר ר׳ שלום פייט, מזכיר ר׳ יואל משה לאנדאו, ר׳ מנדל יאראָסלאוויץ, ר׳ אברהם פייגענבוים, ר׳ שייע וואכסעלבוים און ר׳ ראובן ראָזנער.

די בית-יעקב שולע יו״ר ר׳ שלום פייט, מזכיר ר׳ יואל משה סגל לאנדאו, גזבר ראובן ראָזנער, ר׳ לייבל זילבערבערג, ר׳ מענדל יאראָסלאוויץ, ר׳ יוסף א. ווייסבלום, ר׳ אברהם פייגענבוים, אביגדור לאנגבוים און ר׳ מאיר שמעון וויינרייך.

מיט די צעירי אג״י, אלס יו״ר יוסף האָלענדער. נאָך זיין עולה זיין קיין ישראל, איז געווען יו״ר ישראל וויינרייך. ביידע ווינען אין ישראל. מזכיר נתן פייט, יצחק שטאלבאך און שייע שטיינבוך פאַרוואלטונגס מיטגלידער.

מיט דער מזרחי יו״ר ר׳ מאָטל רייז, יצחק אָבערלענדער, ר׳ פייוויש ראטה, אהרון צבי ראָטמאַן, מזכיר מנדל וויינרייך.

מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד״ר דאָבשיץ, ד״ר געלער, ד״ר וואָלף, פישל שפּערגעל, משה קאַרפּ און יהושע ראָטמאַן.

מיט דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע, גרינדער און פּרעזעס שיע ראָטמאַן.

ניט דער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „בונד״, לייב רייכענטאַל, משה בירנבוים, שייע וואַסערמאַן.

מיט דער גמילת חסדים קאַסע, פּרעזעס ר׳ יצחק שפּאַץ, סגן יו״ר ר׳ ג. ח. האָלענדער, ר׳ יוסף גוזיק, ר׳ שלום פייט, ר׳ ח. מאנדל, ר׳ מרדכי האָלאָשיץ און ר׳ ק. וו. שטאלבאך.

מיט דער אונפּארטיי געלט-קאַסע ר׳ שלום פייט, ר׳ קלמן וואָלף שטאלבוך און ר׳ מ. בוהרער.

מיט דער אַלגעמיינער יידישער קאַסע איז געווען פּרעזעס ר׳ יוסף גוזיק.

מיטן בית מלון האָט אָנגעפירט ר׳ שמואל האָרן.

אזוי געדענק איך ליזשענסק: א שטעטל, א געזעלשאַפט פון זאָרג און אויפמערקזאמקייט פאר אלע מענשלעך יידישע באַדערפענישן.

פאַרוואָס מ׳האָט אַזעלכע שטעט אומגעבראַכט קאָן קיין נאָרמאַל מענשלעכער מוח נישט באַגרייפן.

מ. שפּרגל

דאס קליינע וועלדל

דאָס איז געווען דער קוראָרט פון אונדזער שטעטל. דאָס וועלדל איז געליגן נישט ווייט פון שטאָט, א קנאַפּער קילאָמעטער, ס׳האָט זיך געבעטן אַהין אַ שפּאציר טון, און קראַנקע מענטשן האָבן עס געטון מיט פאַרגעניגן. דאָרט האָבן זיי געהאַט די געזונטע לופט.

צום וועלדל האָט מען געקענט קומען מיט צוויי וועגן, מיט די פעלדער דורכן וואַל,' נעבן בית הקברות, פון דאָרט אַרויף אויף א הויכן באַרג דורך פעלד-סטעזש-קעס, וואָס האָבן געפירט גלייך אין וועלדל אריין. דער צווייטער וועג — דורך דעם וויערצער שטרוס, וואָס האָט געפירט אין טאָל אַריין, וואָס האָט זיך געשלענגלט גלייך צום מיטן פון וועלדל.

פון ביידע זייטן טאָל זענען געווען הויכע בערג, פול פארהויקערטע מיט קליי-נע בערגלעך און די טאָלן פון די קליינע בערגלעך פלעגן זיך מענטשן פאראיינזאַ-מען, מיט א צייטונג אָדער בוך, קיינער זאָל נישט זען.

מיר קינדער, וועלכע זענען א גאַנצע וואָך געווען פארשטיקט, גאַנצע טעג, ביז אָוונט אין ענגן חדר, וואָס איז אויך געווען די קיך פון דער רביצן צו קאָכן אירע אָרעמע פאַרדומפּענע קאַרטאָפל גריץ, ביי פארשפּארטע פענסטער, זומער און



„הנוער העברי״ ביים קליינעם וועלדל

ווינטער, מיר פלעגן אָפּוואַרטן דעם שבת, ווי א גואל, כדי צו לויפן אין קליינעם וועלדל, אָבער אויך שבת זענען מיר נישט געווען פריי פון חדר, מיר האָבן געמוזט גלייך נאָכן עסן לערנען פרקי-אבות, דערביי האָט מען די נשמה אונדזערע אַרויס-גענומען קודם מיטן רעבן זיך ביים עסן נאָכדעם מיטן בענטשן און צום סוף דער פּרק און די מעשה מיטן גיהנום און גן-עדן, די פרייד פון צדיקים און להבדל די יסורים פון די רשעים ימ״ש. פון דעם אלעם איז נאָך נישט געווען קלאָר פאַר אונדז פאַרוואָס דאַרפן מיר נישט גען אין וועלדל ?

ענדלעך האָבן מיר זיך אַרויסגעריסן און אוועק אַהין צו אונדזער ליבן פרייען ערטעלע — דאָס וועלדל. אויף די בערגלעך האָבן זיך גערויטלט פּאָזיאָמקעס, זיי האָבן זיך געבעטן צום עסן. דאָס האַרץ האָט גענאָגט, אָבער: „שבת מען טאָר נישט״. דער יצר-הרע פירט א בייזן קאַמף מיטן יצר-טוב, געזיגט האָט דער יצר-טוב אָבער מיט א פשרה, מען טאָר נישט רייסן, אָבער אַוועקלייגן זיך מיטן בויך אַראָפּ און אַראָפּבייסן מן האדום האדום הזה. מעג מען יאָ. דאָך דאַרף דער רבי און דער טאַטע נישט וויסן דערפון, אנדערש שטעלן מיר איין דעם איינציקן תענוג שבת אונדזערן.

אויסער דעם אויב עס האָט זיך געמאַכט און איינער האָט אונדז אויסגעגעבן און מ׳האָט אונדז פארשלאָסן אין חדר אויף א גאַנצן שבת, האָבן אלע ארויפגעלייגט די שולד אויף דעם קליינעם מסור און ער אַלס מחלל-שבתניק האָט זיינס געקריגן. ער האָט קיין גהינום נישט געדאַרפט ליידן. ער האָט אים דאָ געהאָט אויף דער וועלט. דער רבי האָט אים געדראָשן מיטן שטעקן, געזידלט, געסטראָשעט מיט נאָך ערגערס ווי גהינום, און די קינדער האָבן זיך נוקם געווען פון זייער זייט, גענוג געווען א זאָג טאָן איין וואָרט „פּאָזיאָמקעס״ מער האָט ער נישט געדאַרפט.

פארנאכט, ווען דאָס וועלדל האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסליידיקן פון דעם קליינוואַרק, האָבן זיך פון באַהאַלטענע ווינקעלעך אָנגעהויבן באַווייזן פאַר-שידענע פּאָרעלעך, פאַר דער ליבעס ערקלערונג נאָך איר, חתן-כלה ממש און אויך יונגע פאַר פעלקער ערשט פון דער חופה, אָדער שוין מיט קינדער-וועגעלעך. די לופט צווישן די בוימער איז געווען פריש, פייגעלעך האָבן צוגעזונגען לויטן טאָקט פון די קלאַפּענדע הערצער, וואָס זענען געווען איבערפילט מיט ליבע סודות.

ווען די בוימלעך וואָלטן רעדן! זיי האָבן געוואוסט מער סודות פון יעדן איינעם.

די לעגענדע האָט אויך געוואָלט, אַז דער רבי ר׳ אלימלך זצ״ל האָט דאָרט אויסגעקליבן פאַר זיך דאָס העכסטע בערגעלע און דאָרט האָט ער געלערנט און סודות מגלה געווען פון די הויכע ספירות.

מלמדים האָבן נאָר אין ל״ג בעומר ערלויבט אַרויסגיין מיט די קינדערלעך אין וועלדל אַריין, ארויף מיט זיי גלייך אויפן באַרג פון ר׳ אלימלך, דאָרט האָבן זיי געפונען צוויי גראבע בוימער שטאַמען און ערקלערט:

דאָ האָט דער גרויסער צדיק געלערנט.

א קליין וועלדעלע, אָבער פול מיט קינדערישן באגער, מיט יוגנט סודות, און א קוואַל פון פרישקייט און לעגענדע.

משה ירוסלביץ

מענטשעלעך און מעשהלעך

דער בעקאַנטער אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלער אליעזר שינדלער, האָט אין זיינע זכרונות פון דער ערשטער וועלט-מלחמה געשריבן, אז דער גורל האָט אים אַמאָל פאַרוואָרפן „צווישן די סודותפולע פעלדער אַרום ליזשענסק". ווער ס׳האָט אַמאָל געמאַכט אַ שפּאַציר אויסער דער שטאָט און האָט געהאַט אַ שטיקל חוש, האָט געקענט נישט זען נאָר אויף פילן, אז ריכטיק ס׳האָט געשוועבט א מאָדנע סודותדיקע אַטמאָספערע ארום שטעטל.

* *
*

אויסערלעך פונקט ווי אַלע שיינע און שטילע גאַליצישע שטעטלעך. אין צענ-טער א פירעקיגער רינג פּלאַץ, אויף וועלכן דער פויקער האָט אויסגערופן אַלע וויכטיקסטע נייעס, וואָס אַלע האָבן געמוזט וויסן. דאָס פויקן איז נאָך געבליבן אַ ירושה פון די עסטרייכישע צייטן. די קאָרסאָ איז געווען אויף דער הערן-גאַס, וועל-כע האָט זיך געצויגן ביז דער באַן-סטאַציע און דאָרט איז מען געגאַנגען שפּאַצירן.

* *
*

אַלע פּאַרטייען האָבן געהאַט אין שטעטל זייערע סניפים. פון בונדיסטן ביז אגודת-ישראל. א שיינע ביבליאָטעק מיט אַסך יידישע און העברעאישע ביכער. א תרבות-שולע, אַ בית-יעקב און אַ תלמוד-תורה. ס׳האָט פולסירט אַ רייך געזעל-שאַפטלעך יידיש לעבן. ווען די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן האָבן זיך נישט געקענט פאַרגלייכן צו די פוילישע סיים-וואַלן, האָבן די חסידים געשטימט פאַר



די „תרבות" שילער

דעם רעגירונגס-צעטל נומ׳-1. די ציוניסטן פאַר זייער בלאָק נומער 17 און די אגודה — פאר זייער אייגענער ליסטע נומער 33. האָט אויף א פארזאמלונג פאַר די וואַלן געהאַלטן אַ רעדע ד״ר דאַבשיץ, וועלכער איז געווען א באַקאַנטער ציו-ניסט האָט פארענדיקט בזה הלשון „לא תהיה בכם נגף״, קיינער זאָל נישט שטימען פאַר 1 און 33 — (נגף, באַטרעפט 133). ס׳איז געווען געשמאַק צו הערן גמטריות פון אַ דאָקטאָר.

* * *

שטייט אַמאָל אַ פרעמדער ייד אין אַ פויליש-היטעלע פון קאָנגרעס פוילן ביי דער טיר פון בית-המדרש און שעלט דעם כיור, ווו מ׳האָט זיך געוואַשן די הענט, מיט טויטע קללות. די ארייַנקומענדע מתפללים האָבן געמיינט, אז זיי האָבן דאָ זיכער צו טון מיט א חסר דעה. דער ייד האָט עס באַמערקט און האָט מיט צער אויפגעקלערט, אז דער כיור איז שולדיק אין אַלע זיינע צרות. מיט א צייט צוריק איז ער אהערגעקומען פאַרקויפן סחורה — האָט ער געזען אין בית-המדרש ווי א ייד שטייט און וואַשט זיך די הענט אַסך מאָל און גיסט וואַסער אין אַלע זייטן, נאָכן דאַווענען האָט ער מיט אים פאַרפירט אַ שמועס און געשלאָסן אַ געשעפט אויף עט-לעכע הונדערט זלאָטעס, — וואָס איז געווען — כמעט זיין גאַנץ פארמעגן. ער האָט צוגעשטעלט די סחורה אָבער ביז היינט קען ער נישט ארויסבאַקומען קיין איין גראָשן. יעצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס ער שעלט דעם כיור — ווען נישט דער כיור וואָלט ער נישט געהאַלטן אים פאר א כשרן יידן און וואָלט אים נישט געווען געטרויט זיין אָרעם ביסל געלט...

* * *

געווען אין שטעטל אַ ייד א פיקח און תלמיד חכם ר׳ עוזר ליזשאַנער (ראָ-זענבליט). אַמאָל איז צו אים אריינגעקומען אַ שכן בעטן אַ עצה צו זיין שטאַרקן ווייטיק . נישט געקלערט האָט ער אים געגעבן א עצה, דאָס ער זאָל אָננעמען אפול מויל מיט וואַסער און זיך זעצן אויף דער קיך און וואַרטן ביז דאָס וואסער וועט אויפקאָכן אין מויל...

* * *

דרך אגב איז כדאי צו דערמאָנען, אז יידן האָבן געהאַט אייגענע נעמען פאַר די דערפער אַרום. מ׳האָט געזאָגט ליזשאַן און נישט — אוזשאַננאַ, מ׳האָט געזאָגט וויערץ און נישט ווערזשאַוויצע א.א.וו.

* * *

אויך איז געווען אין שטעטל אַ פיינער און פשוטער עמך ייד ר׳ ניסעלע (גורפיין). די נישט יידן האָבן אים גערופן דער „פראָראָק״ (הנביא). ער האָט עט-לעכע געטרייע זין צעשפרייט אויף דער וועלט. זיי פלעגן אים שיקן שטיקלען זייד ער זאָל זיך מאַכן א בעקעשע. היות דער זייד אויף דעם מלבוש איז געקומע פון פארשידענע לענדער האָט ער אַמאָל געזאָגט דאָס ער טראָגט אויף זיך די גאַנצע ליגע-נאַראָדאָוו (אויף פויליש האָט דער פעלקערבונד געהייסן ליגע-נאַראָדאָוו)..

אויף דער ריישער גאַס האָט געוווינט אַ שטומער ייד וועלכן מ׳האָט גערופ,



„בית יעקב" שילערנס

„ו־ער שטומער האָביק". תמיד איז ער געווען פאַרנומען מיט זיינע טויבן און ס'האָט ויך געדאַכט, אז ער ווייסט אפילו נישט, אז ער איז א ייד.

ווען די דייטשן האָבן ערב-סוכות ארויסגעטריבן אַלע יידן דאָס זיי זאָלן אַרי־בערגיין צו מזרח פון דעם וואסער-סאַן — האָט ער זיך אַליין אָנגעשלאָסן צום מאַרש, און אַנטשאט, וואָס אַנדערע האָבן געטראָגן פעקלעך מיט בעטגעוואַנט און פארקנויטן טייג פון די סכותדיקע חלות, האָט ער געטראָגן אין יעדער האַנט א ווייס טייבעלע...

ווען דער שרייבער פון די שורות איז מיט א פאָר וואָכן שפעטער דורכגעגאַנגען, אין באַגלייטונג פון א ליזשענסקער פּאָלאַק, אויף דער זשולקעווסקע גאָס איז לעמבערג האָבן מיר אים געטראָפן זיצן אויף א שוועל און בעטלען. ווי נאָר ער האָט אונדז דערזען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און מיך ארומגענומען און אָנגעהויבן קושן און אויך יאָמערליך וויינען, ווי נאָר א שטומער קען דאָס. — צום פּאָלאַק האָט ער זיך אויסגעדרייט און געביילט מיט די פויסטן און אויף אים געקוקט מיט פאַראַכטונג ווי איינער זאָגט: איר פּאָלאַקן האָט אויך א חלק אין מיינע צרות.

***

אין ליזשענסק, אַז מ'האָט עפּעס דערציילט פון אַמאָל האָט מען געזאָגט: „דאָס איז געווען פאַר דער ערשטער שריפה" אָדער „דאָס פּאַסירט נאָך דער צווייטער שריפה" א.ז.וו. מ'האָט געהאַט בקבלה דאָס נאָך יעדע שריפה האָט מען געטראָפן פאַרלאָשן דער נר-תמיד אויפן אוהל פון רבין ר' אלימלך. היינט שוין איבער אַ פערטל יאָר הונדערט ווי די דייטשן ימ"ש האָבן דעם אוהל צעשטערט דעם נר תמיד פאַרלאָשן און ליזשענסק וויל נישט ברענען...

שלום ים

די באלאדע פון טאטנס מלוה־מלכה

איינמאָל איז אַ חסיד געווען
וואָס ביי אים אין שטוב
האָט מען קיין ברויט נישט געזען.
פינף זין און מיידלעך,
אָן שיך — אָן קליידלעך,
אַ ווייב וואָס וויל און אידיש
אויך ז׳ דאַרף שיך, דאַרף אַ קליידל!
איינמאָל זאָגט זי אים אַזוי צו זאָגן:
תורה איז אַ ווילע סחורה —
אָבער וואָס פאַר אַ תירוץ ענטפערט מען דעם מאָגן?
ס׳קומט דער יריד דער גרויסער —
גיי אַרויס און עפעס וועט שוין קומען
אין זכות פון תורה און פון זיין ליבן נאָמען.
ווי אַזוי זאָל איך גיין, אין מיין אויסזען און שטאַנד
און זוכן דעם ווינט אין פעלד, ס׳איז ליידיק מיין האַנט.
זי האָ אים קליידער באַזאָרגט ביי גוטע שכנים
ביי דעם אַ פאָר שיך — און אַ אַנצוג ביי איינעם,
און אַזוי אין אַ גוטער מינוט מיט מזל הצלחה
איז ער וועק אין גאַס — נאָר מיטן ווייבס ברכה.
אויך די קינדער האָבן געטאָן אַ תפילה
אַז דער טאַטע זאָל נישט האָבן קיין בושה חלילה.
ער קוקט אין גאַס, ער קוקט אויף די וועגן:
אליהו הנביא קומט אים אַנטקעגן
און זאָגט: ס׳וועט דיר ניש זיין שוין מער שלעכט
רוף נאָר אויס „ווער קויפט, ווער וויל אַ קנעכט
אַ קנעכט, צו וואָס נאָר מען וויל״.
„עס קאָסט אָבער טייער — שרייט חסיד — ס׳קאָסט מיך צופיל,
ווי אַזוי זאָל איך פון זיך אַ קנעכט מאַכן?
עס איז זער צום וויינען, אָדער צום לאַכן״.
מאך זיך קיין דאגות — זאָגט אליהו — קיין זאָרגן דערפון,
די הויפט־זאַך נאָר שריי און אַ סוחר געפין.
נישט לייכט אַ קנעכט צו פאַרקויפן ביי אידן, דאָך ענדלעך
האָט ער אים פאַרקויפט פאַר 800,000 רענדלעך.
דער קויפער האָט אָבער מיטן עבד געמאַכט א תנאי

בוי מיר אויס אַ פּאַלאַץ צום טאָג — דאַן ביזטו פריי.
אַ גאנצן טאָג האָט ער מיט די בויער צוגלייך געשוויצט, זיך געפּלאָגט,
ביינאַכט האָט ער א תּפילה צו גאָט אַ הייסע מיט טרערן געזאָגט:
ליבער גאָט! דו ווייסט איך האָב דיין נאָמען געשיינט
און זיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט היינט
העלף מיר בויען דעם פּלאַץ וואָס גיכער.
האָט גאָט געשיקט זיינע מלאכים שנעל ווי א וויכער
און ווען אַלע זענען זיך זיסלעך געשלאָפן
האָט אַ נס פּאַסירט, אַ וווּנדער געטראָפן:
אינדערפרי איז דער פּאלאַץ געשטאנען פולקאָם גרייט.
דער בעל הבית האָט זיך זער דערפרייט
א פּאלאַץ אַ שיינער, שענער פון אַלע פּאלאצן,
די שונאים וועלן פאַר קנאה פּלאַצן
און אליהו האָט אים די בקשה געטאָן באַנייען
ער זאָל זיין קנעכט דעם חסיד גלייך באַפרייען.
דער בעל הבית האָט זיך נישט צוריקגעצויגן
און דעם חסיד באַפרייט אין אַלעמענס אויגן
און דער חסיד איז זיך אַ פרייער אהיים אָפּגעפלויגן.
און דאָס איז די ענדע
פון דער שיינער לעגענדע!

*

אַלס קינד נאָך געדענק איך מיין טאַטנס שבת־צו־נאַכצן
אין זיינע מלוה־מלכות האָט ער פאַרזונגען זיינע קרעכצן
מיט תפילות און גלויבן, מיט זמירות און לידער
און יעדע וואָך איבערנייס, ווידער און ווידער
די לעגענדע דערציילט
פון זיין גאָט אָנגעקוועלט
און געגלויבט, אַז מיט זיין האַנט
וועט ישראל ווערן פריי אין זיין לאַנד.


מ. שפערגל

קהלה זיצונגען

די יידישע קהילה איז באַשטאַנען פון פאַלגענדע מענטשן: ר׳ קלמן שפּאַץ — קהל פּרעזעס, קהל-לייט, וועלכע זענען אויסגעוויילט געוואָרן פון דער שטאָט: ר׳ יעקל הורן, ר׳ מיילעך אלטער, ר׳ איציע שיף, ר׳ אברומיש שפּערגעל א.א.וו. פון מזרחי: ר׳ איצי אוברלענדער און ר׳ איציע אייזענבערג, פון ציונים כללים: ר׳ משה קאַרפּ און מאָטל פוסמאַן. פון די ארבעטער ר׳ אברהם רייכענטאַל, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן אברהם זעלדעס.

די זיצונגען פלעגן פאָרקומען נאָרמאַל יעדן זינטיק נאָך מיטאָג אין דער קהילה-שטוב. דאגעגן, יעדן טאָג נאָך מיטאָג פלעגט דער קהל-פּרעזעס ר׳ קלמן שפּאַץ פון אונטערן קלויסטער קומען צופאָרן מיט זיין אייגענע קאַרעטע געשפּאַנט אין א פּאָר פערד, אָנגעפירט פון אַ קוטשער, פאַרפאָרן צו ר׳ אברומיש שפּערגעל. די קהילה-לייט און סתם בעלי-בתים און פשוטע מענטשן זעענדיק די קאַרעטע דורכפאָרן דעם מאַרק צו מיין טאַטענס הויז, זענען זיי גלייך נאָכגעקומען, און, נאָך אַלס יונגל פלעג גלייך ארויסשלעפּן די לאַנגע בענק פון דער שענק-שטוב אין דרויסן אַרויס און זיי אוועקשטעלן פוןביידע זייטן טראָטואַר ביי אונדזער הויז. ר׳ קלמן מיט די קהילה-לייט און די בעלי-בתים פלעגן זיך גלייך אויסזעצן און אָנהויבן צו פּאָליטיקירן קהל-פּאָליטיק. יעדער האָט זיך אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען און גלייך אָנגענאָמען פאַרשידענע באַשלוסן מיט וועלכע מ׳פלעגט זונטיק זיך צוזאמענקומען אין דער קהילה-שטוב און אָפיציעל באַשטעטיקן.

ווען ס׳איז נישט געווען איבער וואָס צו פּאָליטיקירן האָט מען זיך דערמאָנט פאַרשידענס פון דער פארגאנגענהייט, וועלכע האָבן פּאסירט מיט צענדלי ערק׳אָרן צוריק. און איך פלעג ליב האָבן זיך צוהערן. גלייכצייטיק פלעג איך נעמען א עמער און לויפן צום פּלומפּ אינמיטן מאַרק אָנדרייען א עמער פרישע וואסער און ברענגען צו טראָגן. אַוועקשטעלנדיק צווישן די צוויי שורות בענק אינמיטן טראָטואָר. דער עולם פלעגט שעפּן און טרינקען דאָס פרישע קאַלטע וואסער, הנאה האָבנדיק: א-א, א מחיה! און האָבן ווייטער דערציילט פון די פארגאנגענע צייטן.



די שול (רעסטאווירט דורך מתתיה שפרגל, לויטן זכרון פון נאָך 30 יאָר)

געוועזענע מענטשן אין ליזשענסק

ר׳ מנשה פרענקל ז״ל

ר׳ מנשה איז געבוירן אין 1903 אין יעדלאָוו-גאַליציע.

זייענדיק נאָך א קינד האָט ר׳ מנשה ארויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן און התמדה צום לערנען. זיין פאָטער דער יעדלאָווער רב פלעגט אַליין לערנען מיט זיינע זין ביז זעכצן יאָר און נאָכדעם זיי שיקן לערנען אין תורה-צענטערס.

לערנענדיק אין די ריישער ישיבה האָט ער אָרגאַניזירט צווישן זיינע חברים א חברה וואָס פלעגט זאמלען געלט אויף שבת פאר אָרעמע יידן.

נאָך א פאָר יאָר אין ריישע האָט ר׳ מנשה חתונה געהאָט פאר דער בת-יחידה פון ליזשענסקער רב (ר׳ יחזקאל לנדאו ז״ל) מרים לנדאו.

נאָך א פאָר יאָר לערנען ביים שווער הרב ר׳ יחזקאל לנדאו ז״ל האָט ער באַ-קומען סמיכות אויף רבנות פון די רבנים פון טאַרנאָפּאָל און קראָסנע און מיטגע-האָלפן זיין באַליבטן שווער און זיין שטעטישע רבנישער טעטיקייט.

נאָכן טויט פון ר׳ יחזקאל לאנדא איז ר׳ מנשה פרענקל געוואָרן אויפגענומען אָלס דיין (מרא דאתרא) פון שטאָט און אָנגעפירט מיט די׳רבנישע פונקציעס ביז צום אויסברוך פון נאַצי-קריג.

די נאַציס האָבן אים פארטריבן צוזאמען מיט אַנדערע און ער איז אוועק קיין שטערוויץ אין די גיטער פון זיין וייבס רייכן זיידע ר׳ וועלוול וואַקס.

פון דאָרט ווערט ער פארשיקט מיט זיין משפחה׳קיין סיביר און אין צושטאַנד פון פליט אַנטפּלעקט זיך זיין גייסטיק-רעליגיעזע פערזענלעכקייט. ער ווערט דער רוח-החיה פון די הונדערטע דערשלאָגענע יידן-פּליטים, ער הויבט זייער גייסט און שטאַרקט זייער יידישקייט. אין שטרענגען אַטעאיסטישן רעזשים איז ער זיך מוסר-נפש און גייט שטרעקעס צופוס אויסצופירן א ברית-מילה ביי די טרויעריק געבוירענע קינדערלעך ביז ער ווערט אַרעסטירט און פארקלאָגט פאר קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

מיט א נס איז געלונגען ר׳ מנשה׳ן אנטלויפן פון סיביר און קומען קיין פוילן.

חורבן פוילן האָט אים דערדריקט און ער פאָרט אַוועק קיין דייטשלאַנד, גלייך מיט אַלע יידן.

אין עשוועגע-דייטשלאַנד ווערט ר׳ מנשה דער לעבנסגייסט פון די יידישע רעשטלעך, אָרגאַניזירט זייער רעליגיעז לעבן. שטעלט אויף תלמוד-תורה פאַר זייערע קינדערלעך און רעפּרעזענטירט זיי ביי דער אמעריקאַנער מיליטער-

מאַכט. דער ערשטער סדר אין עשוועגע און אכילת מצות וואָס ר׳ מנשה פרענקל האָט אָרגאַניזירט אין עשוועגע ווערט פאַר די אָרעמע נאַצי-פּליטים א סימבאָל פון אמת׳ער באַפרייאונג און זיג פון יידישקייט.

אַ ספּעציעל אָרט פאַרנעמט זיין טעטיקייט להיתר-עגונות. נישט איין אלמנה געדיינקט און דאַנקט ר׳ מנשה׳ן וואָס ער האָט געטון פאַר איר בעהילפיק זיין צו באנייען אין לעבן.

נאָך 3 יאָר עשוועגע קומט אָן ר׳ מנשה מיט זיין משפחה קיין אמעריקע. ער ווערט רב פון דער נייער שול עטרת שלמה (אויפן נאָמען פון זיין פאָטער). אין א קורצער צייט הויבט אָן די שול צו שפּרוצלען מיט יידישקייט, מיט שעורים פאַר יוגנטלעכע מיט צדקה טעטיקייט און ר׳ מנשה ווערט, כאָטש זייענדיק א „גרינער", באַליבט ביי דער אמעריקאנער אסימילירטער יוגנט און אָנערקענט אַלס זייער רבי און וועג-ווייזער צו זיך אַליין.

אין י״ד אדר א׳ תשכ״ה איז געשטאָרבן ר׳ מנשה פרענקל, דער לעצטער טראַגישער רב פון ליז׳ענסק, באַגלייט צו זיין לעצטן וועג מיט מעשים טובים און פאַרהערער און אים געברענגט צו קבורה קיין ירושלים.

ר׳ מנשה פרענקל האָט ביזן לעצטן טאָג זיך גערעכנט אַלס ליז׳ענסקער בלב ונפש און מיטגעטראָגן איר חורבן מיט ווייטיק און פיין.



מ. שפרגל

ר׳ יוסל מלמד קראוס ז״ל

א ייד אויסערלעך ווי אַלע יידן אין זיין דור, מיט באָרד און פּיאות, א לאַנגע שווארצע בעקעשע מיט א סאַמעט-קאַפּעלוש. אין דער פרי איז ער געגאַנגען אין מקוה זיך טובלן, נאָכדעם מיט טלית און תפילין אינטערן אָרעם אין בית-המדרש, אָפּגעבן דעם רבונו של עולם זיין לויב. נישט געפירט קיין געשעפטן, נישט פאַר-נומען זיך מיט קיין פּאָליטיק, קיין שטעטישע זאַכן האָבן אים בכלל נישט אינטע-רעסירט, געהאַט זיך זיין אייגנאַרטיק לעבן. אַן אָפּגעהיטענער ייד, צו גאָט און צו לייט. נישט קיין בעל-גאוה, און וואָס ער האָט געטאָן פאַר עמעצן, נישט גע-האַלטן פאר קיין טובה, נאָר פאַר א מענטשלעכע פליכט:

מ׳דאַרף העלפן.

נישט געשפּילט די ראָלע פון אַ שיינעם ייד, גענומען דאָס לעבן ווי עס גייט, מיט אַלעמען צופרידן, און געלויבט גאָט פאַר דעם. מיט איין וואָרט — א פרומער און ערלעכער ייד.

מיט אהבת נפש זיך אָפּגעגעבן צו יעדן אָרעמאַן, צו ער איז געווען א אייגע-נער-שטעטישער, אָדער אַ פרעמדער, אַלע גלייך געהאָלפן. יעדער דורכרייזענדער אָרעמאַן האָט ביי אים געפונען אַ נאַכטלעגער, און נישט נאָר איינער, אפילו צענד-ליקער מיט אַמאָל, אויסגעבעט ביי אים אין חדר וואו ס׳איז נאָר געווען א שטיקל פלאַץ איז געווען אַ געלעגער. נישט קוקנדיק אויף זייער פאַרוואָרלאָזטן אויסזען, נישט געמאוסט זיך, אין געגנטייל, זיך אַליין מטפל געווען מיט זיי, געבעט פאַר זיי די געלעגערס מיט אַלע בעקוועמלעכקייטן, לויט זיינע מעגלעכקייטן, דערצו א

שטיקל ברויט מיט א טעפל קאַפע, אָדער טיי צוגעגעבן, דער אָרימאַן זאָל חלילה נישט גיין הונגעריק שלאָפן.

ער האָט געהאַט אַ רשימה פון בעלי־בתים, ביי וועלכע ער האָט אויסגעבעטן, אַז איינמאָל אין דער וואָך, זאָל יעדער געבן אַ אָרעמאַן אַ ביסל וואַרעם געקעכ׳טס, א מיטאָג. און ער פלעגט איינטיילן די אָרעמעלייט יעדן טאָג ביי א צווייטן.

יעדער מענטש איז געווען ביי אים גלײַך, און צו יעדן מיטן זעלבן רעספעקט זיך באַצויגן, ס׳זענען ביי אים נישט געווען, שיינע יידן, אָדער נישט־שיינע יידן, די הויפט־זאַך: — „יידן", געווען א גרויסער אוהב ישראל, חלילה, קיינעם נישט באַליידיקט.

זיין באַשעפטיקונג איז געווען דרדקי־מלמדות, פון דעם שטאַמט זיין נאָמען, ר׳ יוסל מלמד.

געהאַט האָט ער א גרויס חדר, געלערנט האָבן ביי אים קינדער פון אַלע שיכטן, רייכע, ווייניגער פאַרמעגלעכע, און גאַנץ אָרעמע. וועגן צאָלן פאַר מלמדות איז מען אַדורכגעקומען, יעדער האָט געצאָלט לויט זיינע מעגלעכקייטן, געווען קינדער וואָס מ׳האָט פאַר זיי גאָרנישט געצאָלט, חלילה קיין קינד נישט אַהיים געשיקט, פאַר ווייניק אָדער גאָרנישט צאָלן, ווייל דאָס זענען יידישע קינדער. — צוקונפטיקע יידן, — זיי דאַרפן קענען דאַווענען, און זיין פרומע יידן.

ר׳ יוסל האָט וועגן פרנסה קיינמאָל זיך נישט געקלאָגט, תמיד מיט א צעפרי־דענעם שמייכל: געלויבט השי״ת. אַזוי האָט ער געלעבט ביז צום חורבן פון ליזשענסק.

ביים אַרויסטרייבן די יידן פון ליזשענסק איז אויך ר׳ יוסל מלמד מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם אַרויס פון זיין שטוב, זיך צו פאַראייניקן מיט אַלע יידן, אַרויסגייענדיק אויף דער גאַס, האָט ער פלוצלינג דערהערט מ׳רופט; ר׳ יוסל! ר׳ יוסל וואוהין גייט איר, אומקוקנדיק זיך האָט ער דערזען א אָרעמאַן, וועלכער האָט צו אים געזאָגט, צו וואָס גייט איר? צו זיין נע־ונד??!

ר׳ יוסל מיט זיין תמימתדיקייט, האָט אַנדערש נישט פאַרשטאַנען, נאָר השי״ת האָט אים צוגעשיקט אליהו־הנביא אין געשטאַלט פון א אָרעמאַן און הייסט אים צוריקגיין, האָט ער זיך צוריקגעקערט.

ווען אַלע יידן זענען אַרויס אין מאַרק אויפן זאַמעלפונקט, איז צווישן זיי אויך געווען ר׳ יוסל׳ס זון חיים יעקב מיט זיין פרוי און קינדער, ס׳איז געקומען א באַפעל פון די ס.ס., אַז אַלע זאָלן זיך אויסשטעלן אין רייען, און זיך נישט אומקוקן, ווער ס׳וועט דעם באַפעל נישט אויספאָלגן וועט ווערן דערשאָסן, אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיין צום „סאַן" קיין אַלטשטאַט, נישט וויסנדיק ווער עס גייט אונטער זיי. צוקומענדיק צום „סאַן" איז חיים יעקב געווען זיכער, אַז זיין פאָטער איז אויך דאָ, האָט ער אָנגעהויבן אים צו זוכן, און נישט געפונען. נישט פאַרשטייענדיק וואָס מיט אים האָט פאַסירט...

ערשט אין אַ געוויסע צייט אַרום איז אסתר, חיים יעקב׳ס פרוי, צוריקגעגאַנגען קיין ליזשענסק ברענגען אַביסל זאַכן פאַר זייערע קינדער. אריינקו־

מענדיק אין שטוב, האָט זי געטראָפן ר׳ יוסלען, איר שווער. אויף איר פראַגע פאַר וואָס ער איז נישט געגאַנגען, האָט ער איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיט אליהו הנביא. ער האָט דערציילט, אַז די פּאָליאַקן האָבן פאַרמסרט, אַז די יידן גיין צום רבן אלימלך׳ס קבר, און באַהאַלטן דאָרטן, גאָלד און געלט, האָבן די דייטשן אויסגעגראָבן דעם קבר, עס פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט גאָרנישט געפונען, אַ חוץ אַ עצם מיט א שטיקל טלית, און דאָס געלאָזט אויף הפקר, איז ר׳ יוסל מלמד גע-גאַנגען אין מקוה זיך טובלן, און נאָכדעם אַרויף צום קבר פון רבין ר׳ אלימלך ז״ל און צוריק אַלעס קובר געווען. (דאָס זעלבע האָט מיר אויך איבערגעגעבן ברכה סעע, זי איז אויך געווען נאָכדעם אַ געוויסע צייט אין ליזשענסק, האָט איר מוטער ז״ל, וועלכע די דייטשן האָבן אומגעבראַכט — איר דאָס זעלבע דערציילט).

נאָך דער מלחמה, האָט זיך חיים יעקב קרויס געטראָפן אין בערלין מיט שרולעק ברוט, וועלכער, האָט דורכגעלעבט די צייט פון חורבן אין ליזשענסק, האָט ער דערציילט, אַז די יידן האָבן געמאַכט אַ מנין צום דאווענען ביי ר׳ מנדל רוטמאַן ז״ל, און ר׳ יוסל פלעגט גיין צום מנין דאַווענען. אייננמאָל אַהיימגייענדיק פונעם דאַווענען, מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם, גייענדיק צווישן ר׳ משה ניימאַנס הויז און ר׳ אהרן הערש ראטמאַנס הויז, איז אָנגעקומען פון וויערצער וועג א דייטש, רייטנדיק אויף אַ פערד און ר׳ יוסלען דערשאָסן.

ער איז געווען דער ערשטער קרבן פון די דייטשן.

סרולעק בראד מיט נאָך צוויי, האָבן אים אין די קליידער קובר געווען אויפן הייליקן אָרט.

מ. שפרגל

ר׳ נפתלי־חיים הולנדר ז״ל

ר׳ נפתלי-חיים ז״ל — א שיינער ייד, א תלמיד-חכם, יום ולילה געזעסן און געלערנט תורה, געטיילט פיל צדקה, און אַרויסגעהאָלפן באַדערפטיקע מיט א גמי-לת-חסד.

בכלל, געווען זייער א אָפּגעהיטענער פרומער ייד. מיט קיינעם נישט געהאַט קיין סכסוכים, נישט געמישט זיך אין קיין שטעטישע ענינים, און געלעבט זיך זיין אייגנאַרטיק לעבן.

אויף דער גאַס האָט מען אים נאָר געקענט זען, ווען ער איז געגאַנגען אין בית-המדרש דאַווענען און צוריק. עס שטייט נאָך יעצט פאַר מיינע אויגן דאָס בילד פון יעדן שבת, ר׳ נפתלי-חיים אין זיין ברייטן סובעלנעם שטריימל, אָנגעטאָן אין די שבתדיקע זיידענע מלבושים, פון אויבן דעם זיידענעם טליפ מיטן ברייטן פו-טער-קאָלנער. נישט געגאַנגען מיטן טראָטואַר, נאָר אין מיטן מאַרק אין דער באַ-גלייטונג פון זיינע אייגענע: זון, איידעמס און אייניקלעך, אין בית-המדרש צום דאַווענען. צוריקגייענדיק פונעם דאַווענען, זיינען שטענדיק אים נאָכגעגאַנגען אייניגע אָרעמעלייט, וועלכע ער פלעגט מיטנעמען מיט זיך צו דער שבת-סעודה.

די צופרידענסטע אָרעמע-לייט זיינען געווען די, וואָס פלעגן שבת עסן ביי ר׳ נפתלי-חיים.

זיין באַשעפטיקונג איז געווען, זיצן און לערנען, ווי אויך האַלטן די שליסל פון פייער-קאַסטן, ווו ער פלעגט איינקאַסירן און אויסצאָלן. וועגן פרנסה און אַנ-דערע נעבן זאַכן פלעגט זאָרגן זיין ווייב די אשת „חייה׳לע״.

***

איך געדענק ווען איך בין נאָך געווען א יונג בחורל, האָט מיין טאַטע ז״ל, מיך געשיקט צו ר׳ נפתלי-חיים נאָך א הלואה, דאָס האָט מיך אָנגעפילט מיט שטאָלץ, און כ׳האָב זיך געפילט זייער חשוב; סטייטש מ׳שיקט מיך צו ר׳ נפתלי-חיים, נאָר גלייכצייטיק האָט אין מיר אָנגעהויבן דאָס האַרץ צו קלאַפּן, און כ׳האָב אָנגעהויבן צו פאַנטאַזירן ווי אַזוי וועל איך אָנהויבן צו רעדן צו אַזאַ חשובן ייד, און ווי אַזוי וועט ער מיך אויפנעמען, און צי וועט ער בכלל וועלן מיט מיר רעדן, א.א.וו.

איך בין אַדורכגעגאַנגען דעם מאַרק, צוקומענדיק צו דער הויפט-טראַפּיק, בין איך אריינגעגאַנגען אין אַ שמאָלן לאַנגן פינסטערלעכן קאָרידאָר, ביז צום סוף, צוקומענדיק צו א ברייטע שווערע טיר, נישט אָנקלאַפּנדיק, נישט אָנגעקלינגען, אין יענע צייטן איז קיין גלעקל ביי דער טיר געווען, כ׳האָב גלייך אויפגעמאַכט די טיר און געוואָלט גוט-מאָרגן זאָגן, איז אָבער דער גוט-מאָרגן מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז. דאָס אויפנאַם-צימער איז געווען ריזיק גרויס, אז כ„האָב געדאַרפט א רם-קול, אַז מ׳זאָל פון דער טיר דעם גוט-מאָרגן הערן. ר׳ נפתלי-חיים איז געזעסן ביי א גרויסן טיש און געקוקט אין א גמרא, כ׳האָב געזען ער שענקט נישט קיין

אויפמערקזאַמקייט צו זען ווער ס׳איז אַריינגעקומען. איך בין צוגעגאַנגען צום טיש, געזאָגט דעם גוט-מאָרגן אויף וועלכן ס׳איז גלייך געקומען א גוט-יאָר, כ׳בין גלייך אַרויס מיטן פזמון: דער טאַטע בעט א הלואה, ווער איז דיין טאַטע? אַברומיש שפרגל. ער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט געעפנט דעם פייער-קאַסטן, און צווישן האָב איך באַמערקט אין צווייטן ווינקל פון אויבן-אָן א קליינציק געשטאַלט מיט א גרויס טיכל פערהילט דעם קאָפּ, אין אַ פּאָר גרויסע ברילן, געהאַלטן א גראָבן סידור אין די הענט און געדאַוונט. דאָס קליינע פרומע געשטאַלט איז געווען די אַלטע פייגה-רחל, חייה׳לעס מוטער. כ׳האָב די הלואה באקומען, געזאָגט א גוטן-טאָג און כ׳בין א צעפרידענער אַוועק.

זיין פרוי חיהלה פייבלס, איך געדענק נישט, אַז ווער זאָל געווען זי רופן אויף איר מאַנס פאַמיליען-נאָמען, נאָר שטענדיק נאָך איר פאָטער; „חייהלע פייבלס", אָדער חייהלה שטאָלבאך, זי איז געווען זייער א אַנגעזעענע פרוי, יעדער אין שטאָט האָט זיך באַצויגן צו איר מיט גרויס רעספּעקט און איר גרויס כבוד, ביי יעדער געלעגנהייט אָפּגעגעבן. זי איז געווען אַ הויך געשטאַלט, א שיינע רעפּרעזענטאַטיווע פרוי, שטענדיק שיין און מיט געשמאַק לויט אירע יאָרן געקליידעט.



ר׳ נפתלי־חיים הולנדערס פרוי
חיה׳לי פייבלס

זי מיט אירע טעכטער האָבן געפירט די געשעפטן; די הויפט טראַפיק פון אוקוצי־מער ביר.

חייהלע פייבלס האָט באַקומען בירושה פון איר פאָטער די הויפט־טראַפיק, די קאָנצעסיע איז געווען אויף איר פאָטערס נאָמען. אין יאָר 1904 האָט די עסטרייכישע אַדמיניסטראַציע געוואָלט די קאָנצעסטע צונעמען און איבערגעבן א צווייטן, קיין בעלנים האָבן נישט געפעלט. סיי יידן, סיי קריסטן האָבן זי געוואָלט איבער־נעמען — אויסדינגען. ווייל ס'איז געווען א גוטע פרנסה. חייהלע שטאָלבאך האָט זיך אויסגעסטאַרעט א אודיענץ ביים קייזער פראַנץ יוזעף אין ווין, ווו זי איז געוואָרן פערזענלעך דורכן קייזער אויפגענומען און איר ווונש ערפילט. זי האָט געהאַלטן די הויפט־טראַפיק נאָך פילע יאָרן, אויך ביי דער פוילישער רעגירונג, ביז עס האָט זיך געשאַפן דאָס גרויסע אַנטיסעמיטיזם אין פוילן. אין יאָר 1933 האָט מען ביי איר די קאָנצעסטע צוגענומען און איבערגעגעבן אַ צוגערייזטן פוילישן אָפיצער, אַ אינוואַליד.




די מוטער פון חייהלע פייבלס
פייגע רחל שטאלבאך ז״ל

וולף רייכנטאל

איבער „מתנגדים" אין ליזשענסק

זיכער זענען נאך דא לעבעדיקע ליזשענסקער, וואס געדענקען מיין פאטער און זיין התנהגות, אלס בחור נאך פלעגט ער גיין צו פוס צום אלטן ראזוואדאווער א הייסער חסיד פון ראזוואדאווער דינאסטיע איז ער געווען און פון דארט אין שפעטערע יארן געווארן א מתנגד, געבראכט פון ווין דעם רעיון ציוני און אים טיף איינגעפלאנצט אין זיין טרייעסטן תלמיד ר' מרדכי רייס ז"ל און געגרינדעט צוזא-מען מיט אים דעם חוג מזרחי אין ליזשענסק. א זאך וואס איז געווען א העזה און פארבונדן מיט חרם און אונאנגענעמהייטן, ער האט זיינס געטון, נישט אפשרעקנדיק זיך פון אלע שטערונגען בלייבנדיק טריי זיינע אנשויאונגען.



ר' מאטל רייס

א מעשה שהיה, וואס איך האב צוגעזען, וועל איך דא דערציילן און דאס וועט ווייזן ווי אויסגעהאלטן ער איז געווען.

אין אונדזער שטאט זענען צו דעם יארצייט פון ר' אלימלך ז"ל געקומען אין

די הונדערטער יידן און אויך רבנים פון פארשידענע דינאַסטיעס. פאַרטרעטן די ראַזוואַדאָווער האָט דער גרויסער פלאָנצער רבי ז״ל, בלייבענדיק אויף א שבת אין אונדזער שטאָט האָט ער געפירט דעם טיש אין בית-המדרש. גראַדע צו דער צייט האָט מיין פאָטער ז״ל געלערנט מדרש מיט דעם עולם יאַרן-לאַנג — און אויך דעם שבת. דער רבי זייענדיק אויסגערוט און אויסגעשלאָפן, ער פלעגט איינשטיין ביי ר׳ קלמן וואָלף שטאַלבאַך ע״ה. מ׳האָט אים פארשאפן בעקוועמלעכקייטן און ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן דעם וועג אין בית-מדרש מיט היימישע און אָנגעפאַרענע חסידים, אונטערגעפירט דורך אנשל וינמאן ע״ה, גרייט צו פירן דעם טיש, אָבער ביים טיש האָט געלערנט מיין פאָטער ז״ל און ער האָט נישט געוואָלט הערן פון איבערגעבן דעם טיש, דאצו האָט ער צוגעגעבן און געזאָגט, אז אויף אָנפירן א טיש פון זויפן פרעסן האָט מען געקענט דינגען אַ האָטעל, א צימער און נישט אין א בית-מדרש, וואָס איז אַ מקום תורה, ליידער זענען דעם פאָטערס תלמידים נישט געווען קיין גרויסע העלדן נישט מאיר שטרוך, נישט מאָטל קאַרפּ און נישט וואָלף וואַקס און אנדערע. זעהענדיק, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וועמען צו גען אין מלחמה, זיי באַציהען זיך מיט גרויס דרך ארץ צום פאָטער. לערנען, אָבער זיי האָבן גרויס פחד פאַרן רבין, האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טון, נאָר זייענדיק א ייד א חכם איז ער געפאַלן אויף א המצאה. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פאַרמאַכט דעם מדרש, און באַמערקט צו די זייניקע: אַזוי ווי איך זע, איז דעם רבינס פרעסעריי וויכטיקער ביי אייך מער ווי די תורה און מער ווי מיין לערנען, וויל איך מער קיין מדרש נישט לערנען מיט אייך.

נישט לייכט איז אים דאָס אָנגעקומען צו פאַרציכטן אויף דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם מדרש לערנען, אָבער אַנדערש האָט ער נישט געקענט וויסנדיק, אז די ווערט פון א אנשויאונג איז, ווען דער מענטש קען ליידן צוליב איר און זי איז ביי אים וויכטיקער ווי זיין באַקוועמלעכקייט און גוטע באַציהונג מיט מענטשן.

אַזוי האָבן אויסגעזען מתנגדים אין ליזשענסק. תורה איז ביי זיי וויכטיקער געווען ווי פראַסטע מיטלען צו שאַפן אַ געזעלשאַפט.

ס׳זענען געווען מתנגדים אין ליזשענסק און דאָס בוך פון ליזשענסק וועט נישט זיין גאַנץ, אויב זיי וועלן נישט דערמאָנט ווערן ובפרט ווען פון די מתנגדים איז אויסגעוואַקסן די ציוניסטישע באַוועגונג און די מדינה וואוהין יידן האָבן זיך גע-ראַטעוועט. יהיה זכרם ברוך.

אביש דייכנטל

דריי זענען זיי געווען
(אָדער ליזשענסק די אנדערע)

דאָ האָט זיך געוויגט אַ צווייג
דאָרט — זיך אַ בלום, געזען
שוויג די אַלטער וטה, שוויג!
ס'איז אַלץ אַ מאָל געווען.

מ. ראָזענפעלד

באַמערקונג פון רעדאַקטאָר:

איינע פון די רעזולטאַטן פון דעם נאַצישן אומקום איז דאָס קעגנזייטיקע פאַרשטיין אין געוויסע פונקטן אין ידישן לעבן, אין די פונקטן ווו ס'האָט געפעלט דאָס „פאַרשטיין און דאָס פאַרגעבן" פאַרן אומגליק. מיטן טויט קומט די מחילה.

פון אביש רייכנטאלס צײלן הילכט אַרויס די שטימע פון אַזעלכע, וואָס זייער שטימע האָט מען נישט געהערט דאָן, אין יענעם „דאָן", פון וועלכן ס'רעדט זיך אין אונדזער בוך. און מ'טאָר נישט פאַרלירן די געלעגנהייט פון לאָזן הערן זייער שטימע אַלס אַ מין „תקון נשמה" פאַר זיי און פאַר אַנדערע, וואָס מ'וואָלט זיי דערמעגלעכט דאָס ביי היינט־צו־טאָג, ווען נאָר מ'וואָלט זיי געקאָנט לעבעדיק מאַכן.

געוואָלד, גאָטעניו, ווען נאָר מ'וואָלט געקאָנט...

צווישן די פּריווילעגיעס פון רעדאַקטאָר איז אויך די רעכט צו געבן אַמאָל אַ זאָך „נישט אין איינקלאַנג"... זאָל־זשע ס'קאַפּיטל אביש פאַררעכנט ווערן אַלס איינס פון די, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט געווייגערט, צי זאָל ער זיך יאָ מיישב זיין מיט די אנדערע, אדער נישט.

צו וואָס רעדן פון דעם, וואָס איז געווען? יענע צייט פרישט אויף אונדזער נשמה. יענע יוגנד איז אַוועק! און צוליב וואָס זאָל מען זיך אומקערן אויף צוריק־וועקס, ווען אַלעס איז צוזאַמען מיט דעם שטעטל פאַרברענט און פאַרטיליקט געוואָרן?

דאָך! זאָל זיין פאַר זיי, פאַר אונדזערע טייערע קינדער.

***

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען די א היים געקערטע פון דער בלוט-באָד האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פאַרשידענע אויפפאַסונגען און איינדרוקן פון דער מלחמה-צייט. ווען פון איין זייט איז מענטש צו מענטש חיה געוואָרן און פון דער צווייטער זייט ווערן מענטשן פלוצלונג, נאָענט צו איינאַאַדער, ניכטער און הייס. ס'שאַפט זיך א ברודערלעכקייט א אונטערפעלקישע צווישן פאַרשידענע מענטשן, מיט פאַרשידענע אַנשויאונגען.

שוין אין די יאָרן 1917-18, ווען די וואפן האָבן זיך אומגעדרייט צו די וואָס האָבן זיי אָנגעשטעלט צו אַנדערע און זיי אין דער האַנד פון אומוויסנדע אונשול-דיקע, געגעבן. דאַן האָט דער אַרבעטס-מענטש זיך אָרגאַניזירט, דאָס בלוט פון קארל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסענבורג האָט נישט געגעבן קיין רו.

אויך קיין ליזשאַנסק האָבן זיך נייע קלאַנגען אָריינבאַקומען. אין די יאָרן 1918-1919 האָט זיך דער ליזשאַנסקער אַרבעטס-מענטש אָרגאַניזירט אין דער אַר-בעטער-פּאַרטיי „פּועלי-ציון". זיי האָבן געגרינדעט א קאָנסום, מען האָט אויך פאַר דעם מלאכה-מענטש געגרינדעט אַ בית-המדרש, אַן אַרבעטער ביבליאָטעק און זיי געגעבן וויסן. מ'האָט געגעבן לעקציעס און פּאַרטיפּט דאָס באוווסטזיין און אינהאַלט פון דעם אויסגענוצטן פּארמאַטערטן אַרבעטער און בעל-מלאכה, וואָס איז געווען דיסקרימינירט פון די בעלי-הבתים. ס'האָט אין לעזשאַנסק אָנגעהויבן צו הויכן מיט נייעם גייסט, ס'האָט דאָס מענטשלעכע אויג דערזען נייע האָריזאָנטן, מעגלעכקייטן און אידעען. די ערשטע וואָס האָבן געגרינדעט און געשאַפן דעם בונד, צווישן די ארבעטער-יוגנט איז געווען:

חנינה גליקסמאַן, שייע רייכנטאַל, קאַלמען וואַכטעלקעניג, משה בירנבאַך און לייב (לייביש) ריכנטאַל.

ס'איז נישט לייכט געגנוי זיך צו דערמאָנען די מענטשן און זייערע נאָמען פון יענער צייט. זיי זיינען געווען אַסך פאַרשידענע אינטערעסאַנטע און ווערט צום שילדערן. ס'איז מיר געבליבן נאָר וועניקע, דער זכרון האָט פאַראַטן, הגם דאָס האַרץ געדענקט זיי. געבליבן נאָר די, וואָס זיינען געשטאַנען אין מיטל-פּונקט. ס'זענען אַוועק זייט יענער צייט א 5 צענדליק יאָרן, און דאָס איז פאַרן מענטשלעכן קאָפּ און זכרון נישט קיין קלייניקייט, דאָס הייסט א האלבער הונדערטער יאָרן. שווערע, בלוטיקע, ערשיטערנדיקע, אויפטרייסלענדע, וועל איך שרייבן, ווי איך געדענק:

חנינה גליקסמאַן, איינער פון די ערשטע גרינדער פון אַרבעטער-פאַרבאַנד אין שטאָט, ער האָט געהאַט א אויסערגעוועהנלעכן גייסטיקן איינפלוס אויף מענטשן, א אויפקלערער, א דענקער, א אָרגאַניזאַטאָר און אַ לערער. אין אים האָב איך געזען א גרויסן מענטש, איך וויל אים שילדערן ווי איך האָב אים אין מיינע אויגן געזען.

ער האָט געהאַט א גרויסן וויסן סיי אין תורה, סיי אין וועלטלעכע זאַכן, און באַזיצט א וואונדערבאַרן טאַלענט פון אַ רעדנער, וואָס האָט פּראָפּאַגירט טיפע ערנסטע געדאַנקען מיט קלאָרקייט, הומאָר און וויץ. דויערנד אָפּגעהאַלטן מיט די האַנד-ווערקער פארזאמלונגען און זיי אויפגעקלערט זייערע פּאָליטישע אינטערעסן און קהלשע ענינים.

איך ערינערע מיך אין אַ טאָג פון פסח, האָט חנינה גליקסמאַן פארזאמעלט די בעלי מלאכה מענטשן ביי לייטשי הערמאַנס (לייטשי פערבער) און פאַר זיי 3 שעה גערעט, ער האָט זיי אויסגעטייטשט די תורה צייטן פון אַ מאָל מיט די דאַ-מאָלסדיקע באַדינגונגען פון לעבן און געזעלשאַפט. ער האָט אויף א גלענצענדן אָרט פאַרגעשטעלט, ווי אויך די תורה האָט אין אירע צייטן געשטרעבט פאַרבעסערן

די לאַגע פון יעדן מענטש און יידישן פאָלק. ס׳האָט אויף אַלע ווי אויף מיר אַ בערגעלאָזט אַן אויסערגעוועגלעכן איינדרוק. דאָס רעדן זיינס, איז געווען אַזוי איינפאַך, ווי מ׳רעט וועגן טאָג טעגלעכע זאַכן, אָבער ס׳איז געווען דער אויספיר זיינער טיף, שאַרף און קלוג.

אַן אָנשטרענגונג האָט אים יעדער פאָלקס מענטש געקענט פאַרשטיין, דאָס שווערע האָט ער אין איינפאַכע ווערטער געגעבן צו פערשטיין און דאָס בילד איז אַרויס גאַנץ.

ער האָט איינגעאָרדנט אַ ביבליאָטעק און באַוועגט צו לייענען ביכלעך. אונשולדיקע, פשוטע טיעפע, יעדער ווי ער דאַרף און די ביכלעך האָבן באַוועגט די יוגנד צו נייע געדאַנקען, פאַנטאַזיעס און גוטע מעלות.

חנינה גליקסמאַן איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געגרינדעט אַן אַמאַטאָרן-קלוב, ווי מען האָט אָנגעפאַנגען שפּילן טעאַטער.

די ערשטע צייט איז עס געווען זייער שווער, קיין מיידלעך האָבן זיך נישט געוואָלט אין טעאַטער באַטייליקן און מען האָט די מענער אָנגעטאָן קליידער און זיי פארשטעלט אין ראָלן פון פרויען. ער איז געווען אַ טאַלענטפולער אַרטיסט און רעזשיסער, ער האָט די פאַסנדע מענער געפונען און זיי געגעבן די פרויען-ראָלן. משה בירנבאַך (משה קוץ) איז געווען פאַסיק צו די ראָלן פון פרויען.

דאָס אַלץ האָט געהויבן דעם ניוואָ פון מענטשן און אים געמאַכט בכבודיק.

ער האָט אויך געקעמפט מיט די פירער פון די בירגערלעכע שיכטן. ער האָט זיי באַקעמפט, מיט טאָט און וואָרט.

גליקסמאַן איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער „טאָג צייטונג״, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין לעמבערג. ער איז געווען דער פאַרטרעטער און קאָרעספּאָנדענט און געשריבן איבער אַלץ, וואָס האָט פאַסירט אין אונדזער ראַיאָן. ער איז געווען אַ טוער, אַ כלל-מענטש, אַ פּאָליטיקער, אַ געזעלשאַפטלעכער פירער, און דאָך אַ באַשיידענער און ליבער מענטש.

אויף יעדן געביט האָט ער פּראָגרעסירט מיט ערפאָלג, ער איז געווען אַ קעמפער, אַ ערנייער און דער פירער פון דער יוגנד. אויף איין געביט האָט ער פאַרשפּילט, אויף דעם פעלד פון ליבע, איז ער געפאַלן אַ קרבן. נאָך דעם האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון דעם שטורמישן לעבן און זיך געווידמעט אַ בוך, וואָס ער האָט געשריבן, עס איז מער געווען אַן אויטאָביאָגראַפיע. איך האָב עס נאָך געלעזן ווען ס׳איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט.

* * *

שייע רייכנטאַל איז געווען אינגאַנצן אַ קינדער מלמד, דערפון געלעבט, אָבער אַ טיף שטאָלצער מענטש, צופרידן פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט, און נישט געווען פאַרביטערט. אין דער יוגנד, איז ער געווען אַ סאָציאַליסט, זיך אידענטיפיצירט מיט די אַרבייטס-קרייזן, זיך באַצויגן מיט ווידערווילן און קריטיק צו דעם בירגערלעכן קלאַס.

ער איז אויך געווען צווישן די אָנפֿאַנגער און גרינדער פֿון ליזשאַנסקער אַרבעטער-באַוועגונג. אַלעס האָט ער געמאַכט מיט פֿולער התלהבות און פֿולער איבערגעגעבנקייט. א ייד מיט איינפֿלוס און טעמפּעראַמענט. איך געדענק, שייע רייכנטאַל, האָט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין בית המדרש זיך אויפֿגעשטעלט אויף אַ טיש און געוואָרפֿן פֿעך און שוועבל אויף די בעלי-הבתים, אויף די יידן, וואָס האָבן די קאָנצעסיע אויף א שיינער „עליה" און קוקן פֿון אויבן אַרונטער אויף אַ שניידער, בלעכער, קצב, שוסטער-יונג. ביי דעם געפּאַקטן בית-מדרש מיט עמךמענטשן, האָט ער גערופֿן די בעלי-מלאכות זיך צו רעוואַנזשירן. אויסגלייכן חשבונות מיט בעלבתישע ליידיגייער און שטאָלצע פּוסטאַקעס. ער האָט פֿאַרשריבן רעצעפּטן: ווען ס'וועט אַריינקומען זיך שערן א בעל-הבית, זאָל מען אים בלויז אָפּשערן א האלבן קאָפּ האָר. ווען דער גביר וועט אין בית-המדרש נישט צולאָזן צו אַן עליה, זאָל מען אים אָנברעכן די ביינער.

אין חודש אלול, זאָל דער שמש נישט אויפֿוועקן דעם גביר צו די סליחות. און ווינטער זאָל מען אויסהאַקן די שויבן אין דער מקוה, אַזוי, אז די רייכע מקוהווייבער זאָלן זיך פֿאַרקילן. אלעס זאָל מען נאָר איינקויפֿן אין דעם קונסום פֿון די פֿאַראייניקטע ארבעטער, וואָס איז געווען דאָן ביי שמעון קיטש אין הויז. א.א.וו.

אַ קריג האָט ער ערקלערט, די אַלע דערמאָנטע „שיינע" יידן און גבירים. ער האָט אין דעם בירגערלעכן קלאַס געזען גרויסע שונאים פֿון פּשוטן ארבעטסמענטש, וואָס איז די מערהייט פֿון פֿאָלק און ער האָט זיין פֿיינדשאַפֿט, וואָס איז געליגן טיף אין זיין האַרץ אַרויסגעבראַכט. ס'איז געווען אַ רעדע פֿול מיט פֿייער און רעוואָלוציאנערן גלויבן, זי האָט אַפּעלירט צום פּשוטן מענטשלעכן און יידישן געוויסן, אָבער די מאַסן האָבן אים נאָר אויסקעהערט און נישט מער. די יידישע גאָס איז נאָך געווען נישט גענוג רייף צו ענדערונגען, להיפּך די צייט האָט אירס געטון. דער קאַמף-לוסט איז שוואכער געוואָרן, ס'איז לאַנגזאַם איינגעשלאָפֿן. — דאָס שטיבל האָט זיך ליקווידירט. אַלעס איז צוריק צו זיין אַלטן שטייגער. די קאָנסום ביי שמעון קיטש איז הויז, איז אויפֿגעלייזט געוואָרן. פֿרייטיק צונאַכטס איז דער בעל-מלאכה צוריקגעגאַנגען אין דער גרויסע שול דאַוונען.

אויף דעם ציוניסטישן פֿראָנט, איז די אַרבעט ווייטער אַנגעגאַנגען. די טוער וואָס האָבן מיט דער ארבעט אָנגעפֿירט, האָבן ווייניג זיך אַנגאַזשירט פּערזענלעך. מ'האָט געפּרעדיקט ענדערונגען, מ'האָט גערעט וועגן פֿאַרווירקליכונג אין יידישן לאַנד, אָבער אַליין האָט מען נישט געקלערט וועגן איינשטעלן די עגאָאיסטישע באַקוועמלעכקייטן און אַז מ'האָט געהאַלטן ביים פֿאַרווירקלעכן און פֿאָרן בויען ארץ-ישראל, האָט מען געשיקט אַנדערע. זיי האָבן געוואוסט, אַז א פּאַראַזיטיש לעבן קען מען אין ארץ-ישראל נישט פֿירן, און די וואָס זענען געפֿאָרן פֿארן אומגליק פֿון ליזשאַנסק קיין ארץ-ישראל זענען 90 פּראָצענט צוריק געקומען, אָדער אויסגעוואַנדערט פֿון ארץ-ישראל אין אַנדערע לענדער. ווען ס'איז געקומען צו אַן הערצל יאָרצייט, אָדער טרומפּעלדאָר אָנדענקן, האָט זיך עפּעס געטאָן, דאַמאָלס האָט נישט געפֿעלט קיין רעדנער מיט פֿייער, אָפּטימיזם און גלויבן, נאָר אליין זיך

נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר דער אינטעליגענץ, ווייל זיי האָבן געקענט לעבן אָן אַרבעטן.

ס'האָט זיך געשאַפן ביי די ציוניסטן אין שטעטל א מין אַרבעטער-קאָמפּלעקס דער אויף אַלעם-גרייטן אַרבעטער האָט ביי זיי ערוועקט זעלבסט-פאַראַכטונג, ער האָט זיי דערמאָנט זייער גישטיקייט זיי האָבן דערפאַר זיך באַצויגן מיט שנאה און פאַראַכטונג צו דעם בעל-מלאכה. אים דערווייטערט, אָפּגעשטויסן און איזאָלירט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער אַרבעטס-מענטש האָט זיין פּלאַץ נישט געפונען אין ציוניזם, צוליב זיי און איז אין א גרויסער צאָל אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. ווען זיינע קינדער זענען געוואָרן 12-13 יאָר אַלט האָט מען זיי געשיקט אין דער וועלט, און איינער האָט אויסגעפּאַדערט דעם צווייטן.

לייב רייכנטאַל — די מלחמה איז געגאַנגען. דערווייל איז אונטערגעוואַקסן א יוגנד, וואָס אין איר שול-עלטער איז געווען די ערשטע וועלט-קריג, זיי האָבן די ערציאונג פון זייערע עלטערן אין די שולע נישט באַוויזן אויסצונוצן. זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז קינדער יאָרן, זיי האָבן געמוזט מיטהעלפן די מאַמעס, וואָס זענען פאַרבליבן מיט א צאָל קינדער אָן א שפּייזער. די קינדער האָבן אין זייער פריסטער קינדהייט געמוזט אנשטאַט זיך שפּילן, אָפּגעבן זיך מיט דאגת פּרנסה. ס'איז אויסגעוואַקסן א יונגע האַנדווערקער שיכט, וואָס האָט איר מלאכה-אויסשולונג געקריגן, נישט אלס נויט פון פעאיקייט, נאָר אלס פּשוטער נוצן. די יוגנד פון דעם סאָרט בעל-מלאכה האָבן זיך אַליין געלערנט, געשעפּט וויסן פון אומעטום, אָנגעהויבן ליינען ביכלעך און זיך שטופּן צו זעלבסט-ערציאונג. זיי האָבן געהאַט א ווילן און א דראַנג צו גיין פאָרויס. דאָ האָט זיך באַוויזן א סטודענט, וואָס האָט צו זיי אויסגעשטרעקט א האַנט פון ברידערלעכקייט, ער האָט זיי געגעבן וואָס ס'האָט זיי געפעלט, דאָס איז געווען לייב רייכנטל.

ער האָט זיי גייסטיק ענטוויקלט און געשטאַרקט זייער זעלבסט-ווירדע און אַכטונג, זיי געגעבן וויסן, ברייטע האָריזאָנטן, מאָראַל, עטיק און גלויבן אין זייערע אייגענע געדאַנקען און אינטעליגענץ.

לייב רייכנטאַל האָט צוגעפּאַסט פּאָליטישע טעאָריעס צו זייער לאַגע. אַריינגעפירט אין שטעטל סאָציאַליסטישע דענק-ליטעראַטור פון טעאָרעטיקער און שרייבער. ער האָט געגרינדעט א קרייז, וואָס האָט זיך גערופן פּאָליטישע שולע, ווי די חברים האָבן זיך צוזאמענגעטראָפן אין די אָוונטן. פרייטיק אָוונט און שבת האָט מען געגעבן פאָרלעזונגען און פאָרטראָגן. לייביש איז געווען דער גייסטיקער פאָטער פון דער יוגנד. ס'האָט זיך געפירט דיסקוסיעס, איבער טעאָריעס, פּאַרטייען, איבער פערזענלעכקייטן. איבער צייטן פון רעוואָלוציאָנען. ער האָט די יוגנד אינספּירירט צו טראַכטן און צו זען „זיך”, ווי אַ פּראָדוקטיווער מענטש מיט די זעלבע פעאיקייטן, ווי די אַנדערע וואָס גלויבן אין זייער אמת...

איינפאַך, איז דאָס נישט אַזוי געגאַנגען, עס זיינען געווען מיידלעך, ווי ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט באַאיינפלוסן אייבצושטייגן אין אַריינגען אין דעם קרייז. ס'איז געגוי, ווי מענטשן קומען צו א טייך, וועלכער איז נישט אַזוי

שמאָל, אז מען קען אים לייכט אַריבערגיין, אָדער אַריבערשפּרינגען. איז דאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס שפּרינגען גלייך אַריבער און עס מאַכט אים א פאַרגעניגן, אַ צווייטער מאַכט עס אויך, אָבער ער האַלט עס פאַר אַנשטרענגונג, און איינער וויל גאָר נישט שפּרינגען, ער געפינט א צווייטן וועג. דאָס איז שוין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, וואָס ליגט אין מענטש.

אַ צאָל פון סימפּאַטיקער האָבן זיך געפונען פון יענער זייט, זיי איז שווער אָנגעקומען דאָס איינשליסן זיך אין אונדזערע רייען, טראָץ דעם, וואָס מיט דעם געדאַנק זיינען זיי געווען מיט אונדז. דאָס נישט אָנשליסן איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע סיבות. מיר האָבן צו יענער צייט, נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַרשטיין די סיבות. אָבער דער טאָג איז געקומען, ווי אַלע, מיט אויסנאַמען זיינען אַריינגעקומען און געוואָרן פריינד און מיטגעארבעט. אין די ענגע ווענט פון לאָקאַל זיינען די אָוונטן געווען געהויבן, מען האָט געהאַט אַ גייסטיקן פאַרגעניגן, א הארציקע וואַרמקייט האָט זיך געפילט, נאָר ווי מען איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט זיך געשאַפן גרעניצן, ס'האָט זיך געשאַפן א געמיש פון געפילן, וואָס מען האָט געדאַרפן „פאַרשטיין"....

מען האָט אויפסניי געגרינדעט אַן אַמאַטאַרן קלוב, איצט אונטער דער אָנפירונג פון לייב רייכנטאַל, מען האָט געבראַכט טעאַטער-קינסטלער פון ריישע און אַנדערע פלעצער און געשפּילט טעאַטער. מיר האָבן אויפגעפירט איינ‍יקע דראַמען: „ווי זענען מיינע קינדער", „צוריק פון סיביר", א.א.וו. ס'האָט זיך געשאַפן א קאָלירפולעס לעבן מיט ערפאָלג. צווישן די מיידלעך און ייִנגלעך האָבן זיך געשאַפן פאַרלעך, דאָס האַרץ האָט אויפגעוואַכט פון ליבע. אָבער זיי האָבן זיך נישט געטרויט צו שפּאַצירן אויף דער הערן גאַס, דאָרטן ווי ס'האָבן שפּאַצירט די קינדער פון די הערן-קלאַס. דאָס איז געווען אַ לאַנגע גאַס, דער גאַנצער וועג איז געווען באַזוימט מיט אַלטע ביימער, וואָס האָבן געגעבן א שאָטן איבער דער גאַנצן ברייט פון קוואַרטל. דער שפּאַציר איז געווען פון דער פּאָסט ביז צו דער באַן סטאַציאָן, דאָ אויך דאָרט איז געווען פּלאַץ זיך אַוועקצוזעצן אויף א באַנק. דאָרטן האָבן שפּאַצירט די אַזוי-גערופענע אינטעליגענטע בעלבתישע קינדער...

די אַנדערע גרופּן האָבן שפּאַצירט אויף צעוואָרפענע פלעצער, אין ענגע געסלעך, אויף סטעזשקעס, אונטער ביימלעך און זיך אוועקגעזעצט אויף גראָז, ווי טעפּיכער.

דאָס איז אַלץ אַמאָל געווען, דאָס פאָלקס-אומגליק האָט די אַלע פּראָבלעמען אָפּגעשאַפן. די געוווינהייטן פון דער אַלטער געזעלשאַפט און טיפן האָבן נישט מער קיין אָנהאַלט, און ס'געערט צו דעם, וואָס איז אַ מאָל געווען.

יענע צייטן באַגלייטן דיך, אויב דו ווילסט אָדער נישט. צו די ביזט מיט זיי צופרידן אָדער נישט. מער ווי שטענדיק פילסטו עס, ווען דו טרעפסט דעם לאַנדסמאַן פון יענע צייטן, ווען מען האָט צוזאַמען געאַרבעט, געשאַפן, אויפגעוואַכט, פון לעבן צום לעבן. דער דערציילער פון די שורות האָט ענדע 20-טע יאָרן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, אָבער פון ווייטנס געהערט, אז ס'איז צוגעקומען נייע יוגנד אין די

רייען פון לייביש רייכנטאַלס איינפלוס און די פוילישע רעאַקציע-רעגירונג האָט זיי פאַרשפּאַרט און פאַרמשפט צו תפיסה און פּיין. לייב רייכנטאַל איז באַלד פאַרנומען געוואָרן אין ליזשאַנסקער טורמע, ווי ער האָט ערקלערט אַ הונגער-שטרייק. ברוך מילער, איז אויף אַ משפט אין ריישע פאַראורטיילט געוואָרן אויף 9 יאָר תפיסה. שלומה רייכנטאַל איז פאַרמשפט געוואָרן 8 יאָר טורמע. זיי און נאָך אַ גאַנצע רייע פון יענע יונגד זיינען ארעסטירט געוואָרן, ווייל אויף זייער פאָן איז געווען אָנגעשריבן די לאָזונג פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט.

ר׳ מאירל פּרימישליאַנער דערציילט:

איינמאָל בין איך מיר ארויפגעגאַנגען אין הימל אַריין און זיך אוועקגעשטעלט ביי די טויערן פון גן-עדן, אַ קוק געטאָן, ווי אזוי ס׳גייט דאָרטן צו. זע איך, ווי עס קומט אָן אַ רב און האָט בדעה גלייך אַריינצוגיין אין גן-עדן, אָבער דער שומר פאַרשטעלט אים דעם וועג. וואָס היילט איר זיך אַזוי? — פרעגט ער אים — מיט וואָס האָט איר עס זוכה געווען צו גיין אין גן-עדן אַריין? דארויף ענטפערט דער רב: וואָס הייסט? אַגאַנץ לעבן האָב איך עוסק געווען בתורה. טאָג און נאַכט בין איך געזעסן און געלערנט. און אויב נישט פאר מיר און פאַר מיינע חברים, טאָ פאַר וועמען איז דער גן-עדן באַשאַפן געוואָרן? אָבער דער מלאך ווערט פון דער תשובה נישט נתפעל. מען דאַרף פריער — דערקלערט ער אים — בודק זיין און קאָנטראָלירן, צו די תורה, וואָס איר האָט געלערנט איז טאַקע געווען לשמה, נישט צוליב כבוד, צוליב פרנסה וכדומה... איר מוזט צווואַרטן.

ווידער איז געקומען אַ צווייטער יחסן און וויל גלייך אריין אין גן-עדן, וואַרט אַ ווײַלע — זאָגט דער מלאך — איך וועל נאַכזען, אויב אַלעס וואָס איר דערציילט איז נישט צוליב פרנסה און כבוד. ביני לביני קומט אָן אַ פּראָסטער ייד אַן אַרבעטער — אנו לאָמיר נאָר הערן שטעלט אים אָן דער שומר — וואָס פאַר מעשים טובים פאַרמאָגסטו?

איך? איך פאַרמאָג נעבעך גאָרנישט, נעמט דער ייד קרעכצן. איך בין אַ פּראָסטער מענטש, אַן אַרבעטער, איך ווייס פון קיין זאַך נישט, מיין טיר איז שטענדיק געווען אָפן פאַר יעדן. ווער ס׳איז נישט אַריינגעקומען, אַ באַקאַנטער, אָדער אַ אומבעקאַנטער, אַ ייד, אָדער נישט ייד, האָב איך אים גאַנץ פריינדלעך אויפגענומען, און אים געגעבן אַ ביסל אקעוויט, ער זאָל זיך דאָס האַרץ דערכאַפּן און נאָך דעם האָב איך אים צוגעגעבן צום טיש, וואָס ס׳האָט זיך געפונען אין דער שטוב. ווילט איר מיך אַריינלאָזן אין גן-עדן איז גוט, און אויב נישט — זייט זשע מיר געזונט און שטאַרק.

ווי דער מלאך האָט דאָס דערהערט האָט ער גלייך געעפנט פאַר אים די טיר און געזאָגט: דיר דאַרף מען נישט בודק זיין. אַ מענטש וואָס האָט געהאָלפן הונגעריקע, געגעבן עסן און טרינקען, אַזאַ מענטש דאַרף מען נישט קאָנטראָלירן צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן. צו עס איז געווען לשמה אָדער שלא לשמה...

איך געדענק אייך, איר פשוטע חברים און פריינד, איר האָט פון דעם גאָלדענעם פישל נישט פיל פאַרלאַנגט. איר האָט אייער אַרבעט נישט געמאַכט פאַר

פרנסה, אָדער כבוד, איר האָט נאָר געגעבן און נישט גענומען. איך געדענק און זע דיך מיין שטעטל ליזשענסק, איך האָב פון דיר נישט פול פארגנוגען געהאָט, דאָך ביזט דו מיר געבליבן וווינען אין מיין האַרצן...

ס׳גיין פאַר מיר אויף בילדער און מ׳קען פון דיר פול דערציילן, נאָר ס׳איז נישט פאַר מיינע פעדער, איך האָב נאָר פון דיר מיין שטעטל איבערגעגעבן אַ קליינעם גרוס פאַר די וואָס קענען דיך נישט, און ווילן פון דיר הערן און וויסן.

מ. שפרגל

בעלי תפילות

אונדזער שטעטל ליזשענסק האָט געהאַט אַ גרויסע שיינע שוהל, קעגנאיבער איז געווען א בית-המדרש און 2 קלייזלעך. קיין חזן איז אין אונדזער שטעטל נישט געווען, א גאַנץ יאָר האָבן געדאַוונט פאַרן עמוד פארשידענע בעלי-בתים, בעלי-יאָרצייטן, נאָר אַז עס זענען אָנגעקומען די ימים-נוראים, האָבן מיר געהאַט ספּעציעלע ימים-נראים׳דיקע בעלי תפילות ווי ר׳ אברהמעלע וואַקספרעס, ר׳ אשר שוחט, ר׳ שלומקע קירשנבוים, ר׳ מרדכי שמעון-ראובן׳ס און ר׳ איצי שיף פון אונטערן קלויסטער.

ר׳ אברהמעלע וואַקספרעס, א ייד, א הדרת פנים, ביי יעדן אין שטאָט באליבט. ער האָט זיך נישט פארנומען מיט קיין שום געשעפטן, פאר פרנסה האָט שוין גע-זאָרגט זיין ווייב פעסעלע, ר׳ אברהמעלע איז געזעסן גאַנצע טעג און אַריינגעקוקט אין די קליינע אותיות, מענטשן פלעגן זאָגן, אז ער שרייבט אויך נאָטן צו די ימים-נוראימדיקע תפילות, די נגונים פלעגט ער אליין פאַרפאַסן, יעדער יאָר האָט ער געהאַט נייע נגונים, ער האָט נישט ליב געהאַט מ׳זאָל אים אונטערהאַלטן. עס האָט זיך געמאַכט, אז ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען א ניגן, וואָס ער האָט שוין אַמאָל געהאַט געזונגען און די יונגעלייט, (וועלכע האָבן זיך געריבן צו ווערן אמאָל בעלי תפילות) האָבן אָנגעהויבן אים אונטערצוהאַלטן, האָט ער גלייך געגעבן אַ דריי אַוועק און אָנגעהויבן אַ נייעם ניגון צו זינגען. צו יעדער תפילה האָט ער געהאַט פאַרפאַסט א ספעציעלן ניגון, ער פלעגט דאַוונען כל-נדרי, מוספים און נעילה, איינגעטיילט, אין שוהל און אין בית המדרש.

וואו ער האָט געדאַוונט איז געווען פול מיט מתפללים, האָט ער געדאַוונט אין שוהל, פלעגן קומען די מתפללים פון בית-המדרש אים הערן און פארקערט. האָט ער געדאַוונט אין בית המדרש, פלעגן די שוהל-מתפללים גיין אין בית-המדרש. ווי שיין ער פלעגט זינגען, פלעגט ער נאָך שענער זאָגן די תפילות. ער האָט געהאַט זייער אַ איידעלע, לירישע און לויטערע שטימע, די מתפללים פלעגן זאָגן, אז זיינע ווערטער זענען ווי געקליבענע פערל.

פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה פלעגט מען אים פארבעטן קיין אַמעריקע אויף ימים-נוראים צום דאוונען, ווי ער פלעגט יעדן יאָר פאָרן. נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט ער שוין די איינלאַדונגען נישט אָנגענומען, און געמאַכט זיך א חזקה צו דאוונען אין אונדזער שטעטל, באַצאָלט האָט ער נישט גענומען. דאָס דאַוונען האָט ער געהאַלטן פאַר זיין פארגעניגן דאַמיט אויך די מתפללים צו פאַר-שאַפן פאַרגעניגן.

ר׳ אברהמעלע איז אייניקע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה נפטר גע-וואָרן.

ר׳ אשר שוחט. אין יענע צייטן אין קליינעם שטעטל, האָט א שוחט געמוזט זיין א שטאַרק אָפּגעהיטענער פרומער ייד, און ר׳ אשר שוחט איז דאָס געווען. און צו דעם אויך א ייד א גרויסער למדן. ווען ער איז געווען פריי פון שעכט-הויז פלעגט ער תמיד זיצן אין בית המדרש און אריינקוקן אין א ספר.

ימים טובים און ימים נוראים פלעגט ער ביי אונדז אין שוהל דאַוונען פאַרן עמוד. ביזן היינטיקן טאָג ליגן נאָך מיר אין געדאַנק זיין האַרץ-רייסענד געוויין פון זיין גאַנצער נשומה די צוויי תפילות : „אור חדש על ציון תאיר״ און מתי תימ-לוך בציון בקרוב בימינו, אָבער די דייטשע נאַציס האָבן נישט געלאָזט אים דאָס דערלעבן און אים אומגעבראַכט.

ר׳ שלומקע קירשנבאום, א שיינער בעל-הבית אין אונדזער שטעטל, געווען א פרומער אָפּגעהיטענער ייד, אויך אים פלעגן די גבאים איינלאַדן אין שוהל צו דאַוונען ימים נוראים, ביי די מתפללים איז געווען ספעציעל באַליבט צו הערן אים זאָגן די „יעלה׳ס״ יום-כפור ביינאַכט, ווי אויך „לדויד מזמור״ און שיר המעלות ממעמקים״, ר׳ שולמקע האָט געהאַט זייער אַ ריינע און הויכע שטימע, ווען ער פלעגט זאָגן די „יעלה׳ס״ פלעגט ער אָנהויבן שטיל און אויסציען דאָס וואָרט יעעעלה, ווי ער וואָלט אָנגעהויבן אונטן אין שוהל און עס האָט זיך פאַרפערטיקט אויבן ביים כסא-הכבוד.

פיל קריסטן פלעגן קומען אים הערן. איך געדענק מ׳פלעגט דערציילן, אז אין דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די רוסן זענען אריין אין אונדזער גאַליציש שטעטל, פלעגן שלאָגן יידן און אָנטוען גרויסע צרות, אזוי אז די יידן פלעגן זיך האַלטן פארמאכט אין די שטובן מורא האָבנדיק אַרויסגיין אין גאַס, אין דעם איז אָנגעקומען דער הייליקער טאָג יום-כפור, די יידן האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און זענען געקומען אין שוהל צו כל-נדרי, אין מיטן דאַוונען האָט זיך געהערט א געמרמל, אז די רוסן קומען אין שוהל אריין, פונקט איז ר׳ שלומקע געשטאַנען פאַרן עמוד און געדאַוונט, ווי ער האָט דערהערט, אז די רוסן זענען אין שוהל האָט ער זיך געגעבן אַ צעלאָז מיט זיינע „יעלות״, די רוסן דערהערנדיק דאָס, האָבן זיך דערשראָקן און זענען אַרויס פון שוהל, נאָר די דייטשע בעסטיעס האָבן זיך פאַר זיינע „יעלות״ נישט דערשראָקן און אים אומגעבראַכט

ר׳ מרדכי שמעון ראובן׳ס פלעגט אלע ימים-טובים דאַוונען ביי אונדז אין שוהל, אמאָל שחרית און אַמאָל מוסף ווי אויך אַמאָל ביידע צוזאמען. קומען פלעגט ער מיט זיינע צוויי בחורים, ער פלעגט זיך אוועקשטעלן פאַרן עמוד מיטן טלית איבערן קאָפּ און זיינע זון שמואל ראובלה פון איין זייט און שמעלי פון דער צווייטער זייט פלעגן זייער פאָטער אונטערהאַלטן ביים זינגען. ר׳ מרדכי פלעגט זייער שיין דאַוונען און זינגען, נאָר זינגען פלעגט ער תמיד מיט זיין סקאַרבאָווע ניגן, סיי דאָס זינגען, סיי דאָס זאָגן די תפילות פלעגן ביי אים אַרויסקומען ווי פון א אָנגעוויייטיקט האַרץ, קרעכצענדיק תמיד או-או-או. ווי די מתפללים פלעגן אויך צוהעלפן מיט אַ קרעכץ, און פון דער ווייבערישער שעוהל האָט זיך געהערט דאָס

געוויין. ר׳ מרדכי, זיינע צוויי זון מיט זייערע פאַמיליעס זענען אומגעקומען דורך די דייטשע נאַציס.

ר׳ **איצי שיף**, א מיטלוואָקסיקער ברייטלעכער ייד, מיט א ברייטער שוואַרץ-גרוילעך געדעכטער באָרד און פיאות, און צוויי ברייטע לאַנגע ברימען איבער די אויגן. געקליידעט אין אַ שווארצע לאַנגע בעקעשע מיט א שוואַרצן סאַמעטן קאַ-פעלוש אויפן קאָפּ ווי אין יענע צייטן, א אמתדיקער חסידישער ייד, אַ מענטש תמיד מיט הומאָר, אז ער פלעגט עפעס דערציילן האָט עס געמוזט זיין באַגלייט מיט א פריילעך געלעכטער, און דערציילן האָט ער ליב געהאָט, נאָר פריילעכס, אז מ׳זאָל דערפון הנאה האָבן, אויך ער איז געווען באליבט ביי די שוהל מתפללים, וועלכע פלעגן אים איינלאַדן צו דאַוונען פאַרן עמוד אין די ימים טובים.

ער שטייט מיר נאָך היינט פאר די אויגן, ווי ער פלעגט זיך איינשטעלן פאַרן עמוד און דעם ברייטן ווייסן קיטל אָנגעטון, אין דעם שווערן טלית איבערן קאָפּ און דער צווילינג: מאירל און געצאַלע אונטער אים און ער פלעגט מיט זיין שטאַר-קע לייבן שטימע געבן א געשריי: „שוכן עד, מרום וקדוש שמו" האָט זיך פשוט דער סופיט געהויבן. אזוי פלעגט ער דאַוונען מיט א שטאַרקן ברען, ביים זינגען פלעגן אים די צווילינג בחורלעך מאירל און געצאַלע אונטערהאַלטן מיט זייערע דינינקע קוויציקע קולעכלעך, זיי האָבן געהאַט זייער א גוטע שטימע צום זינגען. אויך זיי האָט געטראָפן דער פינסטערע גורל אין דער צווייטער וועלט מלחמה.

זייער פאָטער ר׳ איצי איז געשטאָרבן אין סאָוועט-רוסלאַנד.

פייוויש רוט

פריוואַטע מצוה איניציאַטיוו

ס'איז געווען אַ שטעטל ליזשענסק מיט אַ יידישן קיבוץ, פאַרטראַטן פון פאַר-טייען, חסידים, מתנגדים, ציוניסטן, מזרחיסטן און אגודיסטן, ס'האָבן געהערשט מיינונגס-פאַרשידענהייטן, יעדער געטריי און איבערגעגעבן זיין אידעאַל, עס קומען אָפטמאָל פאָר אינערלעכע רייבונגען, איבערהויפּט ביי וואַלן צו קהילה געמיינדע, שטעטישע געמיינדע, שטאַטס-פּאַרלאַמענט „סיים", נישט ווייניקער אויך ביי באַ-שטימען און אויפנעמען אַ שטאָטישן רב, דיין, גבאי אין בית המדרש. אָבער ווען ס'איז געקומען דבר מצוה האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפט יידישע אחדות.

דאָס אויפבויען אַ הקדש געביידע פאַר דורפאַרענדע מיטללאָזע אורחים, די גרינדונג אַ גמילת חסד קאָסע, זענען געוואָרן לעבעדיקע פאַקטן פאַר דעם הער-שענדן יידישן ברודערלעכן אחדות.

***

געלעבט האָט אין ליזשענסק אַ ייד, אַ ירא שמים, מיטן נאָמען ר' נפתלי חיים כץ האַלענדער ז"ל. גייענדיק אין אַ ווינטער נאַכט פון בית המדרש, האָט ער געזען ווי עס שטייט אַ ייד, אַ דורכפאַרענדער אורח, נישט חלילה וואַרטענדיק, אַז ווער זאָל אים איינלאַדן אויף שבת. איינלאַדן אַ ייד אויף שבת, זענען געווען צווישן די בעלי-בתים פעניגענדע קופּצים, נאָר דער אורח האָט געוואַרט, מען זאָל אים איינאָרדנען אַ שלאָף-פּלאַץ, כאָטש אים שבת האָבן אַ נאַכטגעלעגער נישט צו פרירן. עס פאַרשטייט זיך, אַז יידן זענען בני רחמנים און מען האָט דעם אורח מיט אַ ווארם נאַכט-קוואַרטיר איינגעאָרדענט. אָבער ר' נפתלי חיים האַלענדער ז"ל, האָט זיך מיט דעם נישט באַניגענט. דער מענטש האָט געהאַט אַ ווייטערן בליק, און טאַ-קע גלייך מוצ"ש נאָך דער הבדלה, האָט ער באַשלאָסן, אַז מען דאַרף שאַפן אין שטעטל אַ בית אורחים פאַר מיטעללאָזע דורכפאַרענדע אורחים.

אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט מיט פאָלגענדע איינוווינער:

האַלענדער נפתלי חיים	פייט שלום
הורוביץ שמעלקע	רוטמאַן דוד
וואַקספרעס אברהמעלע	רייכנטאַל אהרן משה
וויינמאַן אַנשיל	שטרוך בער
וואַקס וואָלף	שטאלבאַך קלמן וואָלף

מען האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ קאַפּיטאַל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביי די שטאָטישע בעלי-בתים צו בויען אַ בית אורחים.

נאָך אַפּלויף פון 2 יאָר צייט איז אויפגעבויט געוואָרן נעבן דער שוהל אַ איינשטאָקיקע געביידע, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „הקדיש", אָבער דאָס איז נישט געווען אַ הקדיש. לויט דעם אָנגענאָמענעם באַגריף ביי יידן, וואָס מיינט

א שטוב, א פֿאַרשלעפּעניש, א אָפּקומעניש. דאָס איז געווען א שיין הויז, א בית-אורחים. דעם נאָמען הקדיש האָט מען גענאָמען פון שורש „קדוש".

דאָס הקדיש איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער סביבה פון ליזשענסק, ווי דער אורח וועלכער איז אין דער סביבה געקומען האָט דערפאַן געהערט און האָט דערפאַר געצילט צו קומען קיין ליזשענסק אָן צו זאָרגן וואו איבערצונעכטיקן, אַ דאַנק דעם זענען אויך די ליזשענסקער יידישע איינוווינער געשמאַק געשלאָפן.

געלעבט האָט אויך אין שטעטל א אינטעליגענטער נאַציאָנאַלער רעליזגיעזער ייד מיטן נאָמען ר׳ אלימלך נאַרציזענפעלד ז״ל. א דאַנק זיין איניציאַטיווע און ארבעט איז געשאַפן געוואָרן א גמילת חסד קאַסע.


מיט זאמעלדיקן קאַפּיטאַל און מאָנאַטס-אָפּצאָל באַשטייערט פון די בעלי-בתים אָן מיטהילף פון וועלטלעכע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס איז די גמילת חסד-קאַסע געגרינדעט געוואָרן. די קאַסע איז אָפיציעל פון דער רעגירונג באַשטעטיקט געוואָרן, און ביי די ערשטע וואַלן זענען איינשטימיק געווילט געוואָרן אלס פּאָרזיצער שפּאַטץ יצחק, קסירער — האָלענדער נפתלי חיים, סעקרעטאַר — נאַרציזענפעלד אלימלך, בייזיצענדע — קאַרפּ מרדכי. (נאָך דריי בעלי-בתים, וועלכע איך קען מיך ליידער נישט דערמאָנען).

יעדע 2 יאָר זענען פאָרגעקומען וואַלן. ביי די לעצטע וואַלן זענען אויך געווילט געוואָרן: רויטמאַן לייביש, גרינבוים אליעזר, ליבערמאַן מרדכי און הירשפעלד לייב.

פון דער גמילת חסדים קאַסע האָבן געניסן סוחרים, בעלי מלאכות מיט זייער קליינע אָפּצאָלן, וועלכע האָבן נאָכן שטאַטישן וואָכן-יאַריד געקאָנט אָפּשפּארן און באַלן. ר׳ יצחק שפּאטץ ז״ל האָט אָפּגעגעבן פאַר דעם צוועק א צימער אָן שכר-דירה, וועלכע האָט געדינט אלס ביורא פון דער קאַסע. ר׳ אלימלך נארציזענפעלד, וועלכער איז אין זיין פריוואַט-געשעפט געווען געניוג פארנומען האָט טראָץ אַלעם, נישט פאַרנאַכלעסיקט די קאַסע און געזאָרגט די קאַסע אין אָרדנונג צו האַלטן.

ר׳ נפתלי חיים האָלענדער ז״ל, א ייד, וועלכער איז כל יומיו, יומם ולילה ביי דער גמרא געזעסן און געלערנט, האָט נישט געהאַלטן פאר ביטול לימוד התורה, ווען פליכטן לטובת ג״ח האָט געפאָדערט. דאָס זעלבע אויך האָט געהערשט ביי די אנדערע בייזיצענדע. זיי זענען תמיד גרייט געווען אויף יעדן רוף.

אין דער פארוואלטונג פון דער „גמילת חסדים-קאַסע" און אויך אין „הקדיש" האָט געהערשט אחדות, כאיש אחד לדבר מצוה.



אברהם רייכנטאל ז״ל

אביש רייכנטאל

אברהם רייכנטאל ״ל

געבאָרן 1874 אין שטעטל ליזשענסק. אין דער פריער יוגנט האָט ער געזען, אַז אין דעם קליינעם אָרט איז קיין פּלאַץ פאַר א ארבעטס-מענטש. ער פאָרט קיין אַמעריקע, ווי פיל פון זיין משפחה און באַקאַנטע זענען שוין געווען דאָרט. ער ווערט קראנק און קומט צוריק צו זיינע עלטערן. ער באַקענט זיך מיט יענטע שאַכטעל, זיין שפּעטער געוואָרענע פרוי. יענטעס עלטערן האָט נישט געפאסט, אז זייער טאָכטער זאָל הייראַטן א קצב, האָט מען זי אַוועקגעשיקט צו אירער שוועסטער אין אמעריקע.

אברהם האָט געפילט דעם ווייטיק און אויס ליבשאַפט איז ער איר נאָכגעפאָרן. טראָץ די שוועריקייטן האָבן זיי געהייראַטעט און געברענגט 8 קינדער אויף דער וועלט.

ווען די ערשטע וועלט-מלחמה איז אויסגעבראָכן ווערט אברהם גערופן צום עסטרייכישן מיליטער. קומענדיק צוריק פון קריג, פארנעמט זיך אברהם ווייטער מיט אויפבויען א ניי לעבן. פון זונטיק ביז פרייטיק איז ער געווען ארייגעטאָן און פאַריאָגט אין זיינע טעגלעכע ארבעטן, אָבער שבת האָט ער געשיינט מיט גייסט. ער האָט געערט צו דעם מיטל-קלאַס, ער האָט שטענדיק געטאָדעלט די פארזאָרגער פון דער שטאָט, וואָס האָבן לויט זיין מיינונג דיסקרימינירט דעם אַר-בעטס מענטש, ער איז שטענדיק געשטאַנען אין דער זייט פון שוואַכן. זיינע גע-דאַנקען האָט ער גענומען פון לעבנס-ערפארונג.

ער האָט געהאַט אַ גרויסע שולע פון לעבן פון זיינע 2 מאָל זיין אין אמעריקע

פון די שוויץ שאַפן, די גרויסע ערלעבנישן פון די 4 יאָר זיין אין דער וועלט-קריג. אין די שעהן פון רוהע האָט ער דערציילט פון זיינע איינדרוק; מיט גרויס פילפאַר-ביקן הומאָר.

די קינדער זיינע, וואָס האָבן געצייגט א גרויסן טאַלענט אין לערנען, האָט ער געגעבן די מעגלעכקייטן. זיין עלסטן זון, וואָס האָט געהאַט א דראנג צו שטודירן האָט ער געשיקט אין אוניווערסיטעט. די מיטעלקלאַס-מענטשן האָבן אים געוויילט אין שטאָט-ראַט און אין דער קולטוס-געמיינדע.

אין דעם צווייטן וועלט-קריג האָט אים דער שיקזאל געברענגט ביז לעמבערג. דאָרט האָט ער זיך געהאַלטן, ביז היטלער האָט זיי פארנומען. פון דאמאָלס זענען די שפורן פארלאָרן געגאַנגען. ווי אלע יידן איז ער אומגעקומען מיט זיינע קינדער לייביש, שלמה און טאָכטער חיהלע.

הארי שרהלע, בנימין רייכנטאל

יעקב רייכנטאל ז״ל



יעקב רייכענטאל, פרוי און זון ז״ל

יעקב רייכנטל איז געבוירן אין ליזשענסק אין יאָר 1869. ער איז געווען פאַרוואָרצלט מיט פיל דורות צוריק. ער איז געווען א רוהיקער און באַשיידענער מאַן מיט געמיטלעכן גוטן הומאָר. אַלס יונגער און ענערגישער מענטש איז ער צוויי מאָל אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקע, דאן קומט ער ווידער צוריק קיין ליזשענסק און הייראַטעט זיין פרוי טשאַרנע, וועלכע האָט אים געבוירן 5 זין. ער איז געווען א מאַן מיט פאַרשטאַנד, מעסיג אין זיין ארט לעבן, געלעזן די יידישע פרעסע, וואָס איז צו יענער צייט געווען גערעכנט פאר א אויפגעקלערטער. די האַנדווערקער און ארבעטער האָבן אים אויסגעוויילט, אַלס זייער פארטרעטער אין דער יידישער גע-מיינדע (ועד הקהילה) אויך אַלס ראַטמאַן אין שטאָט-פאַרוואַלטונג, ער האָט אין די אינסטיטוציעס געאַרבעט מיט געוויסן.

אין דער צווייטער וועלט-קריג, ווען די אמעריקאַנער יידן האָבן געשיקט קיין פוילן עסן און קליידער פאר אָרעמע באַפעלקערונג און ס'איז געשאַפן געוואָרן א קיך פאר די שול-קינדער האָט יעקב רייכנטאַל מיט ישעיהו רייכנטאַל גענומען אויף זיך די לאַסט און אויפגעפאַסט מען זאָל די אָרעמע קינדער קיין עוולה נישט טון. קורץ נאָך דער ערשטער קריג האָט ער דערפילט אין פוילן דעם אַנטיסעמיטיזם און יידן-האַס און איז אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווי ער ברענגט דאָרט זיין פאַמיליע. נאָך אַ קורצער צייט קויפט ער באָדן אין רעננה (ישראל) און שיקט זיין עלסטן זון יוסף באַאַרבעטן דעם באָדן ביז ער וועט אַליין האָבן די מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך אין ישראל. אין יאָר 1933 קומט יעקב קיין ישראל, ווי ער בויט זיך אויס א הייזקע און ענטוויקעלט און באַפורכטעט זיין פרדס. אין יאָר 1936 איז ער געווען גרייט צו פאָרן נאָך אמעריקע צו ברענגען זיין פרוי קיין ישראל, אָבער זיין פרוי האָט ער שוין נישט געברענגט, אין דעם זעלבן יאָר איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.



מ. שפרגל

הערש גוזיק

מיינע לעצטע באַגעגנישן מיט הערש גוזיק מאָנען פון מיר, איך זאָל וועגן אים אַ פּאָר ווערטער שרייבן.

הערש, אלס בן-יחיד ביי זיינע עלטערן, ווו ער האָט באקומען די בעסטע ער- ציהונג; וואָס עלטערן קענען זייער בן-יחיד געבן.

הערש האָט געענדיקט אין אונדזער שטעטל די פאָלקס-שולע, גלייכצייטיק די חדר׳ס, ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמודיסטן אין תלמוד-תורה, קיין העכערע יידישע שולן זענען אין ליזשענסק נישט געווען, האָט ער געלערנט פּריוואַט וועלטלעכע לימודים, געמאַכט עקסטערנע עקזאמענס. אין גימנאַזיום, איז ער נישט געגאַנגען, ווייל ער איז געווען זעהר רעליגיעז, און נישט געוואָלט שבת גיין אין שולע, חלילה מחלל-שבת זיין. פאר אים איז געווען וויכטיקער שבת צו גיין אין בית-המדרש דאווענען.

טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען רעליגיעז, איז ער שטענדיק געווען מאָדערן שיין געקליידעט, נישט געטראָגן קיין פּיאות, מיט אַלע מענטשן זיך גוט פארהאלטן, מיט וועמן ער האָט גערעדט, איז עס שטענדיק געווען באַגלייט מיט א ליבליכן שמייכל. נישט האָבנדיק אין ליזשענסק קיין העכערע יידישע שולע, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקפורט - דייטשלאַנד, ווו ער איז אַנגענומען געוואָרן אין ראַבינער-סעמינאַר. פארענדיקט דעם סעמינאַר איז ער צוריקגעקומען קיין ליזשענסק מיט אַ דיפּלאָם, אַלס ד״ר ראבינער.

ווידער דער זעלבער באַשיידענער בחור, נאָר שוין א דערוואַקסענער מענטש, טראָגט שוין אַ שיינע שווארצע צוגעפוצטע ראבינער באָרד, א טונקל גראָען הוט,

עלעגאַנטן אַנצוג. יעדן אין דער פרי, גייט ער זיך מיטן תפילין זעקעלע אונטערן אָרעם צום דאווגען. ווען ער באַגעגנט אויפן וועג, גיט ער אָפּ א בכבודיקן גוט-מאָרגן און גייט זיך ווייטער זיין וועג.

אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן, ביז עס איז געקומען דער גרויסער חורבן. די דייטש-נאַצישע רשעים האָבן אויך אונדזער שטעטל נישט אויסגעמיטן, דאָס ערשטע האָבן זיי אַלע יידן ארויסגעטריבן אויפן מאַרק און זיי באפוילן צו טאָן פארשידענע שווארצע, נישט נוצלעכע אַרבייטן, נאָר בלויז זיי צו ערנידעריקן און אָפּחוזיקן פון זיי און זיי אויסצומאַטערן ביז צום פאַלן פון די כוחות. צווישן זיי איז אויך געווען הערש גוזיק. מיט א בעזים אין דער האַנט, און געקערט דעם מאַרק. נאָכדעם האָבן זיי אים געצוואונגען, מיט די הענט דאָס מיסט צוזאַמענעמען און אַרויפוואַרפן אויפן אוטאָ. נאָכן פערטיגן די אַלע אַרבייטן האָט מען זיי אַלע צוזאַמענגענומען און געמאַכט מיט זיי פערשידענע מושטרעס מיט די בעזימס אין די הענט.

זייענדיק אין אַלעשיצע, ווו מיר זענען צייטווייליק געווען נאָכן אַנטלויפן פון די נאַציס, האָבן מיר באַגעגנט הערשן אַן איינזאַמען, די באָרד אָפּגעשוירן, מוטלאָז, טרויעריג. ער האָט זיך געהאַט איינגעאָרדענט אַלס לערער אין די יידישע יעווסעקישע שולע, ווו ער האָט געקריגן אַ פענסיע נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן. איך האָב זיך מיט הערשן יעדן טאָג באַגעגנט, מיר האָבן זיך איינער דעם צווייטן מיט גאַרנישט געקענט העלפן, מיר זיינען געווען אויף גלייכע צרות, מיר פלעגן צוזאמען יעדן פרימאָרגן אַרומלויפן פון איין בעקעריי צו דער צווייטער זוכן א ברויט צו קויפן, אָבער נישט תמיד האָט אונדז דאָס גליק צוגעשפילט, אַז מיר זאָלן פאר אונדזערע אָרעמע גראָשענס א שטיקל ברויט באקומען. אין אַ געוויסע צייט אַרום בין איך אוועק קיין לעמבערג און מער פון הערשן נישט געהערט.

נאָך דער מלחמה האָב איך זיך דערוווסט, אַז די דייטשע נאַציס האָבן אים, זיינע עלטערן און שוועסטערן אומגעבראַכט.

ר ב ק א פ ל

(זכרונות פון מיין שטעטל)

פון יחיאל שנייד (איש ליזענסק)

שוין אויף דער חתונה מיינע איז ער מיר שטאַרק אויפגעפאַלן, בשעת ער איז געזעסן מיט זיין הדרת-פנים, צווישן די מחותנים און די איינגעלאַדענע געסט, ביי די טישן וואָס זענען געווען רעזערווירט נאָר פאר די מאַנסבילן. (פאַר די פרויען איז געווען אַן עקסטראַ טיש צוגעגרייט). פון די אַלע בכבודע בעלי-בתים, וואָס זענען געזעסן אַרום דעם טיש מיינעם, האָט מיר זיין שיינע באָרד, דאָס צושמייכעלטע פנים זיינס און דער הויכער שטערן פון א תלמיד-חכם, פארבלענדעט די אויגן און ער האָט נושא-חן געווען ביי מיר, ווי מען זאָגט, פון ערשטן בליק אָן.

ווען איך דערמאַן זיך איצטער אין יענע יאָרן, דוכט זיך מיר, אַז איך זע אים שטיין אין גאַס, אַרומגערינגעלט מיט א היבשע כנופיה שכנים, וואָס הערן זיך צו, ווי רב קאפל דערציילט זיינע מעשהלעך, פול מיט לצנות און „שטעך"-ווערטלעך, פון וועלכע זיי האָבן שטאַרק הנאה און לאַכן אַזוי האַרצעדיק. אָדער איך זע אים שפּאַנען אין איילעניש מיט גרויסע שריט, גייענדיק אַהיים פונעם דאַווענען מיטן גרויסן תפילים-זאַק אונטערן אָרעם. ואת חטאי אני מזכיר היום, דערמאָן איך זיך אין דעם, אַז איך האָב אים אין משך פון עטלעכע יאָר, כסדר אָפּגענאַרט און טראָץ-דעם בין איך געבליבן זיין בעסטער ידיד און געלעבט מיט אים תמיד בשלום אָן אַ שום מכשול.

רב קאָפּל, (דער עלטערע דור, די זקנים, האָבן אים ווויל-ייִנגיש גערופן קאָ-פּעש, א רמז אויף זיין עקשנות), איז געווען אַ הויך געוואקסענער, א בעל-גוף מעט ברייטע פּלייצעס, צו דעם האָט ער געהאט אַ פריש צעפלאַמט פנים מיט א בכבוד נגידיש בייכל. זיין צעקעמטע ווייסע באָרד און פאות האָבן אים געגעבן זיין הדרת-פנים און מיט דעם ברייטן שטערן האָט ער געהאָט דעם אויסזען פון א תלמיד-חכם. עס האָט אים בלויז געפעלט דער ספאדיק, צום אויסזען פון א גאון הדור, אָדער פון א חסידישן רבין, צו וועלכן טויזנטער חסידים פאָרן געבן א קוויטל.

ווען איך בין געקומען וווינען אין שטעטל, איז רב קאָפל שוין געווען א זקן, אוודאי אַריבער די שישים, אָבער זיין גאַנג איז געווען גרינג און פעסט ווי ביי א יונגערמאַן. מענטשן פונעם פריערן דור, פלעגן דערציילן, אַז ער איז קיינמאָל נישט קראַנק געווען און זיך פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט וועגן אַ מיחוש, אָדער גאָר געפרעגט א דאָקטאָר. אַפילו די „באַבסקי"-רפואות וואָס מען האָט באַקומען אין די אַפטייק פאַר קליין געלד, האָט ער זיך אויך נישט געוואָלט באַנוצן.

ער פלעגט תמיד אויסלאַכן יענע יידן, וואָס פלעגן ליב האָבן דערציילן פון זיך און זייערע מיחושן, פון דאָקטוירים, פראשקעס, בעדער און אַנדערע רפואות. לויט זיין מיינונג זענען דאָס איינרעדענישן פון מענטשן, אַזעלכע וואָס האָבן זיך שטאַרק ליב און רעדן פון זיך, אין דער אמתן איז דאָס איינרעדעניש ערגער ווי די קרענק גופא.

דאָס גאַנצע יאָר, אים זומער ווי אים ווינטער, א חוץ די שבתים און ימים-טובים, פלעגט רבי קאַפּל באַנוצן די זעלבע מלבושים, די קיטיאָווענע בעקעשע, וואָס האָט פון אַלטקייט באַקומען א גרינלעכן גלאַנץ און האָט אויסגעזען ווי א זיידענע זשיפּעצע און אזוי ווי עס האָבן געפעלט אַלע קנעפּ דאַפון, האָט געמוזט דער גראָבע גאַרטל אַרום די לענדן, צוהאַלטן דעם אויבער-מלבוש. הינטער די דינע בעקעשע, וואָס האָט נישט געוואָרעמט, האָט צומאָל אַרויסגעשיינט זיין פּרעהיס-טאָרישער שפּענצער פון א מאָדנע פאַרב, א געמיש פון ברוין און בלוי. ער פלעגט אויך תמיד טראָגן דאָס שוואַרצע פלושענע קאַפּעלישל אויף זיין קאָפּ, וואָס האָט געהאַט אַן אַלט אויסזען, מסתמא א געשענק נאָך פון זיין חתונה. פון אַלטקייט האָט עס פאַרלוירן נישט נאָר די פאַרב, נאָר אויך די פאָרם. עס איז מיט דער צייט קליינער געוואָרן, איינגעשרומפּענער און האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַדעקן זיין קאָפּ מיטן ברייטן שטח פון זיין למדנישן שטערן, ווי עס דאַרף צו זיין.

רבי קאַפּל איז נישט געווען דער מענטש וואָס זאָל מדקדק זיין אויף זיינע בגדים, זיין „הולך" איז טאַקע געווען נאַכלעסיג און בטלניש. די סיבה איז געווען, ווייל ער איז שוין זייט יאָרן אַן אַלמן. עס זענען געבליבן צוויי מיידלעך, וואָס האָבן געפירט דאָס בעל-בתישקייט, ווי קאָכן און אויפרוימען, נאָר נישט געקענט אים פאַרזאָרגן, ער זאָל אויסזען לייטיש. אַלע זיינע קעשענעס זענען געווען צעריסן און קיין שום בגד האָט נישט געהאַט אָנגענייטע קנעפּ און נאָר דער גאַרטל זיינער האָט אים פון דער חרפה געראַטעוועט. אַפילו זיין העמד איז געווען צוזאַמענגע-בונדן מיט בענדלעך במקום די קנעפּ, ווי די בעלזער יושבים פלעגן דעמאָלס זיך נוהג זיין. אים זומער ווי אים ווינטער פלעגט רבי קאַפּל טראָגן שווערע שטיוול מיט לאַנגע כאַלעוועס, פונקט אַזוי ווי די בעלי-עגלות און די דאָרפס-יידן.

גאַנץ פרי, כעלות הבוקר, פלעגט רבי קאַפּל זיך איילן גיין אין בית-המדרש דאַווענען מיטן ערשטן מנין. אַריינקומענדיק האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און גענומען אַ ספר צום אַריינקוקן, נישט רעדן מיט קיינעם אַ וואָרט, ביז עס האָט זיך געשטעלט דאַווענען דער ערשטע מנין תפילת-שחרית.

תיכף נאָכן דאַוונען האָט ער זיך געאיילט א היים צו גיין, נישט ווילנדיק כאַפּן א שמועס מיט עמיצן, קוים וואָס ער ענטפערט אויף א „גוט מאָרגן". עס איז נישט געווען א סוד, רבי קאַפּל האָט געהאַלטן פון פּת-שחרית און אפילו אויף זיין שטיי-גער פון אַ טיפּע שיסל. שטאָט-לצים פלעגן דערציילן כל-ערליי גוזמאות, ווי אזוי ער איז זיך נוהג ביים עסן, נאָר איך גלויב נישט אין דעם וואָס זיי האָבן דערציילט. ער אַליין אָבער פלעגט זאָגן, אז זיין טיש איז ביי אים במקום מזבח און די סעודה זיינע איז אַן עבודת-הקודש.

די שכנים זיינע האָבן באַשטעטיקט, אז ער עסט מיט כוונה און ווען איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין שכינות פון זיין הויז, איז ער געבליבן זיצן און נישט געוואָלט מאַכן אַן הפסקה פון עסן, כדי נישט מבייש זיין דעם טיש און די סעודה זיינע.

געוווינט האָט רבי קאַפּל אין זיין אייגן-הויז נעבן נפתלי-חיים׳ס פּראָפּינאַציע.

ער פלעגט טאַקע תמיד האָבן תרעומות אויף אים, וועגן דעם שלעכטן ריח אין דער סביבה, וואָס ווערט פאַרדאַרבן פונעם בראַנפן און אַנדערע משקאות, וואָס ווערן דאָרט פאַרקויפט, וואו עס פלעגן שטענדיק זיין גויעשע שיכורים און אַזוי לאַנג געטרונקען ביז זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף א באַנק שלאָפן, ביז זיי האָבן זיך אויסגעניכטערט און ווייטער געטרונקען.

ווי איר ווייסט שוין, איז רבי קאָפּל געווען אן אלמן, נאָך דער פּטירה פון זיין פרוי, האָט ער נישט געוואָלט חתונה האָבן, כדי די צוויי יתומים זאָלן נישט פילן דעם טעם פון א שטיף-מאַמע, די מיידלעך האָבן געפירט די ווירטשאַפט.

אין דער מיטן פון זיין גרויסע שטוב איז געשטאַנען א מאַשין מיט א גרויס ראָד צום דרייען מיט דער האַנט. אַרום דער מאַשין, אויף די פּאָדלאָגע און אויף די פּאָליצעס, זענען געווען אָנגעשטעלט אן א שיעור פלאשן, גרינע, בלויע, ווייסע, מיט בלייענע פאַרשלוסן, וואָס מען האָט גערופן סיפאָנען און דאָס איז געווען רבי קאָפּלס סאָדע-וואַסער-פאַבריק, זיין פרנסה.

ווען דער שגץ זיינער האָט זיך אָנגעשיכורט און איז נישט געקומען צו דער אַרבעט, האָט זיך רבי קאָפּל נישט געשעמט, אויסגעטאָן זיין בעקעשע, אַרויפגע-קאַטשעט די אַרבל און בכבודו ובעצמו גענומען דרייען דאָס גרויסע ראָד, פאַברי-צירט סאָדע-וואַסער און עס אָנגעפולט אין די סיפאָן-פלעשער.

אין די הייסע זומער חדשים האָט מען זיין סחורה צעכאַפּט, עס איז געווען גענוג אַרבעט און רבי קאָפּל האָט געהאַט פרנסה בשפע, נאָך סוכות אָבער, ווען עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן קאַלטע ווינטן און די בלעטער זענען אַראָפּגעפאַלן פון די בוימער, האָט דער עולם ליבער גענומען טרינקען א ווארעם גלעזל טיי, האָט עס זיך שלעכט פאַרקויפט דאָס קאַלטע סאָדע-וואַסער, די אַרבעט האָט אויפגעהערט און רבי קאָפּל האָט געמוזט לעבן פון די גראָשענס, וועלכע ער האָט אין די זומער-חדשים אָבגעשפּאָרט.

רבי קאָפּל איז געווען א ייד א למדן און פלעגט אויך נישט פאַרפעלן, לערנען יעדן טאָג א בלעטל גמרא. איידעלע בעלי-בתים פלעגן זיך גערן מיט אים א דורכ-שמועסן און האָבן וכוחים אין תורה-ענינים. געווען איז ער אויך א גרויסער וויצ-לער, זיינע למדנישע ווערטלעך האָבן געהאט אַ טעם און מען פלעגט זיי אָפּטערס נאָכדערציילן בשם אומרו. זיין צינגל איז געווען א חרב חדה, מען האָט מורא גע-האָט מיט אים זיך פאַרנעמען, האָט ער עמיצן גענומען אויפן „צימבל" האָט ער זיין קרבן נישט אזוי גיך אָבגעלאָזט, אים צוטרייבערט און געמאַכט אש און פאָרך.

זיין גרעסטער תענוג איז געווען, זיך אנידער צושטעלן אין גאָס, מיט א היבשן עולם ארום זיך, וואָס הערן זיך צו זיינע דרשות, וויצן און „חוזק"-מאַכעריי, האָבן דערפון הנאה און לאַכן.

מאַטעריאַל האָט אים נישט געפעלט, ער האָט תמיד געהאַט שטאָף צום דער-ציילן. אַמאָל האָט ער זיך געטשעפּעט צו די „אייניקלעך" וואָס פירן „טישן" און נעמען פדיונות, ווי זייערע זיידעס די אדומ"רס, פון זייערע זויערע-חסידים. (גע-מיינט האָט ער יענע וואָס זאָגן קאַפּיטלעך „זוהר", נישט וועסנדיק די טייטש פון

די ווערטער) ובפרט ווען ער האָט דערציילט, וואָס פאַר אַ מופתים זיי וויַיזן.

אַן אַנדערסמאָל האָט ער זיך גענומען צו די עמי-הארצים, וואָס שטופּן זיך צום אויבנאָן און זוכן שטענדיק בלויז כבוד, ביי עליות וכדומה. ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא געהאַט, אַפילו מיטן גרעסטן תקיף האָט ער זיך פאַרמעסט און מבטל געווען כעפרא דארעא.

האָט זיך אַמאָל באַוויזן אַ פרעמד פּנים אין שטעטל, למשל א יונגערמאַן, א „קעסט-קינד" איז געקומען, האָט אים רבי קאָפּל באַלד אָנגעגריפן און גלאַט אַזוי, זייענדיק נייגעריק, אים ווי א חדר-ייִנגל פאַרהערט. מיט א זעלטענע תמימות האָט ער אים אַ פרעג געטון בנוגע א „תוספות'ל" אָדער אַ מדרש-פליאה, און ווען דער געפרעגטער האָט נעבאך נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, האָבן רבי קאָפּעלס איי-געלעך געשיינט ווי די זון פון שמחה און דאָס פּנים האָט נאָך מער געפלאַמט פאַר תענוג, צוזעהענדיק יענעמס פאַרלעגנהייט.

* * *

מיין שוויגער מאליע שבתיס האָט ביי די תנאים מיר צוגעזאָגט, צו געבן דריי יאָר „קעסט", איך זאָל בלייבן וווינען אין שטעטל און ווייטער לערנען מיט התמדה אין בית-המדרש. צו דער חתונה מיינע, בין איך אַלט געווען קוים צוואַנציג יאָר און בין געבליבן דער בטלנישער ישיבה-בחור, וואָס האָט נישט מער געוווסט, ווי צו זיצן אין בית-המדרש און לערנען תורה. פון מסחר און פון אנדערע עולם-הזה-ענינים האָב איך כמעט גאָרנישט פאַרשטאַנען און זיך אויך נישט אינטערעסירט פאַר וואָכנדיקייטן. מיך האָט עס געצויגן צום בית-המדרש, צו די פולע שאַפעס מיט ספרים און צו א סביבה פון לומדים, איידעלע יונגעלייט, הערן זייערע תורות שבעל-פה און זייערע שיחת-חולין.

און גראָד אין די צוויי יאָר צייט, פון די תנאים ביז צו דער חתונה, בין איך לא עליכם נכשל געוואָרן דורך א פרעמדן בחור, וואָס האָט מיך אַרויסגעצויגן פון מיין תמימות'דיקע וועלט און האָב שנעל עטלעכע גדרים היינטעראייַנאַנדער אַרי-בערגעשפרונגען. פון בעלזער חסידות ביז צו מתנגדות און דאַנאָך א ביסעלע וויי-טער צום „מורה נבוכים", ביז איך בין אָנגעקומען צו די אַזויגערופענע „טריפה-פסול" ספרים'לעך. פונעם „שמונה פרקים" להרמב"ם האָב איך זיך מיט שנעלע טריט דערנענטערט צום „התועה בדרכי החיים".

פאַרשטייט זיך, אַז אין יענע יאָרן, האָט מען געמוזט אַזעלכע זאַכן האַלטן בסוד, עס זאָל דערפון קיינער נישט געוואויר ווערן. דעם גאַנצן טאָג האָב איך ווײַ-טער געלערנט אין בית-המדרש, ווי געוויינלעך, מיט מיינע חברים, נאָר אין די אָוונטן, נאָך דער וועטשערע, האָב איך אַרויסגענומען פון מיין פאַרבאַרגן שאַפקעלע, יענע ספרים, וואָס האָבן מיר דערציילט פון אַ נייע וועלט און זיי געלעזן מיט גרויס חשק.

נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט ביי עמעצן צו באָרגן אַזעלכע ביכלעך, האָב איך זיי געמוזט קויפן און מיט דער צייט האָב איך איינגעקויפט א היבש ביסל השכלה-ספרים, וועלכע איך האָב מיט אַלע אַנדערע זאַכן מיטגענומען צו דער

חתונה. זענען מיינע ערשטע זאָרגן געווען, זיי צו האַלטן פאַרשלאָסן אין אַ שאַפע, עס זאָל זיך חלילה קיינער נישט דערוויסן. ובפרט האָב איך זיי געמוזט באַהאַלטן פאַר די אייגענע שטוב-מענטשן, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר א „גוט אויג״, זיי זענען דאָך אַלע געווען אַבגעהיטענע, פרומע און דער שוואָגער מיינער איז געווען אַ פאַרברענטער גאַרליצער חסיד.

יענע ביכלעך האָב איך געמוזט שטאַרק אָפהיטן, ס'האָט דאָך וועגן דעם געקאָנט צעשטערט ווערן דער „שלום-בית״, ווען איינער פון די חסידישע כיתות זאָל דערשמעקן אפיקורסות, עס וועט זיך אָנהויבן א מחלוקת מיט שנאה און רדיפות, בשעת איך בין נאָך אַזוי יונג און אָפהענגיק, ווענען וועל איך האָבן אויף מיין צד.

אַזוי האָב איך נאָך דער חתונה, אין די „קעסט-יאָרן״, טאָג-טעגלעך געלערנט אין בית-המדרש, אביי ורבא און בין געווען זיכער, אַז מיין סוד וועט קיינמאָל נישט נתגלה ווערן.

* * *

ויהי היום, איינמאָל אין אַ וואָכנדיקן טאָג, קוים עטלעכע וואָכן נאָך מיין אָנקומען אין שטעטל אַריין, טרעפט מיך רבי קאָפל אין גאַס און קומט גלייך אויף מיר צו, זאָגנדיק אויף זיין שטייגער בזה הלשון:

— „הער נאָר יונגערמאַנטשיק, האָסט דו אפשר א ביכל פאַר מיינעטוועגן? באָרג מיר עפעס צום ליינען״.

זיין פרעגן האָט מיך אַזוי שטאַרק איבעראַשט, אַז איך האָב פאַר שרעק נישט געקענט ענטפערן, איך האָב פשוט פאַרלוירן דאָס לשון און זיכערלעך האָט מיין פנים געביטן די קאָלירן פון פאַרלעגנהייט און בושה, אַזאַ איבעראַשונג. נאָך א היבשע ווײַלע, האָב איך א ביסל קוראַזש באַקומען און גענומען שטאַמלען עטלעכע ווערטער און געפרוווט אָפלייקענען, אַז איך האָב בכלל נישט קיין ביכלעך צי ספרים.

רבי קאָפל האָט בשעת מעשה א פנים גרויס הנאה געהאַט פון מיין צעמישטקייט, באַטראַכט מיין פאַרלעגנהייט מיט זיינע כיטרע אייגעלעך און דאָביי געשמייכלט, פלוצים גיט ער א זאָג צו מיר:

— „שטעל דיך נישט אַזוי תמעוואַטע און רעד דברים ברורים, האָסט פאַר מיר נישט וואָס מורא צו האָבן. צו וואָס לייקענען, איך ווייס גענוי, אַז דו האָסט השכלה-ספרים, גיב מיר עפעס צום לייענען און פאַרגעס נישט צו ברענגען״.

אַבגעזאָגט און אַוועקגעגאַנגען.

איך בין געבליבן שטיין ווי א דערשלאָגענער, שוין אויס סוד, מיין לייקענען האָט נישט געהאָלפן, ווי אַזוי איך וועל טון וועט נישט גוט זיין. ווייזט אויס, דאָס מיין צעחושטקייט און ביישנות האָבן גורם געווען, ער זאָל מיר נישט גלויבן, ובכן וואָס טוט מען איצטער?

קומענדיק אַהיים א צעטומלטער, האָב איך ערשט אָנגעהויבן איבערקלערן דעם ענין, אפשר וועל איך געפונען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוקריכן פון אַזאַ ערנסטער

לאַגע און זיך ראַטעווען פון דעם אומגליק, די גאַנצע משפּחה וועט דאַך איינגעמען בושה'ס מיט מיר.

דעם גאַנצן מעת-לעת האָב איך נאָכגעקלערט, ווי אַזוי איך זאָל באַשליסן, זיך מודה זיין און אים לייען אַ ביכל אָדער ווייטער לייקענען, אַז איך האָב נישט, ויעבור עלי מה. לסוף האָב איך ענטשידן, אים ברענגען אַ ביכל, ווייל ער וועט מיך אפשר נישט פאַראַטן און עמיצן דערציילן דערפון.

צו מנחה האָב איך אים געבערענגט דעם „עיט צבוע" פון מאַפּו, גוט פאַרפּאַקט און קאַלקולירט, דאָס ער וועט פאַר די פינף חלקים נויטיק האָבן אַ וואָך צייט צום אַדורכליינען, דערווייל וועל איך האָבן צייט עפּעס אויסצוטראַכטן אַ תירוץ, וואָס זאָל מיך ראַטעווען פון אַזאַ פּגע-רע.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען רבי קאָפּל האָט מיר שוין אינעם צווייטן טאָג, צו מנחה, צוריקגעגעבן דאָס פּעקל און אויף זיין שטייגער אַ זאָג געטאָן, „פאַרגעס נישט מאָרגן מיר עפּעס צו ברענגען".

איך האָב אים דאַרויף גאָרנישט געענטפערט, ווייל איך האָב עס נישט געקאָנט משיג זיין, ווי מען קען אַזאַ לאַנגן ראָמאַן אין פינף חלקים אַזוי שנעל אַדורכליי-נען. שפּעטער אַביסל האָב איך זיך באַרואיקט און געטראַכט, אַז אפשר געפעלט אים נישט מאַפּוס מין שרייבן און האָט עס מיר דאַפאַר צוריקגעגעבן, נישט אויס-ליינענדיק אינגאַנצן.

דעם אנדערן טאָג, האָב איך אים דעם „התועה בדרכי החיים" פון סמאָלענסקי געגעבן און מיר אויסגערעכנט, אַז ער וועט דערצו נויטיג האָבן לכל הפּחות אַ וואָך צייט. אפילו ווען ער זאָל זיין אַ שנעלער לייענער ובפרט איז ער דאַך אַ טרוד אין מסחר און האָט נישט אַזויפיל צייט איבעריג פאַר ביכער.

אין אַ טאָג-צוויי שפּעטער, באַקום איך פון אים דעם „התועה" צוריק. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ רעטעניש, ווי קאָן דאָס מעגלעך זיין. פאַלט מיר איין אים צו פרעגן אויב ער האָט עס אַדורכגעליינט און ווי געפעלט עס אים ?

— „שוטה, אודאי האָב איך עס אַדורכגעליינט, פרעג נישט אַזוי נאַריש, ברענג מיר ווידער עפּעס".

עס איז נישט נויטיג מער צו דערציילן, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון ברענגען און צוריקגעבן. איך האָב מיך שוין נישט געוווּנדערט איבער זיין שנעל ליינען. מער געחידושט האָב איך מיך וועגן זיין שטילשווייגן, פאַרוואָס זאָגט ער מיר נישט זיין מיינונג איבער אַ ספר, אויב עס געפעלט אים אָדער נישט. דווקא זיין אורטייל האָב איך געוואָלט הערן און אויף להכעיס שווייגט ער.

ווען איך האָב זיך מיט אַ צייט שפּעטער דערמאָנט, דאָס באַלד וועט קומען דער טאָג, ווען רבי קאָפּל וועט האָבן אויסגעליינט אַלע מיינע ספרים און מאַכן אַ „סיום", וואָס וועט געשען ?, וואָס וועל איך אים זאָגן און וועט ער מיר גלויבן ? וועט ער מיך אָפּלאָזן און נישט מער דאָקוטשען, אָדער חלילה, אל תפתח פה לשטן, מיך ברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט.

איך האָב מיך נישט געקענט באַרואיקן און כסדר וועגן דעם נאָכגעדאַכט, ווי

אַזוי אים פּטור ווערן. אַזוי לאַנג געקלערט, ביז עס איז מיר איינגעפֿאַלן אַ גוטער געדאַנק, אַ פּשוטער איינפֿאַל וואָס וועט מיך זיכער אַרויסראַטעווען פֿון דעם אַנ-שיקעניש.

היות רבי קאַפּל האָט מיינע ביכער מיט אַ מאָדנע געשווינדיקייט געליינט, איז פֿאַראַן אַ סברה, אַז ער האָט זיי כּמעט נישט ריכטיק אַדורכגעליינט און מן-הסתּם פֿארגעסן דעם אינהאַלט און אפֿילו נישט באַהאַלטן דעם נאָמען פֿון ספֿר. לכן בין איך נישט מחויב אים דערציילן דעם אמת און וועל אים געבן נאָכאַמאָל די זעלבע ביכלעך צום ליינען. און טאָמער וועט ער זיך ח"ו דערמאָנען, אַז ער האָט דאָס ביכל שוין אַמאָל געליינט, וועל איך אים געבן אַן אַנדערס מיט אַ תּירוץ, עס איז אַ טעות פֿון מיר.

וכך היה, איך האָב רבי קאַפּלען געגעבן די זעלבע ספֿרים עטלעכע מאָל צום ליינען און ער האָט זיך קיינמאָל נישט דערמאָנט, אַז ער האָט זיי שוין אַמאָל גע-ליינט. אונדזער חבֿרשאַפֿט האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר און זענען צופֿרידן געווען מיטאַנאַנדער, אָן אַ שום מכשול און ווען עס זאָל נישט געווען אָנקומען דאָס גרוי-סע אומגליק, וואָלט ער אפֿשר נאָך עטלעכע יאָר געליינט מיינע ביכלעך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

* * *

— עס איז געווען בין המצרים, עטלעכע טעג פֿאַר תּשעה-באָב פֿונעם יאָר 1906 למספּרם, געווען אַ הייסער זומער-טאָג, די זון האָט געסמאַליעט זייט וואָכן און אויסגעטרוקנט אַלע שינדל-דעכער און די האָלצערנע הייזלעך פֿון שטעטל, אַלץ איז געווען טרוקן ווי שוועבעלעך.

אין דער פֿרי, באַלד נאָכן דאַוונען, האָט זיך געהערט דער ערשטע געשריי אין גאַס „עס ברענט", „עס ברענט" און איידער די מענטשן זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון זייערע שטובער, האָט זיך דאָס פֿייער שוין געהאַט אַריבערגעכאַפּט אויך אויף אַנדערע הייזער און באַלד איז דאָס גאַנצע שטעטל געשטאַנען אין פֿלאַמען. דער איינציקע ברונען, וואָס איז געווען אין מיטן פֿונעם רינעק, האָט נישט געקענט געבן גענוג וואַסער צום לעשן, זענען געשטאַנען די פֿאַר פֿייערלעשער ווי גולם'ס און גאָרנישט געקאָנט העלפֿן.

די שׂריפֿה האָט געדויערט כּמעט אַ מעת-לעת און פֿונעם שטעטל איז גאָרנישט געבליבן, בלויז די גאַסן מחוץ-לעירוב.

דערמיט ענדיקט זיך די געשיכטע, רבי קאַפּעלס הויז און אויך מיין וווינונג, מיט די ספֿרים און אַלע מיינע שטובזאַכן זענען אַוועק אין די פֿלאַמען. מיר ביידע, האָבן באַקומען אַנדערע און וויכטיגערע דאגות, עס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער נע-ונד-לעבן. מיר האָבן זיך פֿאַרלוירן און זיך נישט מער באַגעגנט.

מ. שפרגל

אביגדור שפיגעל ז״ל

אביגדור שפיגעל פון אלטשטאָט ביי ליזשענסק, וועלכער איז אין דער צייט פון היטלער איבערפאַל אויף פוילן אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין מוטער און צוויי יונגערע שוועסטערן, וועלכע דער שטורם האָט ערגעץ פאַרשלעפּט צו די רוסן פון וואַנעט ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף שווערע ארבעט. זיין טרוים איז געווען א מאָל צוריק אהיימקומען צו זיין מוטער און שוועסטער, נישט וויסנדיק וועגן זייער טרויעריקן גורל, אַז זיי זענען אומגעקומען פון די דייטשע נאצישע מערדער.

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער מפּלה פון די דייטשע נאַציס, האָבן די פּוילישע בירגער באַקומען דאָס רעכט צוריק-צו-פאָרן קיין פוילן, אויך אביגדור שפיגעל האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד, קומענדיק קיין פוילן איז ער גלייך אַהיימגעפאָרן, קומענדיק קיין אַלטשטאָט האָבן די פּוילישע אַנטיסעמיטישע באַנ-דיטן אים אכזריותדיק ערמאָרדעט, בלויז פאַר דעם, ווייל ער אלס ייד האָט געוואגט צו קומען צוריק אַהיים.

אביגדור, א יונגער בחור, בערך א 24-25 יאָר אַלט, דער איינציקער פון זיין משפחה, וועלכער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון אומקום פון די דייטשע נאַציס, איז נאָך דער מלחמה אין „דעמאָקראַטישן״ פוילן אומגעקומען פון די הענט פון פּוילישע נאַציס.

זאָל דאָס די פּוילישע מערדער קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

די רביצין מרים פרענקל ז"ל

א בת יחידה פון ליזשענסקער רב האָט רבנית מרים פרענקל געקריגן א יידיש רעליגיעזע ערציהונג און געווען אָנגעזאָפּט מיט ליבע צו תורה און הארציקייט פאַר נויטבאַדערפטיקע. קורץ נאָך איר חתונה צו הר' מנשה פרענקל איז איר מוטער געשטאָרבן און אַלס יונגע בעל־הבית'טע האָט זי געמוזט זאָרגן פאַרביידע הייזער און אַכט געבן, אַז איר פאָטער זאָל נישט אַפּילו זיין עלענדקייט.

זי האָט טיף אָפּגעשאַצט איר מאַן און געטון אַלעס, אים ערמעגלעכן צו לער־נען און זיך אָפּגעבן מיט זיינע פליכטן און נייגונגען.

זייענדיק אין סיביר האָט זי אַרויסגעוויזן זעלטענע מידות פון אויסדויער, מוט, הילפסבערייטקייט און טרייהייט צום מאַן. ווען סאיז אַרויס דער באַפעל אין סיביר, אז יעדער ראש־משפחה מוז גיין אַרבעטן האָט זי געפועלט ביים אָנפירער פון לאַגער מ'זאָל זי נעמען צו ארבייט און באפרייען איר מאַן, ער זאָל זיך קאָנען אָפּגעבען מיט די רעליגיעזע פונקציעס, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אין לאַגער און אויך זיצן און לערנען.

מענטשן פון דעם לאַגער קאָנען דערציילן וועגן חסדים און טובות, וואָס זי האָט געטון פאר דאָרטיקע אָנגעלאָפענע איינזאַמע יידן.



ר' מנשה פרנקל ואשתו מרים ז"ל

די לעצטע יאָרן אין אַמעריקע האָט זי געביינקט קיין ישראל און געוואָלט זעהן דאָס לאַנד פון יידן-טרוים.

די רביצן מרים האָט זוכה געווען דערצו און געשיינט פון גליק, ווען זי האָט מיט אייגענע אויגן געזען דאָס וואונדער פון אַלט-ניי-לאַנד און די מדינה אין איר פולער בליאונג.

ליזשענסקער יידן געדענקען זי און וועלן זי געדענקען אַלס טיפּ פון זייער ליזשענסקער יידיש-חסידישער ערציהונג.

ו. ר.

משה גריזמן ז"ל

מיט משה׳ן האָב איך געלערנט צוזאַמען עברית ביי אים אין שטוב. ביי מיר איז עברית געווען פאַרבאָטן „שפת עמנו" מיט פוילישער איבערזעצונג און שבח וול-קובסקיס בריוו האָבן מיר געשלינגען ווי א פאַרבאָטענע זאַך און ווייל מיר האָבן געוואָלט קענען עברית.

אין 1930 איז ער עולה געווען. איך בין נאָך געווען אויף הכשרה. אין אַפּאָר מאָנאַט שפּעטער זענען מיר עולה געווען עטלעכע פון „הנוער העברי".

ווען מ׳האָט אונדז געבראַכט קיין יפו מאַכן בדיקות, איז משה באַלד געקומען. ביים אוועקגען האָט ער מיר דורך די דראָטן אריינגעשטיפּט אַ פונט און צוגעוואָרפן:

— ביז ווּעסט אָנקומען אין קיבוץ האָב ביי זיך אַפּאָר גראָשן. געקומען אין קיבוץ האָט משה שוין געוואַרט אויף מיר און געזאָרגט איך זאָל וויסן ווי זיך צו פירן, נישט אויסזען א חלוצניק, א אָביעקט צום אָפּלאַכן. ביים סידור עבודה געפאָדערט מיך אויסשטעלן צוזאַמען מיט אים און ביי דער ארבעט מיך געלערנט אַר-בעטן. ער איז געווען פון די בעסטע ארבעטער דאָרט. ביי אים אין אוהל איז שוין געווען צוגעגרייט א בעט פאַר מיר און פּאַפּיר אָנגעגרייט איך זאָל תכף שרייבן אהיים. ערב שבועות דאָן געווען. און ער איז געלאָפן קיין פתח-תקוה די בריוו אוועקשיקן.



חיה דיאַמענט

אויף שבת איז חיה דיאַמאַנט געקומען און אַלע דריי האָבן מיר זיך דערמאַנט אין פאַרגאַנגענע טעג.

משה איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין לאַנד, מיטגעמאַכט חסר עבודה, הונ-גער, כבוש עבודה און נוטרות, שמירה, און זער ליב געהאַט דאָס לאַנד, איז ער אָבער אַזוי יונג אַרויסגעריסן פון לעבן. ער איז איינער פון די ערשטע שענסטע חלוצים-טיפּן פון אונדזער שטעטל.

ר׳ מרדכי גריזמן ז״ל

ר׳ מרדכי איז געקומען אויף א דרישה פון משה׳ן. די פרייד פון זיין פאָרן קיין ישראל קען מען נישט באַשרייבן. ער איז געווען גליקלעך צו זיין דאָ מיט די קינ-דער צוזאמען. אינטערעסאַנט איז געווען צו זען, ווי ער פלעגט משהן מיט לוין אַרויסגעבן די ביקסן צו דער שמירה און\אָפּוואַרטן זיי ביים קומען, זיי אוועקנעמען און אויספּוצן. ער האָט אין דעם אריינגעלעגט אַזויפיל ליבע און געפילט אין באַ-רירונגג מיט דעם געווער דעם גאַנצן טיפן איבערגאנג פון גלות ייד צו א זעלב-שטענדיקן יידישן קעמפער טיפּ. ווי עס שטייט געשריבן ד׳ נלחם לכם ואתם תח-רישו ? ער האָט באַגריפן, אז יידן נישט קעמפער זענען אייגענטלעך א פאַרדרוס צו גאָט און א אָפּנויג פון דעם טיף באַלערנטן פסוק.

יהי זכרו ברוך.

געזעלשאַפט און עקאָנאָמיע

יהושע רוטמן

ק ה ל

די יידישע פּאָליטישע טעטיקייט און פּאָליטישער קאַמף אין שטעטל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט הויפּטזעכלעך/ביי וואלן און נאָך מער ביי קהלה-וואלן, וואָס האָבן געהאַט א ריין אינערלעכער יידישער כאַראַקטער. ס'האָבן געהאַט וואָל-רעכט צו דער קהלה די וואָס האָבן געצאָלט סימפּל-שטייער, ד.ה. אָפּצאָל צו די יידישע קהלה. מערסטנטייל מענער און טיילווייז אויך פרויען, וואָס האָבן געצאָלט אליין דעם סימפּל-שטייער, נישט האָבנדיק קיין מאַן, ווי גרישות, אלמנות און געפירט אליין מסחר. און דאָ איז דער קאַמף געווען זייער שטאַרק. די פרנסי הקהלה אויך דער ראש הקהל זענען געווען בהתנדבות, אָבער דער כבוד איז געשטיגן איבער אַלעמען, יעדער האַלב בכבודיקער ייד האָט געטרוימט פון ווערן א פרנס אין דער קהילה, און דאָ האָבן אלע פּאַרטייען געשטעלט די בעסטע אָנגעזעענסטע פּערזענ-לעכקייטן.

לאַנגע יאָרן האָט ר' קלמן שפּאַץ געהאַלטן דאָס ראש הקהל בענקל, ער האָט געווינט אונטערן קלויסטער, אָבער געווען אָנגעזען און אָנגענאָמען סיי ביי יידן און סיי ביי די פּריצים און רעגירונגס-מענטשן. ער איז געווען געשטיצט כמעט דורך אלע פּאַרטייען פון די ציוניסטן — ווייל ער האָט געשטיצט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און געשפּענדעט פאַר קק"ל, פון די ארבעטער — ווייל ער האָט געשטיצט יעדן בעל מלאכה און געדאַווענט אין שוהל, ווי עס האָבן געדאַווענט מער-סטענטייל בעל-מלאכות, דאָרפסלייט — ווייל די משפחה זיינע האָט געשטאַמט פון דאָרף, נאָר בלויז די חסידים זענען אים געווען דאַגעגן. א לאַנגע צייט איז ער גע-ווען ברוגז מיטן רב. סעקרעטאַר איז געווען גערבער. אין יאָר 1930 האָבן די חסי-דים און אגודה זיך געשטאַרקט, געשטיצט אויך דורך די בעל מלאכות און ראש הקהל איז געוואָרן ר' מאיר משה ענגעלבערג, וועלכער איז אליין אויך נישט געווען קיין ליזשענסקער געבוירענער און געוואָרן געשטיצט אויך דורך דעם גראָדזיסקער פּערטרעטער, וואָס האָבן געהערט קיין ליזשענסק.

די געגנערשאַפט פון די ציוניסטישע פּאַרטייען, די ארבעטער, וואָס זענען געווען פּאַרטרעטן פון ר' אברהם רייכנטל, זענען געווען נייטראַל. אָבער דער שטאַר-קער קאַמף האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי די לעצטע קהל וואלן, פאַר דעם קריג. ער-שטענס, די יידן האָבן שוין נישט געהאַט קיין גרויסע פּאַרטרעטערשאַפט ביי סיים-וואלן, אויך ווייניק ביי די מאַגיסטראַט וואלן, האָט מען די גאַנצע ענערגיע פון

אַלע פּאַרטייען אָפּגעגעבן צו די קהל-וואַלן. אויב אַמאָל האָבן די בעלי-בתים זיך באַקעמפט צוליב כבוד און בענקלעך, האָבן זיך לעצטענס די פּאַרטייען באַקעמפט צוליב אידעאַלן. עס האָט אויך טיילווייז געבראַנגט צו דעם, דאָס א ייד האָט געוואָלט האָבן אַביסל כבוד, האָט ער געמוזט זיין אָנגעהעריג צו א פּאַרטיי. אַזוי האָבן זיך געשטאַרקט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אירע אָפּצווייגן און אויך די אגודת ישראל, אָבער אויך אין יעדער פּאַרטיי איז געווען די קאַנדידאַטן, ווי אויך דעם וועג און פּראָגראַם פון פירן די יידישע טעטיקייט און יידישע אינסטיטוציעס אין שטעטל, ביי די ציוניסטן מיט די אָפּצווייגן, אַלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי, רעוויזיאָניסטן און התאחדות, ווי אויף די לעצטע זיצונג פון די עטלעכע פּאַרטייען, וואָס האָבן ערשיינט אין איין רשימה געווען שטורמיש. פישל שפּערגל, וועלכער איז געווען צווישן די גרינדערס פון ציוניזם אין ליזשענסק האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווידערשטאַנד אינערלעך אין פּאַרטיי צוליב זיין געגנערשאַפט צום רעליגיעזן לעבן, פון די פּאַרייניקטע נאַציאָנאַלע ליסטע איז געוואָרן אויסגעוויילט מאָטל פוסמן, משה קאַרפּ, אַלגעמיינע ציוניסטן שיע וואַנדערער מזרחי, נתנאל קאַרפּ רעוויזיאָניסטן, פון די אגודה רשימה מנדל ירוסלביש, און שלום פייט פון רבס רשימה, די בעלי-בתים מרדכי האַלעשיץ, די חסידים מאיר שטיינבוך, אויך א גראָדזיסקער פּאַרטרעטער.

די נאַציאָנאַלע רשימה האָט געהאַט א גרויסן זיג, האָבן זיי נישט געוואָלט אַליין פירן די קהילה און אויסגעוויילט אלס ראש הקהל דעם בעלזער חסיד ר׳ מייריש שטיינבוך און אפילו מרדכי האַלעשיץ אַליין זייענדיק מזרחיסטיש געשטימט האָט נישט געשטימט געגן. אחוץ די אגודה און דער גראָדזיסקער פּערטרעטער, לויטן באַשלוס די פּוילישע רעגירונג האָט אויף יעדער זיצונג געמוזט זיין אָנוועזנט. דער רב און די נייע קהילה האָט אָנגעהויבן צו מאַכן ענדערונגען, נאָך דעם סימפּלשטייער איז געווען די צווייטע איינקונפט פון דער שחיטה. עס איז נישט געווען לייכט צוזאַמענצושטעלן דאָס געהאַלט פון רב און שוחטים פון די שוואַכע איינקונפטע. די מקוה, וואָס האָט געהערט צו קהל, ווי אויך עטלעכע הייזער, וואָס זענען געבליבן פאַרשריבן פון פאַרשידענע ירושות, ווי דאָס הויז פון הענצי, ווי עס איז געווען די יבנה-מזרחי שולע א.א.וו. סעקרעטאַר מענדל וויינרייך.

די שחיטה, וועלכע איז געווען קאָנטראָלירט דורך פאַרקויפן קוויטלעך צום שעכטן מיט פאַרשידענע פּרייזן אַ קליין עוף, אַ הין, א האָן, אינדיק. די קוויטלעך איז געוואָרן פאַרקויפט פון הערשעלע ראָטענבערג אין שטוב, אייביק צעבראָכענע טרעפּלעך. דאָס געסל אונטער דער צערקווע אייביק איז די פרוי געליגן קראַנק צו בעט, נאָך זיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד האָט דאָס איבערגענאָמען ר׳ עוזר רוזנבליט, וואָס האָט לעצטענס געווינט אין די פּראַראַקאַ גאַס אין דעם הויז פון רבין ר׳ אלימלך׳ס חורבה, וואָס איז געווען זיין פּרנסה, נעמענדיק פּראָצענטער און נישט איינמאָל האָט מען זיך געקריגט אין בית-המדרש ביים העכערן די קוויטלעך-פּרייז מען האָט אָנגעהויבן איינצופירן א שטאַרקע קאָנטראָל ביי דער שחיטה, און די קהילה איז שטענדיק געווען אין דעפיציט און ביז צו דעם קריג איז געווען

די חובות פון דער קהילה זייער גרויס. די קאַסע איז געווען ליידיק און מען האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן די באַאַמטע. מען האָט געדאַרפט נעמען גמילות חסד ביי פאַרשידענע מענטשן. נישט איינמאָל איז פאָרגעקומען שטורמישע זיצונגען, יעדער מענטש האָט געקענט זיין אָנוועזנט אויף די זיצונג פון קהל. זייענדיק אַמאָל זונטיק פאַרנאַכט אויף א זיצונג אין מיטן זומער האָט דער פּאָסט-טרעגער וואלאנע געעפנט די טיר און געגעבן א פּאָסט-קאַרטל ר׳ מייריש שטיינבוך, ער האָט איבערגעליינט דאָס קאַרטל און איז געוואָרן ווייס און געזאָגט צו מיר: שיע לייען און זע עפּעס צו טאָן. אלע קהל-לייט האָבן פאַרשטאַנען, אז ר׳ מייריש שטיינבוך האָט עס מיר געגעבן דאַרף איך עפּעס מאַכן. אָבער מרדכי האָלעשיץ האָט דערביי געזען א באַ-ליידיקונג, אז א קאַרטל אַדרעסירט צו דער קהילה און דער ראש הקהל לייגט דאָס נישט פאר ביי דער זיצונג, נאָר גיט עס שיע רוטמאַן, זיכער איז עס אַ פּאָליטישע זאַך. דאָס קאַרטל איז געוואָרן געשריבן אין א שלעכטע יידישע שריפט, געלייגט ספּעציעל אויף די פּאָסט פאַרמיטאָג, וויסנדיק, אז מען טיילט די פּאָסט אויך פאַר-נאַכט. דאָס שרייבט א דורכגייענדער אָרימאַן וואָס שטאַמט פון לעמבערג און האָט נישט פון וואַנען צו לעבן, נישט זייענדיק קיין בעטלער און קאָן נישט גייען אין די היי־זער, האָט קיין אויסוועג נאָר צו באגיין זעלבסטמאָרד, ער געפינט זיך אין די פעלדער אונטערן באַד און בעט מען זאָל אים העלפן, איידער ער מאַכט דעם גרויזאמען טריט. אין לעמבערג האָט ער א פרוי און קינד און ער וועט זיך הענגען. נעמענדיק דאָס קאַרטל ארויסגייענדיק האָב איך געטראָפן הערש וואַכטעל, אים אלץ דערציילט. ער האָט גענומען א מעסער טאָמער דאַרף מען דעם שטריק חס-וחלילה איבערשניידן, און ריכטיק האָבן מיר געטראָפן א יונגן מענטש, געוויינט אויף זיין פינסטערן און ביטערן גורל, מיר זענען גלייך געגאַנגען צו פינאַלע ענגעלבערג, דאָרט האָט מען געשפּילט אין בילאַרד און געבערנגט דעם אָרימאַן געלט.

ציוניסטישע ארגאניזאציעס

נאָך דעם ערשטן און אויך דעם צווייטן וועלט-קריג איז געקומען א גרויסע ענדערונג אין וועלטלעכן און מענטשלעכן לעבן, אויך דאמאָלס איז געקומען א אַ שטאַרקע ענדערונג, איבערהויפּט אין די רייען פון דער יוגנט. א אויסדרוק פון אייגענע פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט, לייסטן און שאַפן. פאַרשפּרייטן און פאַר-ברייטערן דאָס חברישע לעבן און מער הערשן איבער זיך, נישט אָפּהענגיק פון די עלטערן. דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט מער אין די קליינע שטעטלעך, ווי• די יוגנט איז געווען פאַרשקלאַפט פון הערשונג פון די עלטערן. מען האָט נישט געקאָנט הערשן איבער דעם אייגענעם געדאַנק, פאַרשלאָסן אויף א שלאָס אין די ד׳ אמות פון שטוב, נישט געקאָנט טראַכטן, נאָר בלויז איבערן בלעטל גמרא.

פלוצים, אינסטינקטיוו האָט אַלעס געפּלאַצט. די יוגנט האָט אָנגעפאַנגען הערן קלאַנגען פון אויפרייסן די קייטן און אייגענע הערשונג פון קלערן מיט אייגענעם מוח, מיט אייגענע מיינונגען. אין יאָר 1924 האָט זיך געשאַפן גלייך ווי אלע גאליציאנער שטעטלעך דער השמור הצעיר, וואָס האָט ארומגענומען די גאַנצע יוגנט, וואָס האָבן זיך שוין דאַמאָלס אָנגעהויבן אַוועקרייסן פון פאַרמאַכטן שטוב, מערסטנטייל אָן וויסן פון די עלטערן און מיט פחד, דאָס חס וחלילה די עלטערן זאָלן נישט וויסן. דער השמור הצעיר, וואָס איז דאַמאָלס אין די ערשטע יאָרן פון גרינדונג אין ליזשענסק געווען מערסטנטייל ספּאָרט-קולטור און ווייניק פּאָליטיש, דאָס האָט אַריינגעצויגן ביז 150 יוגנטלעכע פון אַלע שיכטן, ישיבה יינגלעך, גימנאַזיסטן, סוחרים, בעלי-מלאכות א.א.וו. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרצווייגן א טיפע טעטיקייט אָבער נישט אויף לאנגע צייט. אביסל האָבן די עלטערן געשטערט, באַקעמפט גערופן יוסל לאוב, וואָס אין זיין הויז איז געווען דער קן צו א דין תורה, פאַרוואָס ער האָט פאַרדונגען די דירה און דאָס וויכטיקסטע, וואָס א טייל לינקע חברים האָבן געוואָלט באַהערשן און שאַפן א לינקע, נישט ציוניסטישע נעסט. נאָך 1 יאָר האָט זיך דער השומר הצעיר צעפאַלן און עס האָט זיך געשפּאָלטן אויף עטלעכע קלענערע אָרגאַניזאַציעס: אגודת הנוער העברי, כמעט פון בלויז מיידלעך, גורדוניה, און אויך לינקע גרופּע זענען די ארבעטער-אָרגאַניזאַציע, יעצט די טעטיקייט פון די אלע יוגנט-אָרגאַניזאציע.

אגודת הנוער העברי, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם השומר הצעיר פון בלויז מיידלאַך מיט מינדל גריזמן, חייקע דיאמאט, פפי דרילמאַן, חייקה קירשבוים,



דער לאָקאַל־קאָמיטעט

זלטה בורר (אין ישראל), איטה קאָהן (אין אמעריקע), איטקה שפרגל, בלי רינגל, יהודית צייזל אין ישראל.

זיי האָבן אָנגעהויבן משפיע זיין אויף די יונגלעך, וועלכע האָבן געוואָלט גרינדן א באזונדערע יוגנט אָרגאַניזאַציע. ווינטער 1927 זענען צוזאמענגעקומען עטלעכע יונגלעך אין תרבות-לאָקאַל ביי פינאלע ענגעלבערג אויפן שטאָק די צווייטע טיר פון ר׳ שמואל ציצער, בכדי צו שאַפן אויך א קולטור-ווינקל פאר בלויז יונגלעך, עס זענען געווען עטלעכע פאָרשלאַגן פון משה גריזמן ז״ל, געשטיצט פון שייע רוטמאַן, שמואל לויב, וואָוועק הופשטטר מען זאָל צוטרעטן צו די שוין עקזיסטירענדיקע אגודת הנוער העברי. בעריש לעוואנדעל און מוני גריזמן, מען זאָל שאַפן א באזונדערע יוגנט אָרגאַניזאַציע. „הרצליה״ און שלום האלישיצער מיט שמואל הויזער, פאר א בית״ר מיט עטלעכע טעג שפעטער האָט מען אלע אייגעלאַדן אין אגודת הנוער העברי. עס איז געקומען א דעלעגאַט פון׳ מחוז יאַראָסלאָוו דונעק ראַבין צו האָבן אויף די יונגלעך א ווירקונג נישט צו שאַפן קיין באַזונדערע תנועה, ווייל די הרצליה-תנועה׳ וועט זיך במילא פאַרייניקן מיט אגודת הנוער העברי, און מיר זענען געוואָרן באַאיינפלוסט.

שבת ביי דער ערשטער טרעפונג אין דער רוסקאָ גאַס האָבן מיר זיך שוין באַטייליקט. זייער שווער איז געווען פאר די קינדער, וואָס האָבן געשטאַמט פון פרומע היימען, אלס מיט פחד, חס וחלילה עס זאָל ווער נישט באַמערקן און דערציילן אין דער היים. דער יחוס, וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען, איינגעבאַקן פון דורי דורות איז געווען דאָס גרעסטע שטערונג. ווער איז דיין חבר, דער סטאָלעריונג, דער שוסטעריונג. אין אונדזערע הערצער האָט שוין גענומען א עקל צו די ווערטער, שוין נישט געקאָנט מער הערן די באַליידיקונגען אויפן חשבון פון צווייטן חבר.

דער צווייטער פראָבלעם, וואָס האָט שלעכט געווירקט אויף די עלטערן איז דאָס זיין צוזאַמען ייִנגלעך מיט מיידלעך, אין בעסטן און פיינסטן באַהאַנדלונג, אָבער די עלטערן האָבן נישט געקענט פארשטיין, אז עס זאָלן זיך צוזאמענקומען מיידלעך מיט ייִנגלעך אין איין צימער. און דאָס שלעכטע, זיי האָבן נישט געפרעגט די קינדער, וואָס איז אייער מאַכן דאָרט, צוליב וואָס קומט איר זיך צוזאמען, זאָלן געווען פרעגן און זיך אינטערעסירן, וואָלט זיי געוואָרן לייכטער. א טייל האָבן זיך ווידערגעשטעלט. די אָרגאַניזאַציעס זענען געווען פאָרבונדן מיט דער צענטראַלע און באקומען געגוויע אינסטרוקציעס מיט באַשעפטיקן די יוגנט. די יוגנט איז געוואָרן איינגעטיילט אין עטלעכע שיכטן, לויט גדודים, אין יעדן גדוד איז געווען עטלעכע קבוצות, אין יעדער קבוצה ביז 10-12 יוגנטלעכע מיט א ראש קבוצה און יעדער גדוד א ראש גדוד. די הנהגה האָט אָנגעפירט די גאַנצע לייטונג פון קן, אָדער סניף. די הויפט זאַך איז געווען וויסנשאַפט און קולטור, יידישע היסטוריה און תנ״ך, ציוניזם, גרינדונג, שאַפונג פון ארץ-ישראל. ספורט, ארץ ישראל געזאַנג און חלוצישע טענץ, דאָס חברישע צוזאמענלעבן, נאַציאָנאַל און סאָציאַליסטישע

באַוועגונג אין ארץ-ישראל, אויך אויף דער גאנצער וועלט און די הויפט-זאַך עברית.

דאָס שטעטל, וואָס איז געווען נישט איבריק רייך, פיל עלטערן האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו שיקן די קינדער לערנען האָט מען זיי אין די אָרגאַניזאַציעס געלרנט לעזן און שרייבן, אויך אפילו פאַרברייטן די לעקציעס פון די אלגעמיינע רעגירונגס-שולן.

דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו וואקסן מיט די פארשפרייטע טעטיקייט האָט געשטופט די יוגנט צו געפונען א אויסוועג צום בעסערן מאָרגן פון איין זייט, און די השפעה פון די פארצווייגטע ציוניסטישע טעטיקייט א אינערלעכן געדראַנג פון אַפּצורייסן די פאַרזשאַווערטע גלות קייטן. דער שבת איז געווען דער הויפט-טאָג פון די אָרגאַניזאַציעס.נאָכן דאַווענען און נאָך מיטאָג האָט די יוגנט געשטראָמט צו זייערע אָרגאַניזאַציעס. דריי אַזייגער איז פאָרגעקומען דער ראַפּאָרט, אלע לויט די קבוצות מיט דעם ראש הקבוצה. ביי יעדן גדוד, דער ראש הגדוד, אלע אָנגעטאָן אין זייערע תנועה מונדורן, אויסגעשטעלט ארום מיטן אָנפאַנג פון התקוה. די ראשי גדודים האָבן דעם ראַפּאָרט איבערגעגעבן דעם ראש הקן און דער ראש הקן דעם טעטיקייט-פּלאַן אויף די לויפענדע וואָך, און די לעצטע נייעסן פון ציוניסטישן לעבן פון דער לעצטער וואָך. נאָכן ראַפּאָרט האָט יעדע קבוצה געהאַט איר פּלאַן. שבת פארנאכט האָט מען געמאַכט א עונג-שבת. די יוגנט, וואָס איז געקומען צו אכצן יאָר איז סיסטעמאַטיש געוואָרן א חבר אין החלוץ, וואָס האָט געהאַט א אויפגאַבע פון רעאליזירן דעם פּלאַן, וואָס מען האָט אויף זיך גענומען און דאָס איז נישט געווען לייכט, נישט געוואוסט פון א שלעכטן לעבנס-טאָג, ווי שווער עס איז געווען דאָס ארט-לעבן פון די עלטערן, אָבער דעם גראָש געהאַט אין טאַש, נישט געפילט דעם טעם פון פיזישער ארבעט און דאָס געגנערשאַפט פון די עלטערן, וועסט אַרבעטן גלייך מיט די גויים. די פארקריפּעלטע לאָזונגען, אז די שווערע ארבעט דאַרף נישט מאַכן דער ייד, האָט געגוג געברענט ביי די אנטיסעמיטן און דאַך האָבן זיך גלייך פארשריבן צו הכשרה אין אגודת הנוער העברי 10-מיידלעך מיט יונגלעך אין גורדוניה 3, אין צעירי מזרחי 2, אויך אין בית"ר. איך מוז מודה זיין, אז עס איז זייער שווער אָנגעקומען די ערשטע טעג פון ארבעט, סיי אין פעלד און סיי ביי מאַגאַזינען און פאַבריקן, נישט געוואוסט אין וועלכע הענט צו האַלטן א לאָפּאַטע. די זעג האָט נישט געזיגן, די האַק האָט נישט געהאַקט, די פינגער אויסגעצויגן, די הענט און פיס שווער נישט צו דערשלעפּן. די פלייצע איינגעבויגן צו באקומען דעם הוקר. די ארבעטס-קליידער, דאָס שטיקל ברויט און פארברענטע קאַשע, עס האָט געפעלט דער שמייכל פון טאַטן און ליבן גלעט פון דער מאַמען. די קעשענע ליידיק פון א גראָש, אפילו נישט אויף קיין גלעזל סאָדע. עס איז קיינער נישט קיין בעל-בית איבער זיינע קליידער, אלע צוזאמען אין איינעם א שווערן נסיון מיט איינמאָל צו איבערגיין פון איינעם צום צווייטן ארט לעבן. ביי די עלטערן אפילו די עלטערן, וואָס זענען יאָ געווען איינשטימעק און נישט געשטערט דאָס פאָרן אויף הכשרה, זענען די ערשטע טעג געווען א מורה שחורה אין

שטוב. גלייך נאָך צוריק גיין פון די באַן, זי פעלט אין שטוב, אפשר האָבן מיר נישט געדאַרפט זיי לאָזן פאָרן. ווער ווייסט ווי שווער זיי ארבעטן דאָרט, צו האָבן זיי כאָטש גענוג עסן, צו זיי הונגערן נישט, האָבן זיך באַשולדיקט אין די געוועלבן.

מען האָט זיי מיטגעגעבן עטלעכע קליידלעך, עטלעכע האַנטיכער, צוויי פּאָר שיך, זי זאָל דאָס נישט אַוועקגעבן קיין צווייטע. דער פּאָטער פארזאָרגט וועגן די וועקסלען, בעלי-חובות בובלען און פארלייגטע סחורות, קאָנקורענץ און שטייערן, שטיל ביי זיך אין האַרץ לפּחות וויניקער א נדן און דער פּאָסט-טרעגער האָט שוין מיט מזל געבּרענגט דעם ערשטן בריוו, וואָס איז געווען געשריבן מיט איינגעהאַלטענע טרערן, א קאַלטער טראָפּן שווייס האָט בלויז פּארגאָסן די קאָנווערט, אבי נישט דעם בריוו, די הכשרות האָט זיך ביי פיל געפערטיקט, אָבער נישט דערלעבט צו דער עליה, דען שווער איז געווען צו באַקומען א סערטיפיקאָט, טאָגטעגלעך געקוקט אין צייטונג, צי האָט ענגלאַנד באַשטימט די קוואָטע סערטיפיקאַטן, אויך דאָ האָט זיך געשאַפן די ארץ-ישראל קאָמיטעטן: ווארשע, קראָקע, לעמבערג, אזא שטילע פּראָטעקציע, פּחד פאר די קוואליפיקאַציע, פאַלשע הייראַטשיינען, פאַלשע חתונות. דער אלטער גרייז גרוער רב האָט נישט געזען אז דאָס זעלבע יונגל האָט זיך געשטעלט עטלעכע מאָל אינטער דער חופּה. דאָס קדישין פינגערל אָנגעטון זיין אייגענע צווייטע האַנט. פיל עלטערן האָבן דאָס לעצטע שטיקל שמוק פארקויפט פון שטוב אויף הוצאות פאר דער טאָכטער קיין ישראל. די קריג איז שוין געווען אינטער די פּלייצעס. די געגנערישע עלטערן האָבן שוין באַשטאַנען די טאָכטער זאָל פאָרן קיין ארץ-ישראל, אָבער ליידער, דער ברוטאַלישער נאַציזם האָט זיי אומגעבראַכט. און אזוי האָט זיך אָנגעהויבן צו פארשפּרייטן און פארברייטערן די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס פון אגודת הנוער העברי, וואָס האָט זיך צעשפּאָלטן אויף „עקיבא" אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מינדל גריזמאַן און נאָך איר אָפּפאָרן קיין ישראל יוטקע שפּיגל און הנוער הציוני אונטער דער אָנפירערשאַפט פון שיע רוטמאַן.

דאָס ציוניסטישע מנין

אסך יאָרן איז געווען איינגעפירט, אז שמחת תורה האָט מען ארויסגענאָמען א ספר צום לייענען אין תרבות-לאָקאַל. כמעט ווי א חזקה. אסך יונגעלייט און מערסטענטייל די ציוניסטישע יוגנט איז געגאַנגען אפילו יעדן טאָג דאַווענען. שבתים און ימים-טובים געוויס, צוליב אלע היגזיכטן, וואָס זענען געווען איינגעוואָרצעלט פון קינדווייז, און צו שמחת תורה האָט מען געוואָלט דער עולם זאָל אויך שפּענדן פאַר דער תרבות ביבליאָטעק.

געווען אמאָל שמונה עצרת ביינאַכט צו די הקפות זענען געקומען אָרגאַניזירט די אגודה פון זייער לאָקאָל ביי ר' איציק שפּאָץ, איבערן גאנצן וועג מיט געזאַנג, ביז צום בית-המדרש און געפירט אין בית המדרש, ווי מען האָט עס דאמאָלס גערופן אגודה הקפות. אויף צומאָרגענס פרי צו די הקפות האָבן אָרגאַניזירט די ציוניסטן אין בית המדרש ציוניסטישע הקפות און דער עולם האָט צוגעגעבן גערעכט,

דאָס מען האָט נישט באַדאַרפן ערלויבן ביינאַכט מאַכן קיין אגודה הקפות. באַלד נאָך יום-טוב האָבן די ציוניסטישע יונגע-לייט באַשלאָסן צו גרינדן א ציוניסטישן מנין, אויסגעוויילט אלס גבאי שלמה וינשטיין און שמואל לאַנגזאַם, אין הויז ווי עס איז געווען די ציוניסטישע העברעאישע שוהל אין די ריישע גאַס ביי יעקל קראַמף. די גבאים האָבן נישט ערלויבט בשעת התפילה קיין וואָרט אויסרעדן, מען זאָל נישט האָבן צו דערציילן דאָס אין ציוניסטישן מנין דאווענט מען נישט נאָר מען שמועסט, זאָגאָר מנחה-מעריב האָט מען גדאַווענט. אזעלכע יונגעלייט וואָס האָבן געהאַט פחד צו דאַוונען פארן עמוד, האָבנדיק יאָרצייט, האָבן דאָ גדאַוונט ביים עמוד פראנק און פריי. ווען די דייטשן זענען אריין קיין ליזשענסק האָט מען דאָס ספר תורה פערפאַקט אין א שאכטל און פארמויערט אין די וואנט.

די העברעאישע שולן

ווען די ציוניסטישע טעטיקייט האָט זיך געשטאַרקט איז אויך אויפגעוואקסן דער חנוך-פּראָבלעם, כמעט אלע יידישע קינדער האָבן באַזוכט די רעגירונגס-שולן אָבער דאָרט האָט דער רעליגיע-לערער בלויז איין שעה אין דער וואָך געלערנט יידישע רעליגיע אין דער פּויליש‏ער שפּראַך, דאָס האָט זייער ווייניק געגעבן יידישקייט. די יינגלעך האָבן געלערנט אין די חדרים. א טייל אסימילירטע עלטערן, וואָס זענען געקומען דאַוונען בלויז ראש השנה און יו״כ האָבן אויך געוואָלט זייערע קינדער זאָלן וויסן אביסל יידישקייט, האָבן גדונגען א מלמד צו קומען אהיים, צוויי, דריי מאָל אין וואָך. אנדערש איז געווען מיט מיידלעך, זיי האָבן נישט געהאַט קיין חדר, זיך געלערנט א שירל גריזל און דאָס איז געווען ווייניק, האָבן די ציוניסטן אָנגעהויבן צו זוכן א וועג וועגן שאַפן א אייגענעם חנוך-סיסטעם. ווען עס האָט זיך פארשטאַרקט מזרחי אָרגאַניזאַציע מיטן אָנפירערשאַפט פון מאָטל רייז, אהרן הרש רוטמאַן און נאָך. געגרינדעט דאָס ערשטע מזרחי מנין ווי מען האָט נאָר גדאַוונט פרייטיק צו נאַכט און שבת. אויף יעדן שבת איינגעלאַדן יונגעלייט צום דאַוונען. א גאנצע וואָך איז געשטאַנען דער לאָקאַל ליידיק. דאַמאָלס איז געקומען פון לעמבערג א מלמד אלתר גראבארט און געלערנט עברית בעברית, תנך, און שרייבן עברית. דאָס האָט למעשה געהייסן די גרינדונג פון דער העברעאישער שולע.

דער בנין איז אריבערגעגאַנגען אין הויז פון הענציין, וועלכער איז געווען א ירושה צום קהל, אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די העברעאישע יבנה-שול מיט רחל רייז אלס לערערין. עס האָבן געלערנט קינדער פון די ציוניסטישע עלטערן. זיי האָבן באַקומען נאַציאָנאַלן חנוך, אָבער אויך דאָ, ווי ווייט מען האָט געוואָלט פארמיידן פּאָליטיק און אזוי ווי די מזרחי האָט געהאַט איר באזונדערע צענטראָלע און די ציוניסטן באַזונדער האָט מען אָנגעהויבן צו קעמפן פאר גרינדן צוויי באַזונדערע שוהלן. די מזרחי א יבנה-שולע און די ציוניסטן א תרבות-שולע. יעדער האָט געוואָלט זיין פאראייניקט, אָבער דאָך האָט מען זיך געשפּאָלטן. וואָס זענען די קינדער שולדיק, וואָס האָבן נישט פארשטאַנען, וואָס מען וויל פון זיי.

דער קאמף איז געווען א גרויסער, די קהילה, וואָס האָט באַקומען די מערהייט די ציוניסטן מיט מאיר שטיינבאַך בראש, וואָס האָט באַדאַרפֿט פאַרמיטלען א אויס-גלייך, האָט אינצווישן איינגעריכטעט נאָך א צימער אין הענציס הויז, עס זאָל זיין צוויי צימערן פאַר יעדער שולע באזונדער, האָט מען זיך באַשריגן און יעדערער האָט געכאַפּט די טישן און בענק צו זיך, יעדער האָט אויפגעהאַנגען שלעסער אויף דעם צווייטנס צימערן. נישט איינמאָל האָט עס געדראָט מיט געשלעג, ביז די ציוניסטן האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז און איבערגעגאַנגען אין די ריישער גאָס.

נאָך דעם צעפאַלן פון השומר הצעיר, האָט זיך געשאַפן אויך א גורדוניה, אונטער דער אָנפירונג פון מלה און פייגה שטיינבאַך, גניה בלאטבערגער,'א בית"ר מיט מאָטעק שטאָספויגל, אומגעקומען אין רוסלאַנד און א צעירי מזרחי, אונטער דער אָנפירונג פון מענדל וויינרייך, מרדכי ארום. אויך די ארבעטער אָרגאַניזאַציעס, אלס נישט ציוניסטישע באַוועגונג.

די טעטיקייט פון די רעשט ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, די אלגעמיינע ציוניסטן וואָס האָבן געפירט דאָס גאַנצע קולטורעלע, פּאָליטישע לעבן אין שטעטל. זיי האָבן געפירט א גרויסע פאַרשפּרייטע און פאַרצווייגטע ארבעט, געלייסטעט און געהאָלפן געקעמפט און איבערקעמפט, אירע מענטשן האָבן אָנגעפירט אלע יידישע אינסטי-טוציעס.

שקלים פאַרקויפן

די ציוניסטישע טעטיקייט, וואָס איז באַשטאַנען פון קולטור, ווי ביבליאָטעק רעפעראַטן, פאַרשטעלונגען, חנוך, ספּאָרט און מוזיק סעקציעס, אָרגאַניזירן יוגנט, מיט פאַרצווייגטע טעטיקייט האָט אין זיך אויך געהאַט פּאָליטישע טעטיקייט מיט עטלעכע ציוניסטישע געגנזייטיקע שטרעבונגען און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי ציוניסטישע קאָנגרעס-וואַלן, ווי עס האָבן געקעמפט צווישן זיך די עטלעכע הויפּט צוניסטישע פאַרטייען.

קודם האָט מען פאַרקויפט די שקלים, וואָס האָט געהייסן די נאַציאָנאַלע לע-גיטימאַציע. ביי טייל ציוניסטן איז געווען די עהרע פון האָבן אלע ציוניסטישע שקלים, אָנהויבנדיק דעם ערשטן קאָנגרעס און האָבן דערמיט שטאָלצירט, וואָס האָט זיי וויניק געקימערט איבער דעם פּאָליטישן אינערלעכן קאַמף. אָבער די מער-הייט, וואָס זענען געוואָרן אָנגעפירט פון זייערע צענטראַלעס און געוואָרן געהעצט דורך די פאַרשידענע דעלעגאַטן איז דער וואַל-קאַמף צום קאָנגרעס געווען א גרויסער, נישט איינמאָל זענען געקומען ווילן שטאַרק פרומע יידן, נישט האָבנדיק אפילו די מינדעסטע נייגונג צום ציוניזם, נאָר ווייל די קינדער האָבן באַזאָרגט מיט א שקל, ער זאָל וועהלן פאַר די עטלעכע גראָשן פאַר זייער פאַרטיי. די באַ-קעמפטע וואהלן פּראָבלעם האָבן אייביג אָנגעהאַלטן ביי יידן און ביז היינט אין ישראל, איבערהויפּט אין די קליינע שטעטלעך. די פאַרזאַמלונגען און פּאָליטישע רעפעראַטן, אַזוי ווי די אלגעמיינע ציוניסטן זענען געווען די שטאַרקסטע פאַרטיי אין שטעטל איז אויף א זיצונג אויסגעאַרבעט געוואָרן א רשימה פון אירע אָנהענ-

גער. ביי פישל שפרגל אין שטוב זענען געזעסן דריי מענטשן פישל און לייביש שפרגל און שיע רוטמאַן, איז אריינגעקומען סיני הורן, וועלכער איז געווען דער גרינדער פון התאחדות און געכאַפּט די רשימה און ארויסגעלאָפן, ערשט נאָכן אינטערווענירן פון די צענטראלעס האָט ער די רשימה צוריק געגעבן, דאָס איז געווען פאר דעם, אז מען איז געווען פריינדלעך יעדן צו קומען צום צווייטן, אָבער פּאָליטיש זיך באַקעמפן.

די תרבות ביבליאָטעק

איינער פון אירע הופיט גרינדער איז געווען ד״ר בערגער, אַליין טיף אַסימילירט, ווייט פון די יידישע קרייזן האָט ער געהאַט א מאָדנע ציוניסטישע אויפפאַסונג, ער האָט שטאַרק געשטיצט די ביבליאָטעק אויך מיט געלט אָבער קרן-קימת-פושקע נישט אַנערקענט. יעדן חודש געצאָלט אויף קרן-היסוד אָבער אָן א פושקע. זיין שיינעם גאָרטן האָט ער אוועקגעגעבן די חלוצים, זיי זאָלן זיך לערנען ערד-אַרבעט, צו דער עפנונג פון אוניווערסיטעט האָט ער א שיינע רעדע געהאַלטן אויף דער אקאדעמיע.

די ביבליאָטעק איז פאר אים געווען א פאקטאָר פון גרויסער קולטור ענדערונג און מיט התלהבות זיך אָפּגעגעבן מיט איר.

מנדל אַדאַלף איז געווען יאָרן-לאַנג דער ביבליאָטעקער, האָט ער יעדן צוגעפאסט זיין בוך, יעדן!זונטיק פון 3 ביז 7 און יעדן מיטוואָך פון 6 ביז 8 האָט ער פאַרבראַכט אין ביבליאָטעק. נאָך אים האָט פיניע ענגעלבערג איבערגענומען די ארבעט. אין פיניעס צייט האָט זיך די ביבליאָטעק פארדאָפּעלט. דאָס גאַנצע יונגווארק האָט אים געהאָלפן שרייבן קאַטאַלאָגן און קלעפּן נאַלאַפּקעס.

האַנדל און פרנסות

נישט מיט קיין גרויס רייכטום האָבן געגלאַנצט די פרנסות ביי ליזשענסקער יידן. די דאָרפס-פויערן האָבן זייערע סחורות געברענגט צו פארקויפן צום יידן און געקויפט ביי אים. ס׳זענען געווען אויסגערופענע ספעציעלע האַנדלס-בראַנזשעס, וואָס זענען כמעט ווי בירושה איבערגעגאנגען, צו די זעלבע משפחות, ווי טאַנדייט האנדל ביי דער פאמיליע שפרגל, הורן. וואָל האַנדל און געוואַנט ביי די פאמיליעס רוטמאַן, אייער האַנדל פאמיליע רינגעל, יאַטקעס פאמיליע רייכנטאַל א.א.וו.

אגאנץ שטאַרקער האנדל איז געווען מיט תבואה, פלאַקס. ס׳זענען געווען ספעציאליזירט פיל האָלץ פאכמענער און אנדערע זייטיקע האנדעלס-פאכן.

שוואך איז געווען אנטוויקעלט דער בעל-מלאכה סיסטעם. אפשר ווייל יידן האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דער לאָזונג ייד שטיץ דעם ייד. אחוץ אין באַצוג צום מענער-שניידער, ווייל נישט יידישע שניידערס האָבן נישט געקאָנט נייען בעקעשעס און ראזעווילקעס. אָבער אַנדערע פאַכן ווי סטאָליארס, שוסטערס א.א.וו. האָט די יידישע באַפעלקערונג נישט געאַרבעט ביי יידישע בעלי-מלאכות.

די קריסטלעכע בעלי מלאכות האָבן אפילו מערסטנטייל געווינט אויסגעמישט

מיט די יידן און געקאָנט יידיש רעדן, געוווּסט יעדער ווינקל אין דער יידישער שטוב, האָבן דאָס אויסגענוצט ביי פאַרטרייבן די יידן פון שטעטל און פאַרכאַפּן די יידישע פאַרמעגנס.

טייל יידן האָבן איבערגעלאָזט די שליסלען פון די הייזער ביי די קריסטלעכע שכנים און זיי ערמעגלעכט פראַנק און פריי דאָס ראַבירן.

דער האַנדל, וואָס האָט זיך כמעט נאָר אָפּגעשפּיגלט אויף די ירידים, אָדער מאַרק-טאָג, דינסטיק און פרייטיק, דען אגאנצע וואָך האָבן יידן געהאַנדלט צווישן זיך. צו די ירידים-טעג האָבן די בעקערייען געבאַקן פיל מער און געווען אין פולן גאַנג. די שענקען אָנגעגרייט פיל געטראַנקען. די פּרנסה האָט מען געצויגן פון די ירידים טעג.

אין האַנדלס בראַנזשע, וואָס אירע באַשעפטיקטע זענען געפאָרן אויך אויף ירידים אין די נאָענטסטע שטעטלעך איז געווען דער טאַנדייט-האַנדל נישט ווייניק צרות האָט געבראַנגט צו די משפּחות, וואָס האָבן דעם זעלבן האנדל געפירט, זיך באַקעמפט, קאָנקורירט, געווען שונאים אויפן גאַנצן לעבן און אפילו טיילמאָל צווישן אייגענע ברודער. טיילמאָל איז מען געשטאַנען ביים וואָגן סחורה פון פויער און יעדער האָט געריסן צו זיך און די פּוערים האָבן געלאַכט און דאָס אויסגענוצט צו העכערן די פרייז.

געציילטע משפּחות האָבן געפירט א גוטן האַנדל און געצויגן גוטע פּרנסה. מערסטנטייל זענען סוחרים געווען שווער באַלאַסטעט מיט חובות, מען איז ארום-געלאָפן כאַפּן א גמילת חסד, דאָס וועקסל זאָל נישט צום פּראָטעסט גען און נישט פאַרלירן דעם קרעדיט. די שטייערן האָבן פאַרביטערט און פאַרקערצט דאָס לעבן. דער ייד האָט אייביק געדאַכט דאָס ער נאַרט דעם שטייער-אַמט, אָבער עס איז געווען פאַרקערט, די שטייער אָפּטיילונגען האָבן געוווּסט פון יעדער קלענסטע טראַנזאַקציע, אָדער האַנדל. אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן גויים געמאַכט באָי-קאָט, נישט געלאָזט קויפן ביים ייד. דער פויער האָט אפילו ווייטער געוואָלט קויפן ביים ייד, ווייל ער האָט געמוזט זיין סחורה פאַרקויפן צום ייד, האָבן זיי אויפגע-שטעלט קריסטלעכע געשעפטן אין די דערפער, כדי דער פויער זאָל נישט אפילו דאַרפן פאָרן אין שטאָט און נישט פאַרקויפן, אָדער קויפן ביים ייד.

האָלץ-בראַנזשע האָט געגעבן גוטע פּרנסה. מען האָט געקויפט וועלדער, מערסטנטייל ביי פּאָטאָצקין, געהאַקט די בוימער, געשניטן אויף ברעטער און טאַר-טאַק, געהאַנדלט מיט דאַנציג. פיל יידישע האָלץ-פּאַכטמענער האָבן געהאַט דערביי פּרנסה.

שענקען זענען כמעט אלע געווען יידישע. מערסטנטייל האָבן די פויערים גע-טרונקען אין יידישע שענקען. די אייגענטימער האָבן אויך געגוג שרעק אויסגעשטאַ-נען פון די שיכורים. מען האָט נישט געוואָלט באַצאָלן און אויך פיל שאָדן געמאַכט.

שניט-געשעפטן זענען געווען געציילטע, דאָס גרעסטע שניט-געשעפט איז געווען פון אלטער אַנפאַנג. ער אליין שטאַמט נישט פון ליזשענסק, ער האָט אי-בערגענאָמען דאָס קליינע שניט-געשעפט נעבן מאַגיסטראַט פון דער שוויגער

חומאלע רוזנבלאַט מיט עטלעכע שטיקלעך סחורה. זייענדיק א טיכטיקער סוחר, האָט ער נאָך א צייט אָפּגעקויפט דאָס הויז פון דער אלטער פּאָסט, און דאָרט איינגעאָרדענט א גרויס געשעפט מיט עטלעכע אָנגעשטעלטע. ביים אויסברוך פון קריג איז ער אוועק פון ליזשענסק און איבערגעלאָזט די שליסל ביי דער שוויגער. ביים אריינקומען פון די דייטשן קיין ליזשענסק, לויט די קריסטן האָבן דערציילט פון אלתר אָנפאַנג האָבן זיי דאָס געשעפט נישט צעראבירט, נאָר גערופן אלע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ליזשענסק, די שוויגער האָט דאָס געשעפט געעפנט, מען האָט אלעס אויספארקויפט, זי האָט דאָס געלט גענומען און געלייגט אין א זאַק. צוויי דייטשע זעלנער זענען געשטאַנען און געהיטן, מען זאָל נישט ראבירן, יידן האָט מען כמעט נישט צוגעלאָזט קויפן. זי האָט די עטלעכע טעג דאָס געלט צוזאמענגעלייגט און אויסגעציילט. ווען מען האָט צוזאמענגענומען אַלע יידן אין מיטן מאַרק צום ארויסטרייבן, האָבן די דייטשן זי אריינגערופן אין א הויז און דאָס גאנצע געלט צוגענומען און איר געשלאָגן.

א גרויס שניט-געשעפט האָט אויך געהאַט הרב ר׳ יואל משה לאנדאו, דעם שטעטישן רבס זון, אלס רבס זון האָט ער נישט געלערנט אין שולע, אָבער זיינע פוילישע בריוו מיטן שיינעם סטיל און אויסערגעוויינלעכע שיינע שריפט און זיינע פוילישע רעדעס האָבן אים פאָרויסגעזאָגט א געזעלשאַפטלעכע, אָדער רעליגיעזע קאַריערע, אָבער ער מיטן שאַרפן מוח און גרויסע קענטענישן האָט באַשלאָסן, אז ער איז נישט פאר ליזשענסק און באַשלאָסן, ער וועט מצליח זיין אויך אין האנדל. און ס׳איז אים געלונגען. זיין געשעפט האָט געהאַט א גרויסע קליענטורע און גוט געהאַנדלט.

א קליין שניט געוועלבל אין ווינקל פון מאַרק האָט געהאַט רחל רבי מלכ׳ס (ווייסבלום). פיל יאָרן האָט זי געפירט דאָס געוועלבל מיט די עטלעכע שטיקלעך סחורה און האָט קוים געצויגן פרנסה. דער מאַן חוני רב מילכס האָט געלערנט תורה, זיין פוס האָט נישט באַזוכט דאָס געוועלבל, אפילו נישט געוווסט אין וועלכן ווינקל פון מאַרק דאָס געוועלבל געפינט זיך. ער איז געזעסן אין קלויז ימים ולילות, געלערנט און רחלה האָט געפירט די פרנסה.

א שניט געשעפט האָט אויך געפירט יעקל הורן, מערסטנטייל פריציש לייזינג. איצי איזנבערג, דער משכיל האָט נאָר געליינט אין געוועלב העברעאישע ביכלעך, משה נוימאַן, וואָס האָט אויך געהאַט די פארטרעטונג פון רייזע ביורא, א שיין שניט-געשעפט האָט געפירט גולדזי אייזענבערג פיל לאנגע יאָרן און די טעכטער דובצי און רייזל להבדיל לחיים האָבן פיל געהאָלפן פירן דאָס געשעפט. רפאל איצי הויזער — וואָס אלע קינדער זענען געווען באַשעפטיקט אין געוועלב, דען רפאל איזי איז געווען א לערנער, געלערנט א לאַנגע צייט אין בית המדרש מיטן עולם משניות.

שיך-געשעפטן. עס איז געווען די צייטן, ווען מען האָט באַשטעלט א פּאָר שיך ביי שוסטער, מען האָט זיך אליין אויסגעקליבן לעדער, דער שוסטער האָט גענומען די מאָס מיטן שטריקל, איבערהויפּט אפּאָר שטיוול, ווי מען האָט זיי גערופן אָפּי-

צערן שטיוועלעך. די געשעפטן האָבן געהאַט דאַמען-שיך און אַז מען האָט געוואָלט אַ מאָדערנעם שיך צו די תנאים, אָדער חתונה האָט מען געמוזט באַשטעלן. יואל פּעטער האָט אויך געהאַט שטיול צו פאַרקויפן, זיי זענען געווען אויסגעהאַנגען אויפן באַלטן. שמעלקי האָראָוויץ, וואָס האָט געהייסן דער משכיל, איז נישט געווען קיין חסיד אַנשל ווינמאַן וואָס האָט שיין געזונגען און געווען אַ גוטער בעל-תפילה אין בית המדרש, האַנפּלונג, געקומען קיין ליזשענסק, חתונה געהאַט ביי טירקנקופּן.

אייזן-געשעפטן. שמעון פּודרבייטל מיט אַ שיין געשפּיצט בערדל, געשיקט די קינדער לערנען אין גימנאַזיום, זיין פרוי לייצע פּודערבייטל האָט פיל געגעבן נדבות בסתר, לייביש רוטמאַן, וואָס האָט דאָס געשעפט איבערגענאָמען פון פּאָטער בערל רויטמאַן איז אויך געווען אַ שותף מיט זאַבילסקען ביי די ציגעלנע, כמעט דער איינציקער ייד, וואָס האָט געפירט בשותפות מסחר מיט אַ קריסט. געצל וואַסערמאַן אין די ריישע גאַס, בערעש מאַנדל, וואָס שפּעטער האָט עס איבערגעגעבן אליעזר הוניג. קלענערע אייזן-געוועלבן האָט געפירט ישראל כהן, וואָלף וואַקס.

לעדער-געשעפטן. בעער שטראוך, געווען אַ שטאַרקער ידיד פון רב און ליב געהאַט שטעטישע פּאָליטיק. מילך פּעטער האָט געפירט אַ לעדער-געשעפט אין לי-זשענסק פאַרן אָפּפאָרן קיין לאַנצוט. מאיר סובל, אביסל לעדער, אביסל שיך. די טירקנקאָפּס, אביסל אָבערטיילן און אביסל לעדער.

היטלען און קאַפּעלושן. שלום קירשבוים פלעגט פאַרקויפן נאָר שוואַרצע, פלו-שענע און טיכינע קאַפּעלושן, ווייל עס איז נישט שיין אַ העלער קאַפּעלוש, אָס פּאַסט פאַר אַ שגץ, אַ קאַשקעט — אויך ניין, נאָר אַ יידיש היטעלע. שטענדיק איז ער געשטאַנען געפּוצט מיטן בערשטל דעם קאַפּעלוש און צוגעזונגען אַ מה טובה אוהליך יעקב.

אברהם האָלעשיצער, שוין מער מאָדערנע, ער האָט שוין געהאַלטן אין גע-וועלב מער העלע קאַפּעלושן.

געשיר-געשעפט. דאָס עלסטע געשיר-געשעפט איז געווען ישראל בוהט. אין אַלע הייזער זענען די כלים איבערגעגאַנגען בירושה און עס האָבן זיך אין די שטיבן געפונען אַלטע אייזערנע טעפּ, מיטן אָפּגעהאַקטן גלאַזור, פאַר טשולענט האָבן זיי פיל געניצט און געהאַלטן שטאַרק די היץ, אָבער דאָך האָט מען געקויפט נייע, און ביי וועמען האָט נישט געקנאַקט דאָס לאָמפּן גלעזל אַלעמאָל און חנה אסתר זיין פלונעסטע האָט שוין געוווסט וועלכעס נ״ר גלעזל יעדער בעדאַרף, וואָס פאַר אַ לאָמפּ יעדער האָט.

אביגדור לנגבוים האָט די לעצטע יאָרן אויך געפירט כלים געשעפט. ביי מרדכי קליינמאַן אין הויז, זייענדיק אויך אַ גלעזער און אויך פאַרקויפט געשיר, האָט ער געצויגן קליענטן און פרנסה.

טייל בראַנזשן, וואָס זענען געווען איינצעלנע אין שטעטל און נישט געהאַט פון דעם קיין פרנסה, ווי משה קוהל די דרוקעריי, אליין געאַרבעט מיט הילף פון די קינדער, אָבער וואָס האָט מען געדריקט? אביסל פון מאַגיסטראַט, ווייל אַלעס האָט מען געשריבן מיט דער האַנט. געדרוקט חתונה בילעטן און וויפל חתונות זע-

נען געווען איבערן יאָר. אחוץ די דרוקעריי האָט ער געפירט שול-ביכלעך, וואָס איז ביז דעם קריסטלעכן באַיקאָט געווען דער איינציקער קוואַל פון שול-ביכלעך. אויך בעסטע שרייב-געצייג און אויך גאַלאַנטעריע, וואָס אסתרל האָט עס געפירט און נאָך איר אָפּשטאַרבן די׳ צווייטע פרוי מאַני הופשטעטער פּאַפּיר און שרייב-מאַטעריאַל האָט אויך געהאַט זלמן פּייט.

גאַלאַנטעריע געשעפטן זענען געווען מערערע, ווי אברהם נוסבוים, הרש אקנר, זייוול שבעפעל, מאיר שמעון וויטרייך, משה ראָזענבליט.

מעבל-געשעפטן. שלמה וינשטיין, א יונגערמאַן מיט א זיידענע בעקעשי און א הייסער ציוניסט, שטאַרק איבערגעבן, א צייט פאָרזיצענדער פון קק״ל-קאָמיסיע, געפירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע גאַנצע טעג אין געשעפט.

תבואה מסחר. אפשר אַמאָל נישט געהאַנדלט רעיעל מיטן פויער. די וואָג אַהין אהער, א קלאַפּ ארויף א אראָפּ, די קאָנקורענץ איז געווען זייער גרויס, די סוחרים זענען געווען חיים מצגר, שמעון מצגר, בנימין גולדברג, אייצי וואקס, מיר שרייבער.

שענקען. מילך פּאָטאַשער, אָנגיסענדיק דאָס ביר דעם פויער מיטן תהילים אין דער האַנט. קלמן קירשנבליט, מילך נרציזפעלד, וואָס האָט געפירט כלל-טועריי ביים אָנגיסן דאָס גלעזל בראָנפן דעם שכור. יאָסעלע סובל, איבערהויפּט ביי די ירידים אַ גרויס לייזונג.

אויך ביי די באַן האָט יעקל האַמער געפירט א שענק פאַר די פרעמדע געסט. אסך זענען געווען עסנווארג געשעפטן. מען האָט נישט געדאַרפט קיין סד ומבינות, נישט געדארפט פיל געלט אינוועסטירן. נישט געבליבן קיין פארלעגענע סחורה און די קויפערס האָבן געצאָלט קאָסע-געלט, נישט פיל געבאָרגט. די הויפּט געשעפטן האָבן אויך פארקויפט אין דעטאַל און טייל האָבן געהאַט אחוץ דעם הורט-געשעפט נאָך א צווייט האַנדל, ווי מאָטל קאַרפּ:א בעקעריי.

אויך גאלאנטעריע געשעפטן זענען פיל. עטלעכע דעליקאַטעס-געשעפטן.. צוויי סאָדע וואסער פאבריקלעך, וואָס האָבן געמאַכט א קאַרטעל, נישט קאָנקורירן צווישן זיך. איינגעטיילט ווער עס זאָל ליפערן צו די צוקערניעס די באַלאָנען סאָדע-וואסער.

הורט מעהל-האַנדל. משה מילך וידנהיים, מאָטל קאַרפּ. דאָ האָט מען קאָנקורירט, מען האָט געברענגט מעהל פון קרעשוב און טאַרנאָגראָד.

עס זענען אויך געווען גרויסע האנדלס-בראנזשן, וואָס זענען געווען כמעט אליין אָן קאָנקורענטן. ווי איזראעל האָט געהאַט דעם זאלץ-מאָנאָפּאָל. יאָסל גוזיק צעמענט. אייזיק רייפער קונסט-מיסט און פארשידענע מאַשינען, קאלעך, זישאלע גרינבערג. הורט פון בראָנפן קלמן וואָלף שטאָלבאָך. פון טראָפיקן נ. חיים האָלענדער און דער נאָך פּ. רוהט.

וואס ס׳געדענקט זיך

מ. שפּרגל

צוויי ברודער זענען זיי געוועזן

אין א געוויסן טאָג זענען געקומען פון דאָרף „שאַרען״ — סאַרזינאַ קיין ליזשענסק צוויי דערוואַקסענע אָפּגעריסענע יונגע צוויי ברודער, יתומים. ווער זיי זענען געוועזן, האָט קיינער נישט געוווּסט, זיי זענען געוועזן אומבאַקאַנט.

אין אַ שיינעם טאָג, האָט מען געהערט אַ געוואַלד אויף דער גאַס, מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, און מ׳האָט געזען ווי די צוויי ברודער שלאָגן זיך, דער יונגערער האָט געשריגן אלאָ בוגאַ! אלא בוגא! האָט מען אים אויפן אָרט געקרוינט מיטן נאָמען באַגאַץ׳. דער עלטערער ברודער, איז געוועזן, א געזונטער, הויכער יונג מיט צוויי ברייטע פּלייצעס, קיין גוטס פון זיינע שליפעס נישט געשיינט, א פּיסק — א גהינם, מ׳האָט פאר אים מורא געהאַט ווי פארן טייוול, ער האָט נישט געוווּסט פון קיין אלף-בית, ער איז געוואָרן א טרעגער. ווי איך געדענק אים איז ער געוועזן ארומגעגאַרט מיט א גראָבן שטריק ארום די לענדן, תמיד אויסגעמעליגט פון די זיק מעהל, וואָס ער פלעגט אַרויפלייגן און אַראָפּשלעפּן פון די וועגן אין די בעקערייען.

שלאָפן און פרעסן פלעגט ער ביי די גויים, אָדער ער פלעגט גיין צו די חזיר-בודקעס קויפן א שטיק קאָלבאַס מיט אַ שטיק ברויט און פרעסן, קיינער האָט זיך נישט געוואָקט אים עפּעס זאָגן, מען האָט געוואָלט זען, וואָס ווייטער וועט זיין.

יידן האָבן אים נישט געהאַלטן פאר א ייד, און גויים פאר א גוי, מען האָט אים א נאָמען געגעבן איוואַן, זיין ריכטיקער נאָמען איז געוועזן ראובן מינץ, סיי יידן, און סיי גוים האָבן אים גערופן איוואַן, זעלטן ווער עס האָט געוווּסט זיין ריכטיקן נאָמען. צוליב א איניצידענט, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט אין מיינע קינדער יאָרן ליגט זיין נאָמען מיר גוט אין געדאַנק.

איוועז פלעגט נישט קומען אין שוהל א גאַנץ יאָר, נאָך יום-כפור פלעגט ער זיך אוועקלייגן אויפן גראָז נעבן דער שוהל און אַזוי אָפּליגן שעהן.

איינמאָל אלס קליין יונגעלע געוועזן איז דאָס עפּעס א יום-טוב איך געדענק נישט געננוי וואָס פאר א יום-טוב, איך בין אַזוי געגאַנגען אין שוהל צום דאַוונען, פּלוצים דערזע איך איוואַן ליגט זיך צעלייגט אויפן גראָז נעבן דער שוהל, מיין קינדערשע פאַנטאַזיע, וועלכע איז געוועזן אָנגעפילט מיטן גן-עדן און גיהנום, דערזעענדיק איוואַן ליגן, האָב איך גרויס רחמנות באַקומען אויף דער זינדיקער נשמה, וואָס וועט חלילה זיך בראָטן אין סמאָלע און ברענען און פלאַקערן אין גיהנום, מיין צער איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז איך האָב זיך דעצידירט און געוואָלט אים

עפּעס זאָגן, אָבער וואָס צו זאָגן האָב איך נישט געוווּסט. איך האָב זיך צו אים אונטערגעשאַרט און געגעבן אַ זאָג: רבי איוואַן... אין זעלבן מאָמענט, ווי אַ וואָל-קאַן אויסבּרוך, איז ער געגעבן אַ שפּרונג-אויף, איך דערשרעקענדיק זיך פאַר אים, בין אַנטלאָפן, אָבער פאַר מיר איז שוין געפלויגן אַ האָלבער ציגל, ווען ער טרעפט מיר, וואָלט איך אַ טויטער געבליבן.

אַזוי האָט ר׳ איוואַן אַלע זיינע יאָרן אויסגעלעבט אין ליזשענסק, די צוויי ברודער ווי זיי וואָלטן זיך בכלל נישט געקענט, זיי זענען געווען צוויי באַזונדערע טיפּן.

* * *

איינמאָל קומענדיק אין דער פרי אין בית המדרש, איז איוואַן געלעגן צעצויגן אויף אַ באַנק לעבן אויוון, גשוואָלן, באַוווּסטלאָז. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער גע-שטאָרבן, מען האָט אים אָנגעטאָן צוויי זעק און קובר געווען אונטערן פּאַרקן אויפן הייליקן אָרט.

דעם זעלבן טאָג און אייניקע טעג נאָך זיין טויט, האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ סטאַדע הינט און אַרומגעלאָפן אויפן הייליקן אָרט און שטאַרק געבילט.

יידן האָבן געזאָגט, אַז די הינט לויפן אויף „איוואַנס" קבר, כדי אים צו באַ-וויינען.

דער צווייטער, יונגערער ברודער מרדכי באגאַץ, ווי איך געדענק אים, האָט שוין געשפּילט אַ ביסל, אַ בעל-הבתישע ראָלע, אַ ייד מיט באָרד און פאות, אַ שוואַרצן סאַמעט קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, מיט אַ לאַנגן טונקלען איבערציער, שבת אין אַ שטריימל מיט אַ שבתדיקע בעקעשי געקומען אין שוהל צום דאַווענען, גלייך מיט אַלע בעלי-בתים, געהאַט אַ ווייב מיט קינדער, געגעסן כשר און געפירט זיך יידיש. זיין באַשעפטיקונג איז געווען מעקלין צווישן די פויערים אויפן מאַרק, ווער עס האָט געקויפט, אָדער פאַרקויפט אַ פערד האָט ער עס אויסגעפּרוווט; צו ער האָט פאַרדינט מעקלעריי צו נישט, דאָס איז נישט געווען וויכטיק, די הויפּטזאַך, ער פלעגט קומען אין שענק צו מיין פאָטער ר׳ אברהם שפּערגל טרינקען מיט אַלע פויערים „ליטקופּ". וועגן פרנסה האָט ער נישט גערדאַרפט זאָרגן, פרנסה האָט זיין ווייב, די באַקאַנטע „באַגאַטשקע" אריינגעברענגט. זי איז געווען אַ געבוירענע שנאָ-רערין, אין דער וואָכן, געשטאַנען נעבן רבין ר׳ אלימלך׳ס מערה, און קיינעם נישט אריינגעלאָזט ביז מען האָט איר אַ נדבה געגעבן, געריסן פון לעבעדיקע און טויטע, מען פלעגט אויף איר זאָגן, שבת און יום-טוב פלעגט זי אין דער פרי גיין איבער די הייזער מיט אַ גרויסע טאַרבע, צוזאַמענעמען שטוקער קוכן אָדער שטרודל. קיין חלה האָט זי נישט געוואָלט נעמען. נאָכער פלעגט זי יעדן בענטשן, זי האָט גע-האַט אַ לעקסיקאָן פון צווייערליי ברכות, באַזונדערע פאַר שטרודל און באַזונדערע פאַר המוצא חלה. פאַר שטרודל האָט זי געבענטשט מיט ברכות, און פאַר חלה מיט קללות.

אין אַ געוויסן טאָג איז מרדכי באגאַץ געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ אלמנה מיט יתומים, ביז היטלער איז געקומען און אויך זיי אומגעבראַכט.

מ. שפּרגל

מאטעלע דער שטאט־נאר

אונדזער שטאָטישער נאַר מאָטעלע, אָדער מוטינע ווי מען האָט אים גערופן. געבוירן אין אַ אָרימער אָפּגעלאָזטער היים, ביי הערץ משהעלען. נישט געוווסט דעם טעם פון קינדער יאָרן, אויך נישט פון טאָטע מאַמע. די מוטער איז אים יונגערהייט געשטאָרבן, דער פאָטער, האָט געלעבט פון שנאָרעריי, פון חתונות און בריתן און נאָך אייניקע נישט בכבודיקע „באַשעפטיקונגען״... און וועגן זיינע קינדער בכלל נישט געזאָרגט. מאָטעלע, זיין זון, איז ארומגעגאנגען קריעה-בליעה. זומער אין א גרויסן קאַפּעלוש איבער די אויגן, און מיט שמאַטעס אַרומגעהילט זיין שמוציקן גוף, וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געוואַשן, און אפאָר גרויסע צעפליקטע שיך אויף די צוויי קלוצעוואַטע פיס. ווינטער אַ גרויס טיף היטל ארונטערגעלאָזט ביז צו דער נאָז, אז מ׳האָט דאָס פנים נישט ארויסגעזען, תמיד געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געבורטשעט. אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אין בית המדרש ביים אויוון און זיך געוואָרעמט. אין די נעכט געשלאָפן צווישן אויוון אין די בגדים, דאָס איז געווען זיין היים, דער בית המדרש. יידן זענען געווען זיינע טאָטעס, און פון די אַלע טאָטעס איז געווען איינער וועלכער האָט תמיד פאר אים געזאָרגט, ווי א אמתער טאָטע, דאָס איז געווען: ר׳ יוסל מלמד ז״ל. א פרומער הערלעכער גוטער ייד, מיט א גוטמוטיק שמייכעלע, — באַזאָרגט אים מיט עסן, עפּעס אָנטיעכץ א.א.וו.

א גרויסע קוריאָזע סענסאַציע האָט אַמאָל ארויסגערופן ביי די קונדיסים, ווען זיי האָבן זיך דערוויסט, אז מוטעלע הייבט און תפילין צו לייגן. דער טאָג איז ביי זיי געווען א גרויסע שמחה. אין בית המדרש האָבן זיי פון אינדערפרי אָפּגעוואַרט אויף ר׳ יוסל מלמד ז״ל, דערווייל האָבן זיי ארומגערינגעלט מאָטעלען און זיך אַביסל משמח געווען איבער אים, ער איז געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט ווי א אָקס פאר דער שחיטה און געבורטשעט. אין דעם איז ר׳ יוסל מלמד אָנגעקומען, א שיינענדיקער „בעל שמחה״ מיט פול פרייד פאר דער מצוה, וואָס עס ערוואַרטעט אים, מאַכן מאָטעלען פאר א פרומען ייד, ער האָט ארויסגענומען אַ פּאָר נייע תפילין, גענומען דעם „חתן-בחור״ ארויפגערוקט דעם לינקן אַרבל, אָנגעטון די תפילין של יד, ר׳ יוסף האָט געזאָגט הויך די ברכה, מאָטעלע האָט נאָכגעמרוקעט, די חברה קונדייסים ארום אים האָבן געלאַכט און עס האָט זיך געפערטיקט מיט א הויכן אמן. און אזוי האָט זיך דאָס געפירט טאָג נאָך טאָג.

ווען מ׳האָט אויפגעשטעלט דעם „הקדש״ — הכנסת אורחים, פאר דורכרייזענדע אָרעמע-לייט זאָלן האָבן ווי א נאַכט איבערצוטעכטיקן האָט מען פאר די שטאָטישע אָרעמע-לייט אָפּגעגעבן באַזונדערע צימערן, בעטן מיט קישענס און דעקן, האָט ר׳ יוסל מלמד גענומען אונדזער מאָטעלען מיט גרויס פרייד אריינגעפירט אין הכנסות אורחים און אים צוגעטיילט א צימער, געבעט דאָס בעט און דעם תכשיט גוט איינגעדעקט, אזוי ווי ר׳ יוסף האָט אלעס ליב געהאַט צו טון פון גאַנצן האַרצן, פאר אלע אָרעמע-לייט. אַוועק איז ר׳ יוסל א צעפרידענער, ענדלעך האָט

שוין מאַטעלע א צימער, א בעט צו שלאָפן, גלייך ווי אַלע מענטשן. אָבער ווי אי־בעראַשט איז מען געוואָרן, קומענדיק אין דער פרי אין בית־המדרש, האָט מען מאַטעלען ווידער געטראָפן ליגן אויף דער ערד צווישן אויוון.

אויף דער פראַגע פאַרוואָס שלאָפסטו ווידער דאָ? איך קען דאָרט נישט שלאָפן", און אַזוי איז ער געבליבן דער איינציקער „מיוחס" צו שלאָפן אין בית־המדרש צווישן אויוון, ביז עס איז געקומען דער חורבן.

די נאַצישע מערדערס האָבן אויך אין מאַטעלען דערזען דעם געפערלעכן יידן און אים אומגעבראַכט.

מתתיהו שפּרגל

יזוס קריסטוס מיט אַ הוט

זייענדיק אין דריטער אָדער פערטער קלאַס אין דער פאָלקס-שולע (שקאָלאַ-פּאָווישעכנאַ) אין מיטן דער לעקציע, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און ס'איז אַריינגעקומען אַ פּוילישער אָפיצער, אַגוט אויסזעעדיקער און סימפּאַטישער ייִדישער יונגערמאַן, פאַרשטעלנדיק זיך פאַר דער לערערין, באַלד זיך געזעגנט און אין אַוועק.

אין אייניקע וואָכן ארום איז דער זעלבער יונגערמאַן ווידער געקומען, אָבער, שוין ציוויל געקליידעט און מען האָט אים פאַר אונדז ייִדישע קינדער פאַרגעשטעלט אַלס ייִדישער רעליגיאָנס-לערער אין אונדזער שולע.

פאַר אונדז ייִדישע קינדער איז עס געווען אַ גרויסע פרייד, ענדלעך האָבן מיר אויך אַ רעליגיאָנס-לערער. אין יענער צייט איז געווען איינגעפירט, אַז ווען דער גלח איז געקומען לערנען די קריסטלעכע שילערס, האָט מען אונדז ארויסגעשיקט פון דער קלאַס, ווי עפּעס מינדערווערטיקע זשידעס, וואָס האָבן נישט קיין רעכט צו קיין רעליגיע.

אריינקומענדיק נאָך זייער רעליגיע-לעקציע צוריק אין קלאַס, האָבן אונדז באַגעגנט נישט קיין פריינדלעכע, שטעכיקע, סאַרקאַסטישע בליקן, אַזוי ווי מיר וואָלטן אין דער ווירקלעכקייט, אין דער שעה-צייט, וואָס מיר זענען מיט זיי נישט געווען צוזאַמען, זייער גאָט געהרגעט און זיי גרייטן זיך צו נקמה.

נקמה האָבן זיי יעדן טאָג אין אונדז גענאָמען, בשעת אַ איבערייס אונדז געשלאָגן. מיר זענען תמיד געווען אין דער מינדערהייט. ביים אהיימגיין, פלעגן זיי זיך אויף אונדז וואַרפן מיט אַ אויסגעשריי „הוראַ נאַ זשידוב", און פלעגן מיט די בינטלעך ביכער אונדז שלאָגן איבער די קעפּ, און ביים אַנטלויפן פלעגן זיי אונדז נאָכוואַרפן שטיינער, די לערער פלעגן נאָכגיין פון אונטן זיך צוקוקן און נישט רעאַגירן.

מיר האָבן נישט געהאַט פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן. מיטן קומען פון רעליגיאָנס-לערער האָבן מיר געמיינט, אַז מיר וועלן האָבן אויך אַ באַשיצער, אָבער לײדער, האָט ער אונדז נישט געקענט העלפן, ער איז געווען ווי אַ שאָף צווישן אַ סטאַדע ווילדע וועלף. די לערער זענען מערסטענטייל געווען אַנטיסעמיטן. די וועלכע האָבן אונדז נישט דיסקרימינירט, סיקירט, פלעגן זיך אָבער גלייכגילטיק צוקוקן צו די שיקאַנעס פון די קריסטלעכע שילער געגן אונדז.

איך געדענק איין לערער מיטן נאָמען דאָלענגע, אַ ברענענדיקער כלב, מ'פלעגט זאָגן, אַז זיין מוטער האָט געהייצט שבת אין ייִדישע שטיבן און פאַר דעם באַקומען „המוציא קוילעץ". מעגלעך, אַז מיט דעם מוציא קולעץ האָט זי אויך איר זון געקאָרמעט, פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואַקסן אַזאַ ברענענדיקער אַנטיסעמיט, וואָס פלעגט זיך נוקם זיין איבער ייִדישע קינדער אין דער שולע.

ספּעציעל האָט ער ליב געהאַט זיך צו איזדעקעוון איבער יצחק שטאַלבאַך,

ער האָט אים נישט אַנדערש גערופן נאָר „איציק" און זיך איראָניש אונטערשמייכלט, שטענדיק פלעגט ער אים פרעגן פראַגן, וועלכע ער האָט אים נישט געקענט ענטפערן. פלעגט ער אים אַרויסרופן און אַזאָג טאָן „יופּה דאָ גורי", — דאָס האָט געהייסן ער זאָל אויסהויבן דעם מאַנטל — „פּאַלוזש סיען נאַ לאַווקע"! דאָ פלעגט ער זיך אַריבערלייגן אויף דער לאַווקע, און ער פלעגט מיט א שטעקן אים אַריינשניידן אין אונטן, וויפל עס האָט זיך געלאַזט, און די קריסטלעכע שילער פלעגן קייכן פאַר הנאה.

✶

רעליגיע פלעגן מיר לערנען אין דער זעלבער צייט וואָס די קריסטלעכע שילער. ווען דער גלח פלעגט קומען צו דער לעקציע, פלעגט אויך אונדזער לערער קומען, און מיר פלעגן אַריבערגיין אין א באַזונדערן קלאַס לערנען.

איינמאָל האָט זיך דער רעליגיע לערער פאַרשפּעטיקט צו קומען צו דער לעקציע, און מיר זענען געווען אין קלאַס און געוואַרט אויף אים. אויס לאַנגווייליקייט פון וואַרטן, האָט אביש רייכנטאַל מיט זיין קוזין העטאַלע רייכנטאַל, וועלכער איז אויך געווען זיין נאָענסטער חבר, אָנגעהויבן צו כאַפּן אונדזערע היטלען און וואַרפן זיי אין דער לופט. מיר יונגלעך האָבן זיך געיאָגט נאָך די היטלען, אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז איין היטל איז געבליבן הענגען אויף יעזוסעס קאָפּ, וועלכער איז געהאַנגען אויף דער פראָנט-וואַנט.

אביש מיט העטאַלען זענען גלייך אַנטלאָפן און מיר יונגלעך זענען געבליבן פאַרגליווערט און גרויסן פחד. ווער ווייסט, וואָס אונדז ערוואַרט. דאָס מזל איז געווען, וואָס אין אַלע קלאַסן האָט מען שוין געלערנט און קיינער איז נישט אַריינגעקומען.

באַלד איז געקומען דער רעליגיע לערער, דערזעענדיק דאָס, איז ער געוואָרן ווייס ווי די וואַנט און האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדן, נאָכער האָט ער געפרעגט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, עס פאַרשטייט זיך, אז מ'האָט אַלעס אַרויפגעלעגט אויף אַבישן מיט העטאַלען, וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן. דער לערער האָט גלייך פאַרמאַכט די טיר און אין א ווינקל איז געשטאַנען אַ צעבראָכענע לאַווקע, האָט ער אָפּגעריסן א לייסט פון איר און זיך אַרויפגעשטעלט אויפן טיש און דאָס היטל אַראָפּגענומען.

מ'קען זיך פאַרשטעלן, ווען עס קומט אַריין א קריסטלעכער לערער און באַמערקט דאָס, וואָלט ער נאָר געקענט זאָגן, אַז די יידן ביים לערנען רעליגיע טוען אָן דעם יוזל א היטל.

מ. שפערגל

קליינע עראינערונגען

ר׳ מאיר יואל רוטמאַן, א ייד, א הדרת-פנים, מיט א לאַנגע שניי-ווייסע באָרד אין דער זייט אויפן האלדז געהאַט א גרויסן גויי צוליב וועלכן ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַנגעבויגן אַביסל אין אַ זייט. געווען אַ ייד אַ גרויסער חכם, אָבער נאָך א גרעסערער וויצלער.

ליגנדיק אויפן טויטן בעט האָט ער צוגערופן זיין ווייב און געזאָגט צו איר: טאָ אָן די שבתדיקע קליידער מיטן צירינג. זי האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין. מאיר יואליש די ביזט אזוי קריינק און הייסט מיר אָנטאָן די שבתדיקע קליידער מיטן צירינג! יאָ, יאָ, טאָ אָן, ווען דער מלאך-המות וועט קומען וועסטו אים אפשר בעסער געפעלן ווי איך.

***

ר׳ יעקל הורן ז״ל האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער פעפציע מיט לייביש רוטמאַן, דאָס הויז איז געווען פיל מיט מחותנים און געסט. אין דעם איז אריינגע-קומען הערץ-משהלע, ר׳ יעקל דערזעענדיק אים האָט ער אויסגערופן: הערץ-משה! וואו ביזטו! איך זיך דיך אָרום, צו דיר האָב איך צוטרוי, איך וויל זאָלסט מיר אָכ-טונג געבן אויפן זילבערנעם עסצייג.

***

